STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01721

ZIKHROYNES FUN A NIKOLAYEVER SOLDAT

Dan Kaplanowicz

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

№ 160

זכרונות

פון א ניקאלאיעווער סאלדאט

באַאַרבעט פון ד. קאפלאנאוויטש.

ווילנע — 1921.

ווילנער פאַרלאַג פון ב. א. קלעצקין.

ווילנער פארלאג
ב. א. קלעצקין

נאָכדרוק פארבאָטן

דרוקעריי „ווילנער פארלאג״ פון ב. א. קלעצקין, ווילנע, קליין סטעפן־גאס 23.

דידאָזיקע זכרונות האָט אָנגעשריבן אַ 75-יאָריקער יידישער פעלדשער פון וואָלקאָווישק, סובאַלקער גובערניע, וועלכן מ'האָט אַלס קליינעם יינגל אָפּגעגעבן אין סאָלדאַטן און האָט אָפּגעדינט גאַנצע 25 יאָר לויט דעם אַלטן ניקאָלאַיעווער רעקרוטן-סטאַטוט.

ווען איך בין אַלט געווען פינף יאָר, געדענק איך, ווי די מאַמע האָט מיר אָנגעטאָן אַ נייעם קאָרטענעם אַרבע-כנפות, האָט מיר געגעבן אין האַנט אַריין פינף גראָשן און האָט געזאָגט: „גיי, מיין קינד, מיט די געלט אין בית-המדרש און וואַרף דאָס אַריין אין פושקע; טאָמער וועסטו אויפן וועג באַגעגענען אָרימעלייט—צעטייל זיי". דערביי האָט מיר די מאַמע פעסט צוגעדריקט צום האַרצן, האָט אַ שווערן זיפץ געטאָן און גערעדט צו מיר: „געבענטשט זאָלסטו זיין, מיין קינד, און ס'זאָל פון דיר אַרויסקומען אַזאַ צדיק ווי מיין טאַטע, אַ ליכטיקן גן-עדן זאָל ער האָבן". מיין טאַטע האָט מיך ליב געהאַט מער פאַר אַלע קינדער דערפאַר, וואָס איך האָב געהייסן נאָך מיין זיידן, וועלכער איז אַמאָל געווען אַ רב אין אונזער שטעטל. מיין מאַמע האָט דורכאויס געהאָפט, אַז איך וועל זיין גערעכט אין זיידן און וועל אייך ווען ס'איז זיין רב.

צו זעקס יאָר האָט מען מיך אָפּגעגעבן אין חדר צו ראובן דעם מלמד, וועלכער האָט געהאַט אַ צונעמעניש „דער קאָזאַק". פאַרוואָס האָט מען אַזוי גערופן מיין רבין? ראובן דער מלמד האָט געהאַט אַ טבע צו ריידן אַ סך וועגן פּאָליטיקע, אַלעמאָל בין-מנחה-למעריב פלעגן זיך אין בית-מדרש אַרום אויוון צוזאַמענקלייבן שטעטלשע יידן, און ראובן דער מלמד פלעגט זיי אויפקלערן אַלע שווערע עניינים. אמת, קיין צייטונג האָט ראובן דער מלמד קיינמאָל ניט געלייענט, ווייל אַ צייטונג פלעגט דאַמאָלסט נאָר באַקומען דער פריץ פון שטעטל און דער פּריסטאַוו. פונדעסטוועגן האָט ראובן אַלץ געוואוסט, און איבערהויפּט האָט ער געהאַט אַ גרויסע ידיעה אין מלחמות. איינמאָל האָט מען ביי אים געפרעגט: „ר' ראובן! ווען וועט קומען משיח?" ראובן דער מלמד האָט אויף דעם געענטפערט: „ס'וועט אינגיכן קומען די צייט, ווען אדום וועט מלחמה האַלטן מיט ישמעאלן, דאָס הייסט, אַלע מלוכות וועלן מלחמה האַלטן מיטן טערק, וועלכער וועט כאַפּן אַ מפּלה, און אונז, יידן, וועט מען אָפּגעבן ארץ-ישראל.

אַך, האָט מיט היץ דאַמאָלסט אויסגעשריען ראובן דער מלמד: אַז איך וועל דערלעבן ביז יענער צייט—וועל איך מלחמה האַלטן ווי אַ קאָזאַק!" אַלע האָבן זיך דאַמאָלסט פונאַנדערגעלאַכט, און פון דאַמאָלסט אָן האָט מען מיין רבין אַ נאָמען געגעבן „ראובן דער קאָזאַק".

ס'מאַכט אָבער ניט אויס. דער בעסטער מלמד אין שטעטל איז פאָרט געווען ראובן, און ווען מיר איז געוואָרן זעקס יאָר, האָט מען מיך אָפּגעגעבן צו אים אין חדר. צו ראובן דעם מלמד פּאַסט אָבער ניט צו שיקן אַ תלמיד אין אַ צעריסענער קאַפּאָטקע. די מאַמע האָט באַלד גערופן דעם איינציקן שניידער, מען האָט מיר גענומען אַ מאָס, און צייט עטלאַכע טעג איז שוין פאַרטיק געווען פאַר מיר אַ נייער בגד. איר האָט אָבער געדאַרפט זען אַ קאַפּאָטע! אין יענע יאָרן האָבן יידן ביי אונז געטראָגן לאַנגע בגדים, און טאָמער האָט עמיצער אַמאָל אָנגעטאָן אַ קירצערן—האָט מען אים גערופן „דער דייטשל". איז טאַקע מיין קאַפּאָטע געווען אַ סך לענגער פאַר מיר, און כדי ס'זאָל זיך ניט שלעפּן איבער דער ערד, האָט מיך די מאַמע אונטערגעגאַרטלט מיט אַ שטריקעלע. דערצו האָט מען מיר נאָך אָנגעטאָן אַ סאַמעטענע יאַרמולקע, אויסגעקרייזלט די פּיאות, און די מאַמע האָט געזאָגט: „איצטער, מיין קינד, וועלן מיר גיין אין חדר".

אויסגעזען האָב איך דאַמאָלסט, מסתמא, ווי אַן אמתע „סטראַשידלע", אָבער אין דער מאַמעס אויגן בין איך געווען שיין, ווי די ליכטיקע זון, און כדי מען זאָל מיר חלילה קיין עין-הרע ניט געבן, האָט זי מיר אַרומגעוויקלט אַרום די הענט רויטינקע סטענגעלאַך.

ביז דער לעצטער מינוט האָב איך אַלץ ניט געוואוסט, צו וועלכן מלמד מען גיט מיר אָפּ, און ווען כ'האָב דערהערט פון דער מאַמען, אַז איך וועל לערנען ביי ראובנען — האָב איך זיך ניט געקאָנט איינהאַלטן און האָב זיך פונאַנדערגעוויינט אויפן קול. פאַרוואָס? גיט איך אַליין האָב מורא געהאַט פאַר ראובן דעם קאָזאַק. אַלע שטעטלשע קינדער האָבן זיך פאַר אים געשראָקן, וואָרים ראובן דעם מלמד פלעגט רייסן די תלמידים פאַר די אויערן און פלעגט שמייסן מיט אַ צעפּלינקע. איך האָב געוויינט און געבעטן זיך: כ'האָב מורא געהאַט פאַרן קאָזאַק! און די מאַמע האָט מיר געטרייסט, אַז ביי ראובן דעם מלמד אין חדר וואַקסט מען אויס אַ רב און, אַז גוטע מלאכים וואַרפן דאָרטן גילדערנע לעקאַכ-

לאַך די קינדער, וואָס ווילן לערנען. די מאַמע האָט מיר אויסגעווישט מיט איר פאַרטוך די אויגן, האָט מיר פאַרריכט די פּאות און אויפגעהויבן מיך אינדערהויך, איך זאָל אָקוש טאָן די מזוזה. איך האָב אויפגעהערט וויינען און מיר האָט זיך שוין געוואָלט, וואָס גיכער זיין אין חדר—זען דאָרט די גוטע מלאכים מיט די גילדערנע לעקאַכלאַך.

אַז איך בין אַריין מיט דער מאַמען אין חדר, האָט מיר דער רבי באַלד אַ גלעט געטאָן איבערן באַק און געזאָגט: שעם זיך ניט, חיימל— דו ביזט אַ וואוילער יינגל. די רביצין חוה האָט מיך באַטראַכט פון אויבן ביז אַראָפּ און האָט געזאָגט צו מיין מאַמען:

— „סאר אַ פּראַכט פון אַ קאַפּאָטקעלע איר האָט אויפגענייט פאַר אייער היימלען—ס׳ליגט דאָך אויף אים, ווי אויסגעגאָסן! היינט די יאַר־מאָלקע—ס׳איז דאָך אַ מאכל צו קוקן אויף אים: מען זאָל אים חלילה קיין עין־הרע ניט געבן״.

דער רבי האָט מיך אַנידערגעזעצט אויבנאָן, ביים גרויסן טיש, האָט אַוועקגעלייגט לעבן מיר אַ גרויסן „אלף־בית״, און האָט בעת־מעשה גערעדט מיט מיין טאַטן וועגן שכר־לימוד. די מאַמע האָט זיך געזעצט מיט חוה די רביצן אין אַ ווינקל, און האָבן איינע דער אַנדערער דערציילט וועגן די געראָטענע חלה פון שבת, וועגן די געפילטע פיש און וועגן דעם מערן־צימעס.

— מיט אייך וועל איך זיך ניט דינגען—האָט דער רבי גערעדט צו מיין טאַטן: מיר זיינען דאָך עפּעס ביידע מלמדים. ביי אַלעמען נעם איך צוואַנציק גילדן פאַר אַ זמן און ביי אייך—פופצן גילדן. דערביי האָט זיך דער רבי אַראָפּגעזעצט אויף אַ שטול, האָט גענומען אַ גרויסע טייטל אין האַנט, און ווייזנדיק אויפן ערשטן אות, האָט ער געזאָגט:

— נו, הייב אָן! זאָג אלף...

ס׳איז מיר געוואָרן הייס אינגאַנצן גוף. איך האָב אָבער געזאָגט הויך, אויפן קול, און בשעת איך האָב אויסגעשריען „תיוו״, איז מיר אַראָפּגעפאַלן אויפן אלף־בית אַ גרויסער לעקאַך.

איך בין געוועזן אַזוי גליקלאַך מיטן לעקאַך, אַז כ׳האָב בעת־מעשה גאָר פאַרגעסן צו מאַכן אַ ברכה און האָב געוואָלט אים אָנהייבן עסן. דער רבי האָט מיר אַ קניפּ געטאָן אין באַק און האָט געשמייכלט צו מיין טאַטן.

— אַ וואוילער ייִנגל—ער וועט, אם ירצה־השם, זיין אַ לייט.

מיין מאַמע מיט חוה די רביצן האָבן זיך צוזאַמענגעלייגט צו פינף גראָשן. מען האָט געקויפט בראַנפן, טאָרט, אַ הערינג און געבייטלטע ברויט, און ס׳האָט זיך אָנגעהויבן לכבוד מיין אָנקומען אין חדר אַ גרויסע סעודה. מען האָט געטרונקען לחיים, מ׳האָט איינע די אַנדערע גע־וואונטשן געזונט מיט פרנסה, מיך האָבן אַלע געקניפּט פאַר די באַקן, און מיין טאַטע מיטן רבין זיינען געוואָרן אהבת־נפש, כאָטש זיי זיינען ביידע געוועזן מלמדים. מיין מאַמע מיט חוה די רביצן זיינען אויך געוואָרן גוטפריינד. די רביצן האָט געוואונטשן מיין מאַמען, זי זאָל אויסשטריקן וואָס מער זאָקן און האָבן פרנסה, און מיין מאַמע האָט געוואונטשן דער רביצן, אַז איר ציג זאָל געבן וואָס מער מילך.

אומזיסט האָב איך זיך אַזוי געשראָקן פאַר ראובן דעם מלמד. אמת, ער פלעגט אַמאָל אָנדרייען אַ תלמיד פאַרן אויער און ס׳האָט געטראָפן, אַז ער האָט אַפילו געשמיסן מיט דער צעפּלינקע אויך. אָבער ערשטנס פלעגט דאָס טרעפן זייער זעלטן—נאָר אין אַזעלכע טעג, ווען דער רבי איז געוועזן ניט אינגאַנצן געזונט אָדער ער איז געוועזן הונגעריק. צווייטנס, האָט ער געשמיסן נאָר די גרויסע שטיפער. איך אָבער בין געוועזן אַ רואיקער ייִנגל, און דער רבי האָט מיך קיינמאָל ניט אָנגערירט.

געלערנט ביי ראובנען האָב איך נאָר צוויי זמנים—מער האָט מיין טאַטע ניט געקאָנט צאָלן קיין שכר־לימוד, און ער האָט אַליין מיר גע־לערנט. אַזוי איז געגאַנגען איין זמן נאָך דעם אַנדערן, ביז איך בין אַלט געוואָרן עלף יאָר. אין יענע צייטן האָט זיך אַן עלף־יאָריקער ייִנגל שוין גערעכנט פאַר אַ גרויסן בחור, און ביי דעם טאַטן מיט דער מאַמען איז געבליבן צו קויפן מיר דעם ערשטן שבת „מפטיר". מיין טאַטע האָט מיר פריער פאַרהערט די הפטורה, כדי ער זאָל פון מיר אין בית־מדרש קיין בזיונות ניט האָבן, און לכבוד דעם מפטיר האָט מיין מאַמע אויסגעבאַקט אַ גרויסן טאָרט און האָניקלעקאָך.

דערדאָזיקער ערב־שבת איז געוועזן אַ גרויסע שמחה פאַר מיין טאַטן און מאַמען. פריער האָט מיך דער טאַטע געפירט אין מרחץ און דערנאָך האָט ער אויסגעטרייסלט פון זיין בייטעלע די לעצטע עטלאַכע קאָפּיקעס און אַוועקגעשיקט מיך קויפן בראַנפן, וואָרים מיין מאַמע האָט

דורכאויס געוואָלט, אַז מען זאָל שבת נאָכן דאַוונען פאַרבעטן עטלאַכע מענטשן אויף כּיבּוד.

גייענדיק מיטן פלעשל נאָך בראַנפן, האָב איך זיך ניט געקאָנט איינהאַלטן פון פרייד. אַ קלייניקייט דאָס איז: מאָרגן וועט מען מיך אויפרופן צו דער תּורה, איך וועל זאָגן הויך אויפן קול די הפטורה. דערנאָך וועלן קומען צו אונז קרובים און אַזוי שיינע בעלי־הבתּים, מען וועט טרינקען „לחיים", מ׳וועט זינגען זמירות און מ׳וועט זיין אַזוי פריילאַך!

שפּרינגענדיק און טאַנצנדיק בין איך געלאָפן מיט דער פלעשל אין דער האַנט אויף דער גרויסער וואַרשעווער גאַס, און פּלוצלונג האָב איך דערזען פאַרבייפאָרנדיק אַ גרויסע פור מיט אַ בּויד. אין וואָגן זיינען געזעסן צוויי יידן פון מיטעלע יאָרן און לעבן זיי—אַ גויאישער פורמאַן. איינער פון די יידן האָט מיך באַלד אָרוף געטאָן נעענטער צום וואָגן און האָט ביי מיר געפרעגט, וואו וואוינט דאָ דער שענקער?

— אָט דאָ ניט ווייט—האָב איך אים פריילאַך געענטפערט: איך גיי דאָס טאַקע איצטער אַהין נאָך בראַנפן.

— זעץ זיך מיט אונז אויפן וואָגן — האָט דער ייד מיט אַ גוטן שמייכל געזאָגט: זעץ זיך, מיר וועלן דיך אונטערפירן ביזן שענק.

באַלד, ווי איך האָב זיך נאָר אַריינגעזעצט אין וואָגן, האָבן די יידן עפּעס אַ זאָג געטאָן צום פורמאַן אויף גויאיש, און די פערד האָבן תּיכּף אָנגעהויבן טראָגן און לויפן מיט אַזאַ אימפּעט, אַז ס׳האָט מיר פאַרכאַפּט דער אָטעם. ווען מיר זיינען פאַרבייגעפאָרן דעם שענק האָב איך אויסגעשריען: אָט איז דאָס! און כ׳האָב געזאָגט די יידן, אַז זיי זאָלן הייסן דעם פורמאַן זיך אָפּשטעלן. אָבער זיי האָבן מיר גאָרניט געענטפערט, און די פערד זיינען נאָך שנעלער געפלויגן, ביז מיר זיינען אַריינגעפאָרן אין אַ וואַלד. דאָ האָט זיך די פור אָפּגעשטעלט, די יידן זיינען אַרויסגעקראָכן פון וואָגן און האָבן זיך געשטעלט דאַוונען מנחה.

די ערשטע ווײלע בין איך געבליבן שטיין ווי אַ צעטומלטער: וואָס טוט זיך דאָ מיט מיר? וואו בין איך? און תּיכּף האָב איך פאַרשטאַנען, אַז די צוויי יידן זיינען דאָס מסתּמא כ אַ פ ע ר, וועלכע גיבן אָפּ יידישע קינדער פאַר סאָלדאַטן.

כ׳האָב אָנגעהויבן שרייען מיט שרעקלאַכע קולות: מאַמע! און דערביי האָב איך זיך פונאַנדערגעוויינט און געלאָזן זיך לויפן צוריק צום

שטעטל. דער פורמאַן האָט מיך אָבער באַלד אָנגעכאַפּט און ער האָט מיך געהאַלטן שטייף אין זיינע הענט ביז די יידן האָבן אָפּגעדאַוונט מנחה. געדעדס האָבן די יידן מיט מיר גאָרניט. זיי האָבן מיר נאָר ווידער אַריינגעוואָרפן אין וואָגן, און די פערד האָבן זיך פון דאָס ניי געלאָזן לויפן איבער בערג און טאָלן דורך שמאָלע וועגן פאַרביי וועלדער און פעלדער.

מיר זיינען אַזוי געפאָרן ביי אַ שעה צייט, ביז די פור האָט זיך אָפּגעשטעלט לעבן אַ קליינער נידעריקער דאָרפישער שטיבל, וואו ס׳האָבן שוין געברענט די שבת־ליכט אויפן טיש. אַז איך בין אַריין אין שטיבל, האָב איך באַלד דערהערט אַ געוויין. איך האָב זיך אַ דערשראָקענער אַרום־געקוקט אויף אַלע זייטן און האָב דערזען אין אַ ווינקל אויף דער ערד ליגט איינגעדרייט אין דרייען אַ קליינער יינגל פון מיינע יאָרן און קלאָגט מיט ביטערע טרערן.

די יידן האָבן דורכאויס איינגערעדט דעם יינגל, ער זאָל אויפ־הערן וויינען און זאָל בעסער דאַוונען מעריב, און מיר האָט זיך פון אָנהויב געדוכט, אַז דאָס איז דעם בעל־הביתס אַן אייגענער צו־לאָזענער יינגל. אַ ביסל שפּעטער, הערנדיק זיינע טענות און זע־ענדיק זיינע גרויסע טרערן אויף די באַקן, האָב איך שוין פאַרשטאַנען, אַז ער איז אויך, ווי איך, אַ קליינע פייגעלע, וואָס מ׳האָט מיט גוואַלד אַרויסגעכאַפּט פון נעסט.

מיך האָבן די יידן באַלד אַנידערגעזעצט ביים טיש לעבן די שבת־ליכט, זיי האָבן מיר געגעבן אַ גרויסן סידור, און איך האָב געזאָגט „לכו נרננה". ס׳האָט זיך מיר בעת־מעשה אַפילו זייער געוואָלט וויינען און טרערן זיינען מיר שוין געשטאַנען אין די אויגן. איך האָב זיך אָבער באַלד דער־מאָנט, וואָס מיין טאַטע פלעגט אַלע מאָל זאָגן: שבת וויינען איז אַ גרוי־סע עבירה. איך האָב געזאָגט „לכו נרננה" הויך אויפן קול, און די יידן האָבן מיר דערפאַר געקניפּן פריינדלאַך פאַרן באַק און געלויבט:

— אַ וואוילער יינגל.

די כ אַ פּ ע ר ס אַליין האָבן איך געדאַוונט מיט גרויס כוונה. זיי האָבן געזונגען, האָבן זיך געשאָקלט און האָבן געמאַכט אַזעלכע העוויות, ווי זיי וואָלטן געווען אמתע חסידים. אַז זיי האָבן אָפּגעדאַוונט מעריב — האָט מען זיך געוואַשן עסן, געמאַכט אַ פריילאַכן קידוש, און די כ אַ־

פ ע ר צוזאַמען מיט דעם בעל־הבית און בעל־הביתטע פון שטוב האָבן אָנגעהויבן שלעפּן מיט גוואַלד דעם וויינענדיקן ייִנגל צום טיש, ער זאָל זיך זעצן עסן. דער ייִנגל אָבער האָט זיך נאָך שטאַרקער צעוויינט. ער האָט זיך איינגעשפּאַרט מיט די פיס און מיט די הענט און איז בשום אופן ניט געגאַנגען צום טיש.

— אַ שייגעץ דאָס איז! אַן עזות־פּנים! האָבן די כ אַ פּ ע ר געכעסט: מ'דאַרף אים דערפאַר אַוועקפירן אין וואַלד צו די וועלף, און זאָלן זיי אים דאָרטן אויפעסן!

דער ייִנגל האָט זיך פאַרשטופּט ווייט אין ווינקל, האָט שטילער־הייט געוויינט און איז ניט געגאַנגען עסן.

די כאַפּערס האָבן זיך באַרואיקט און מען האָט זיך גענומען צו דער אַכילה. אויפן טיש האָט מען אַנידערגעלייגט פאַר יעדערן צו צוויי גרויסע חלות, אַ גרויסן גראָפין בראַנפן, טעלער מיט געפילטע פיש, און מ'האָט געטרונקען און געגעסן, ווי פּורים צו דער סעודה. איך האָב גע־דענקט דעם טאַטנס ווערטער, אַז דעם שבת טאָר מען ניט פאַרשטערן, און כ'האָב דעריבער געגעסן פיש און אַפילו גענומען אַ ביסל בראַנפן. נאָך די פיש האָבן די כ אַ פּ ע ר ס ווידער אָנגעגאָסן פאַר מיר אַ קעלישאָק, אָבער מיר האָט שוין געשווינדלט דער קאָפּ פון די ערשטע ביסל בראַנפן און מער האָב איך ניט געוואָלט טרינקען. מען האָט נאָך געגעסן לאָקשן און פלייש און צימעס, און די כאַפּערס האָבן געזונגען זמירות, געפּאַטשט מיט די הענט, ביז אַלעמען האָט זיך פאַרוואָלט שלאָפן, און מ'האָט זיך גענומען צום בענטשן.

— רבותי, מיר וועלן בענטשן—האָט איין כ אַ פּ ע ר אָנגעהויבן, און די איבעריקע האָבן מיט פרומע פּנימער אונטערגעהאַלטן.

נאָך דער וועטשערע האָט מען מיך מיטן צווייטן ייִנגל פאַרשפּאַרט אין אַ קליינעם חדרל מיט איין פענסטער, די טיר האָבן די כ אַ פּ ע ר פאַרשלאָסן פון דער צווייטער זייט. און מיר זיינען ביידע געבליבן זיצן אין דער פענסטער. אין יענער ווילע בין איך געוועזן אַ צעטומלטער — כ'האָב גאָרניט פאַרשטאַנען, וואָס מיט מיר טוט זיך, און דער צווייטער ייִנגל האָט נאָך אַלץ ניט אויפגעהערט וויינען.

— נאַרעלע־האָב איך אים געזאָגט—הער אויף צו וויינען, ס'איז דאָך היינט שבת, און ס'איז דאָך אַ גרויסע עבירה צו וויינען אום שבת.

— אַז איך וויל עסן—האָט דער ייִנגל געזאָגט און האָט זיך נאָך מער צעוויינט.

קוקנדיק אויף מיין הונגעריקן חבר האָט מיר פאַרקלעמט ביים האַרצן, און מיר האָט זיך בעת מעשה געוואָלט וויינען מיט אים צוזאַמען. כ'האָב אים אָבער געזאָגט, אַז ער דאַרף ניט זיין קיין עקשן — ער וועט ערגער מאַכן.

— דו ביזט אַ גרויסער נאַר, מסתמא—האָט מיר מיין פאַרוויינטער חבר מיט טרערן אין די אויגן געזאָגט: דו ווייסט, צו וואָס מע האָט אונז געכאַפּט און וואָס מ'וועט מיט אונז טאָן? מע וועט דאָך אונז בינדן און אָוועקטרייבן וויט-וויט אין רוסלאַנד, דאָרטן וועט מען אונז איבערגעבן צו די קאַצאַפּעס, וועלכע וועלן אונז קאָרמענען מיט חזיר און וועלן אונז אָפּשמדן—פאַרשטייסט, וואָס דאָס איז?

לאַנג-לאַנג האָבן מיר ביידע גערעדט אין פינסטערן צימער, און פון אונזערע ביידנס אויגן האָבן זיך געגאָסן טרערן, ביזוואַנען מיר זיינען איינגעשלאָפן.

אויף מאָרגן גאַנץ פרי האָט דער גויאישער פורמאַן אויפגעעפנט די לאָדן פון די פענסטער, האָט אָפּגעשלאָסן די טיר און געבראַכט אונז וואַסער צום אָפּגיסן נעגל-וואַסער. באַלד נאָך אים איז אַריין צו אונז די בעל-הביתטע מיט אַ גראָבן סידור אין האַנט און האָט געזאָגט צו אונז:

— דאַוונט, קינדערלאַך, היינט איז שבת.

איך האָב זיך קוים איינגעבעטן ביי מיין חבר, ער זאָל אויפהערן וויינען און מיר האָבן זיך ביידע געשטעלט דאַוונען אין איין סידור, אויך דער בעל-הבית מיט דער בעל-הביתטע צוזאַמען מיט די פּאָר כאַפּערס האָבן פרום און מיט גרויס כוונה געדאַוונט און אונטערגעזונגען הויך אויפן קול. נאָכן דאַוונען האָט מען מיר מיט דעם צווייטן ייִנגל צוגעפירט צום טיש, ווי אַ פּאָר קליינע אַרעסטאַנטן. דער בעל-הבית האָט אונז אָנגעגאָסן צו גלעזלאַך בראַנפן און האָט פריילאַך אויסגעשריען: מאַכט לחיים, קינדערלאַך — היינט איז שבת! איך האָב ניט געוואָלט פאַרשטערן דעם שבת און האָב באַלד געמאַכט ברכה אויף דעם קעלישאָק בראַנפן, און מיין חבר האָט זיך, ווי נעכטן—אַפילו ניט צוגערירט צום כוס.

— ווי רופט מען דיך ?—האָט דער בעל־הבית געפרעגט ביי דעם יינגל.

— יאַנקל—האָט ער געענטפערט.

— און דיין פאַמיליע ווי איז ?

— מיין פאַמיליע איז קלעזמער.

דער בעל־הבית האָט זיך פונאַנדערגעלאַכט און האָט אַלץ איבער־געחזרט: אַ פריילאַכע פאַמיליע... נעם אַ טרונק בראַנפן...

מיר האָט אָנגעהויבן ווייטאָן די האַרץ, קוקנדיק ווי מיין חבר זיצט אַ ניכטערער און נעמט קיין זאַך אין מויל ניט.

— מיר דאַרפן האָפן אויף גאָט — האָב איך אים אָנגעהויבן צו טרייסטן; וואו מען וועט אונז ניט פאַרשיקן—אומעטום איז פאַראַן גאָט, און די רשעים, וואָס האָבן אונז געכאַפּט, וועלן נאָך באַקומען זייער שטראָף; גאָט איז אומעטום.

דער חבר מיינער יאַנקל קלעזמער האָט ניט געקאָנט צוזען מער מיין צער, ער האָט גענומען די גלעזעל בראַנפן אין האַנט, האָט געמאַכט אַ ברכה און האָט אַ ביסל אַ זופּ געטאָן.

דערנאָך האָט מען אונז געגעבן טשאָלנט און קוגל — מיר האָבן ביידע געוויינט, אָבער מיר האָבן פונדעסטוועגן געגעסן.

נאָך אָנבייסן האָב איך זיך איבערגעקוקט מיט יאַנקלען, וועלכער האָט באַלד פאַרשטאַנען מיין מחשבה, און מיר האָבן זיך ביידע מיט איין מאָל געווענדט צום בעל־הבית מיט דער בעל־הביתטע, אַז זיי זאָלן אונז ערלויבן אַ ביסל דורכגיין זיך אין נאָענטן וועלדל שפּאַצירן. מיר האָבן זיך אַפילו ניט אויפגערעדט צווישן זיך, נאָר פונדעסטוועגן איז ביי אונזביידן געווען בעת־מעשה איין און דערזעלבער געדאַנק: מיר וועלן אַריינגיין אין וואַלד, מיר וועלן זיך באַהאַלטן צווישן די ביימער און אַז ס'וועט ווערן נאַכט וועלן מיר אַנטלויפן. וואוהין וועלן מיר לויפן? מיר האָבן אַליין ניט געוואוסט, אין וועלכן זייט ס'געפינט זיך אונזער היים און וואו מיר דאַרפן לויפן — אָבער אַלצאיינס — אַבי אַנטלויפן פון דאַנען — אַרויסכאַפּן זיך פון די כאַפּערס הענט.

דער בעל־הבית מיט דער בעל־הביתטע האָבן אָבער פאַרשטאַנען אונזער געדאַנק, וואָרים שוין ניט איין מאָל זיינען קינדער פון דאַנען אַנטלאָפן. מיט אירע גוטע ריידעלאַך האָט אונז די בעל־הביתטע פאַר־נאַרט צוריק אין פינסטערן צימער און האָט געזאָגט מיט אַ פרומען פּנים:

— זיצט דאָ, קינדערלאַך, ביז שלש־סעודות און זאָגט דאָ דער־ווייל „פרק“, עטלאַכע קאַפּיטלאַך תּהילים און בעט גאָט, ער זאָל אונז שיקן אַ גוטע וואָך און אַ געזונטע וואָך—אָמן. ביי די ווערטער האָט זי פאַרשלאָסן הינטער אונז די טיר, און מיר זיינען געבליבן זיצן ווי אַ פּאָר אבלים אויפן לאַנגן נידעריקן באַנק.

יאַנקעל האָט זיך ווידער פאַרשטופּט אין אַ ווינקל. גרויסע קיילאַכ־דיקע טרערן האָבן גערונען איבער זיינע באַקן און פון זיין קליינעם האַרצן האָט זיך אַלע ווײַלע אַרויסגעריסן אַ טיפער זיפץ. ער האָט גע־וויינט, געווישט די טרערן פון זיין דאַרן פּנים, און ער האָט אַלץ גע־רעדט ווי צו זיך אַליין:

— וואָס טוט איצטער מיין טייערער טאַטע און מיין טייערע מאַמע? אוודאי ווייסן זיי ניט, וואו איז זייער קינד פאַרפאַלן געוואָרן, און זיי מוזן דאָרטן געוויס וויינען און קלאָגן... ווען זיי וואָלטן דאָס געוואוסט, אַז איך זיץ איצט דאָ אין צימערל... מיין מאַמע וואָלט דאָך אין מיטן נאַכט געקומען אהער צולויפן און זי וואָלט צעבראָכן די טיר מיט די פענסטער און זי וואָלט מיך געכאַפּט אויף די הענט און זי וואָלט מיך אַוועקגעטראָגן אַהיים... אוי, ווי מיר ווילט זיך אַהיים!..

איך האָב געקוקט אויף יאַנקעלען און האָב ביטער געוויינט.

לאַנג־לאַנג האָט זיך געצויגען דער שבתדיקער טאָג אין פאַר־שפּאַרטן חדר. איך מיט יאַנקעלען האָבן אָפּגעזאָגט פּרק, האָבן אָפּגע־זאָגט אַ גאַנצן „יום“ תּהילים, און ביסלאַכווייז האָט אָנגעהויבן ווערן טונ־קעלער אין צימער — ס'איז געוואָרן פאַרנאַכט. די זון האָט זיך אַראָפּ־געלאָזן אַלץ נידעריקער און נידעריקער און אין האַרצן האָט זיך פאַר־גנבעט אַ אומגעוויינלאַכער אומעט. איך בין געזעסן ביי איין ברעג טיש, יאַנקל—ביים צווייטן ברעג טיש. און ביידע האָבן מיר בעת־מעשה גע־טראַכט וועגן איין זאַך—וועגן טאַטע־מאַמע.

באַלד אָבער האָט די בעל־הביתטע אויפגעעפנט די טיר און האָט אונז באַפרייט פון דער תּפיסה. מיר זיינען אַריין אין שטוב און האָבן דאָרטן באַלד דערזען די צוויי כ אַ פּ ע ר ס, וועלכע האָבן זיך געדונגען מיט צוויי פויערים, אויסגעדינטע סאָלדאַטן, וואָס האָבן, זעט אויס, גע־דאַרפט פאָרן מיט אונז ווייטער.

דערווייל איז אין שטוב געוואָרן פינסטער. אויפן הימל האָבן זיך

באַוויזן קליינע בלישטשעדיקע שטערנדלאַך, אַזעלכע שטערנדלאַך וועלכע איך פלעג אַלע מאָל זען שבת־צו־נאַכט ביי אונז אין שטעטל. די כ אַ פ ע ר ס האָבן געהייסן דעם פורמאַן—מ אַ ט ש ע ק האָט מען אים גערופן—ער זאָל אָנטרינקען די פערד, זאָל אָנשמירן די רעדער און זאָל זיך צוגרייטן צום פאָרן, און אַליין האָבן זיך די כ אַ פ ע ר ס געשטעלט דאַווענען „מעריב”. די בעל־הביתטע האָט מיט אַ טרויעריקן ניגן אָפגעזאָגט „גאָט פון אברהם און האָט אָנגעצונדן אַ חלבנע ליכט.

— גוט־וואָך! — האָט דער בעל־הבית געזאָגט הויך אויפן קול; גוט-וואָך — האָבן אָפגעענטפערט די כ אַ פ ע ר ס. דער בעל־הבית האָט באַלד געמאַכט הבדלה איבער אַ גלאָז וויין. אַלע האָבן געענטפערט „אָמן”, און דער היילקער שבת האָט זיך געענדיקט.

די בעל-הביתטע האָט צוגעטראָגן מיר מיט יענקלען פאַרזוכן פון דעם הבדלה־וויין. איך האָב זיך אָבער מים כעס אָפגעזאָגט צו טרינקען, וואָרים נאָך הבדלה איז דאָך שוין אין מ י ט נ וו אָ ך, און מ׳מאָג שוין ווייגען... איך האָב אַ וואונק געטאָן צו מיין חבר, און מיר זיינען ביידע אַריין צוריק אין פינסטערן חדר. דאָרטן האָב איך גענומען דעם גרויסן סידור, האָב אויסגעזוכט אַ קאַפּיטל תהילים און מיר האָבן אָנגעהויבן זאָגן אַ פסוק איבער אַ פסוק, דערביי האָב איך אַזוי שטאַרק געוויינט, אַז דער גאַנצער סידור איז נאַס געוואָרן פון מיינע טרערן. ס׳איז דאָך שוין איצט נאָך שבת און מען מעג דאָך על־פּי־דין וויינען. וואָס טוט איצט מיין טאַטע און מיין מאַמע? ווי האָבן זיי אַריבערגעלעבט דעם שבתדיקען טאָג? וואו זיינען זיי געלאָפן מיך זוכן? וואָס טראַכטן זיי איצט, אין וועלכן זייט לויפן זיי געפינען זייער קינד?

וואָס לענגער איך האָב וועגן דעם געטראַכט — אַלץ מער האָט מיר געדריקט אין האַרצן, און איך מיט יאַנקלען האָבן זיך צום סוף אַזוי שטאַרק צעשריען אופן קול, אַז אונז האָט זיך בעת־מעשה אויסגעדוכט: מ׳וועט געוויס דערהערן אונזערע קולות ווייט־ווייט אַזש ביי אונז אין דערהיים, און סוועלן קומען צו לויפן אַהער מענטשן, ס׳וועט קומען דער טאַטע ס׳וועט קומען די מאַמע — זיי וועלן צוברעכן די טיר, זיי וועלן צוהרגענען די כאַפערס און מ׳וועט אונז ראַטעווען... מיר וועלן זיך באַלד אַרויפזעצן אויף פורן און מיר וועלן לויפן און פליען אַהיים, אַהיים!..

אָבער אָנשטאָט דעם טאַטן מיט דער מאַמען זיינען באַלד אַריינ־

געלאָפן צו אונז אין תּפיסה מאַטשעק דער פורמאַן און נאָך צוויי הייכע געזונטע און שטאַרקע פויערים. זיי האָבן אָנגעהויבן קלאַפּן מיט די הענט און שטראַשען, אַז זיי וועלן אונז דאָ באַלד מאַכן דעם טויט, און תּיכּף האָט מאַטשעק מיך אַ כאַפּ געטאָן אויף די הענט און אַריינגעוואָרפן אין וואָגן אויף יאַנקעלען, און די פערד האָבן זיך געלאָזן לויפן אין דער ווייטער וועלט אַריין.

אויפן וועג האָבן אונז די כאַפּער געטרייסט, אַז מען וועט אונז אין ערגיץ קיין שלעכטס ניט טאָן אין אַז מען וועט אונז גאָר איינגיכן אַוועקפירן צוריק אַהיים צום טאַטן און צו דער מאַמען. איך און יאַנקעלע זיינען געוועזן שטאַרק פאַרמאַטערט פון וויינען און מיר זיינען באַלד ביידע אַנטשלאָפן געוואָרן אויפן וואָגן לעבן די פיס פון די צוויי כאַפּערס.

אין שלאָף האָב איך געזען אַ חלום. אַי, סאַר אַ טייערער חלום! מיר האָט זיך אויסגעדוכט, אַז ס׳איז איצט שבת אינדערפרי, איך גיי מיטן טאַטן אין קלויז אַריין, מען דאַוונט אָפּ שחרית, מ׳הייבט אָן לייענען די תּורה, און אָט רופט מען מיך אויף מפטיר... דער טאַטע טוט מיר אָן זיין טלית, איך גיי אַרויף אויף דער בימה, איך מאַך די ברכה און זינג אַזוי שיין די הפטורה... אַלע יידן זאָגן אָמן און מ׳קנייפּט מיר פריינדלאַך פאַרן באַק און מ׳זאָגט, אַז איך בין אַ וואוילער יינגל. און עטלאַכע יידן גייען דערנאָך צו אונז אויף ברכה, מען טרינקט לחיים, מ׳זינגט זמירות, און מיין טאַטע איז פריילאַך און מיין מאַמע שמייכלט און...

איך האָב פלוצלונג דערהערט, ווי מען שלעפּט מיר פאַר אַ האַנט, און איך האָב זיך אויפגעכאַפּט אַ צעטומלטער און אַ דערשראָקענער. אַז איך האָב מיט כּוח אויפגעעפנט די אויגן, האָב איך דערזען, אַז אונזער פור שטייט לעבן אַ הויכן געקאַלכטן מויער, אַרום וועלכן ס׳גייט אַרום הין און צוריק אַ סאָלדאַט מיט אַ ביקס.

די כאַפּערס האָבן אונז אַראָפּגענומען פון וואָגן, האָבן אונז אָפּגעטרייסלט דעם שטויב פון די קאַפּאָטקעס, און נעמענדיק מיך מיט יאַנקעלען פאַר די הענט — האָבן זיי אונז אַרויפגעפירט אויף דעם צווייטן גאָרן פון געמויערטן הויז. אַריינגייענדיק אין אַ גרויסן ליכטיקן צימער האָבן די כאַפּערס באַלד אַראָפּגענומען די היטלען מיט די יאַרמולקעס פון די קעפּ און האָבן אונז אויך אויסגעטאָן די היטלען.

געטאָן האָט מען אונז דאָרטן גאָרנישט. ניט מ׳האָט אונז דאָרטן אויסגעטאָן, ניט מ׳האָט אונז געמאָסטן — מ׳האָט אונז פאַרשריבן. דער „פריץ״, וואָס איז געזעסן ביים טיש מיט אַ פעדער אין האַנט, האָט מיך צוגערופן און געפרעגט, ווי רופט מען מיך. איך האָב אָבער ניט פאַר־שטאַנען זיין לשון, און איינער פון די כאַפּער האָט דאָס מיר ערקלערט אויף יידיש.

— חיים מערימזאָן!—האָב איך אויסגעשריען אַ דערשראָקענער: חיים מערימזאָן רופט מען מיך!

דער פריץ האָט אויף מיר בייז אַ קוק געטאָן און האָט אויסגע־שריען:

— מ׳רופט דיר מאיר, ניט חיים! געדענק, דו זאָלסט זאָגן, אַז מען רופט דיך מאיר!

איך האָב באַלד פאַרשטאַנען, אַז מען גיט מיך אָפּ אין סאָלדאַטן פאַר דעם שענקערס זון פון אונזער שטעטל, וועלכער האָט דיזעלביקע פאַמיליע און מ׳רופט אים מאיר.

— און דיך ווי רופט מען? האָט דער פריץ געפרעגט ביי מיין חבר: ווי רופט מען דיך?

— יאַנקל קלעזמער — האָט ער געענטפערט.

— דו ביסט אַ ליגנער! מ׳רופט דיך איציק גרינבלאַט!

דער פריץ האָט דאָס אַלץ פאַרשריבן אויף אַ פאַפיר און ער האָט מיך מיט יאַנקעלען אַוועקגעשיקט דורך אַ קאָנוואָינעם אין טורמע.

אין טורמע האָט מען אונז די ערשטע זאַך אָפּגעשאָרן די פּיאותן, און דאָס איז געקומען פאַר אונז אַזוי אומגעריכט, אַז מיר האָבן די ערשטע ווײַלע גאָר ניט פאַרשטאַנען, ווי גרויס דער אומגליק איז. ערשט אַ ביסל שפּעטער, ווען איך און יאַנקעלע האָבן אַ טאַפּ געטאָן מיט די פינגער ביי די פּיאותן, וואו ס׳איז געווען הייל און נאַקעט — האָבן מיר זיך ביידע דערמאָנט וועגן איין זאַך: מען וועט אונז מאַכן פאַר גויים! בעת־מעשה האָב איך זיך פאָרגעשטעלט, ווי מען הייסט מיר עסן חזיר, ווי מען טוט מיר אָן אַ צלם אויפן האַלז און איך בין שוין מער ניט קיין ייד... אַ שוידער איז מיר אַריבער איבערן לייב, און איך האָב אַרויסגערעדט צו מיין קליינעם חבר:

— יאַנקעלע, מיר וועלן בעסער שטאַרבן; דו ווילסט שטאַרבן, יאַנקעלע?

די צוויי קאַנוואָינע האָבן אונז דערלאַנגט אַ פּאָר קלעפּ מיט די ביקסן און זיינען אַוועק, ריידנדיק בעת־מעשה צו אונז מיט אַ געלעכטער:

— זייט געזונט, קינדערלאַך, און שרעקט זיך ניט: מ'וועט אייך איינגיכן באַפרייען...

אין דער טורמע, וואו מען האָט אונז געבראַכט, זיינען געווען עטלאַכע באַזונדערע קאַמערן פאַר רעקרוטן. אַרום די ווענט פון די קאַמערן זיינען געווען צוגעריכט נאַרעס — אַזוינע ברייטע בענק, אויף וועלכע ס'זיינען געלעגן שמוציקע שעניקעס פון צעריבענע שטרוי. אויף די נאַרעס מיט די שעניקעס זיינען געשלאָפן די גרויסע דערוואַקסענע רעקרוטן, און מיר קליינינקע רעקרוטעלאַך האָבן זיך געדאַרפט וואַלגערן אונטער די נאַרעס אויף דער היילער ערד, וואו ס'פלעגן ביי נאַכט אַרומפליען גרויסע מייז. דערצו האָט מען נאָך געמוזט ליגן אויסגעצויגן גלייך ווי אַ סטרונע מיטן פּנים אַראָפּ, וואָרים אויפהייבן דעם קאָפּ האָט מען ניט געקאָנט צוליב די נידעריקע נאַרעס, און ליגן מיטן צורה אַרויף איז געווען געפערלאַך, ווייל פון די צעפוילטע שעניקעס האָט זיך געשאָטן אין די אויגן אַריין זאַמד, שמוץ און שטיקלאַך שטרוי.

אַזוי האָבן מיר זיך אָפּגעוואַלגערט אויף דער ערד גאַנצע דריי וואָכן, ביז מ'האָט אַרויסגעשיקט די עלטערע רעקרוטן, און דאַמאָלסט האָבן מיר זיך מיט שמחה געלייגט אויבן אויף די נאַרעס. נאָך דער האַרטער און שמוציקער פּאָדלאָגע, וואו ס'זיינען אין די לאַנגע נעכט אַרומגעלאָפן מייז, האָבן אונז די נאַרעס מיט די שעניקעס אויסגעזעען ווי גן־עדן, און איך מיט יאַנקעלען זיינען דאַמאָלסט געווען אמת גליקלאַך.

די ערשטע צייט האָט מען אונז ניט גענייט צו עסן טריפות. אַלע טאָג פלעגט אונז אַ יידישער פּאָדריאַטשיק ברענגען אין קאַזאַרמע אַריין אַ מיטאָג פון אַרבעס, בעבלאַך און איין מאָל אין וואָך — אויך אַ שטיקעלע פלייש. יעדערער פון אונז קליינע רעקרוטן האָט זיך געהאַט זיין באַזונדער שיסעלע און אַן אייגענע לעפל, וועלכע מיר האָבן געהיט, ס'זאָל חלילה ניט טריף ווערן: איך פלעג עטלאַכע מאָל אין טאָג אויסוואַשן מיין לעפל און האָב איר געהאַלטן ביי מיר צוקאָפּנס. קיין הנאה

פון דעם עסן האָב איך ניט געהאַט, וואָרים די אכילות זיינען געווען זייער גראָבע און ניט געשמאַקע. קיין הונגער אָבער האָבן מיר ניט גע־ליטן—מען האָט יעדערן פון אונזערע קליינע רעקרוטן געגעבן צו צוויי פונט ברויט אַ טאָג.

אַז מיין טאַטע האָט זיך דערוואוסט, וואו איך געפין זיך—איז ער באַלד געקומען צו לויפן צופוס אַהער אין קאַזאַרמע. ער איז אָבער גע־ווען אַ פּראָסטער ייד, אַ מלמד, וואָס האָט זיך ניט געקאָנט צוזאַמענ־ריידן אויף רוסיש, און ער האָט נעבאַך געהאַט אַ גרויסן פּסק דאָרטן ביי דער טורמע, וואו איך בין געזעסן. מיין טאַטע האָט זיך געאיילט וואָס גיכער צו דערזען זיין קינד, און ער האָט דעריבער קיינעם ניט געפרעגט און איז געגאַנגען צום טייער פון דער טורמע מיט דערזעלבער פרייקייט, ווי ער גייט אין בית־מדרש פון זיין שטעטל. דער שומר פון טורמע האָט אים דערזען נאָענטביים טויער און האָט אַ געשריי געטאָן: „זשיד!" דערביי האָט דער שומר דערלאַנגט אַזאַ שטאַרקן קלאַפּ דעם טאַטן איבערן קאָפּ, אַז ער איז תיכף געפאַלן אויף דער ערד און איז געבליבן ליגן אין חלשות. ס'זיינען באַלד אָנגעלאָפן יידן פון די נאָענטע הייזער, האָבן אַ ביסל אָפּגעראַטעוועט מיין טאַטן און מען האָט אים אוועקגעלייגט יאן יידישן שפּיטאָל.

וועגן דערדאָזיקער טרויעריקער געשיכטע האָב איך זיך דער־וואוסט ערשט שפּעטער, ווען מ'האָט מיך שוין געדאַרפט אַרויסשיקן פון טורמע ערגעץ ווייטער. פאַר די זעקס וואָכן צייט, וואָס מיר זיינען גע־זעסן אין דערדאָזיקער טורמע, האָט מען אויפגעגעייט פאַר אונז אַלעמען קליינע סאָלדאַטסקע מונדירן און ס'איז באַשלאָסן געוואָרן אַוועקצושיקן אונז אין די קיעווער באַטאַליאָנען פון די מיליטערישע קאַנטאָניסטן.

אַזוי ווי קיין אייזנבאַנען זיינען נאָך דאַמאָלסט ניט געווען און מ'האָט ניט געקאָנט פועלן ביי זיך צו שיקן אַזעלכע קליינע קינדער צופוס פאַר אַזויפיל הונדערטער וויאָרסט—האָט די נאַטשאַלסטווע באַ־שטעלט פאַר אונז פורן ביי דעם יידישן בעל־עגלה פון יענעם שטעטל. די פורן זיינען געווען זייער גרויסע — זעכצן ייגגלאַך אויף איין וואָגן האָט מען אַרויפגעזעצט. איך האָב זיך געזעצט אויף איין וואָגן מיט יאַנקל קלעזמער, וועלכן מ'האָט דאָ אַ נאָמען געגעבן גרינבלאַט. מיר האָבן זיך ביידע אַזוי האָלט געהאַט, אַז איינער אָן דעם אַנדערן האָט

גאָרנישט געגעסן, גאָרנישט געטרונקען, און אפילו תהילים פלעגן מיר זאָגן פון איין סידור.

פאַרנדיק גאַנצע טעג און גאַנצע נעכט, פלעגן מיר שטענדיק ריידן וועגן דעם, וואָס מיר וועלן נאָך האָבן אויסצושטיין שפּעטער, ווען מיר וועלן שוין אָנקומען אויף אָן אָרט.

— איך האָב געהערט—פלעגט מיט שרעק און מיט טרערן אין די אויגן עטלאַכע מאָל אַ טאָג ריידן צו מיר יאַנקל: איך האָב געהערט, אַז דאָרטן, וואו מען טרייבט אונז, וועט מען אונז ניטן צו שמדן זיך— אַלע יידישע קינדער שמדט מען דאָרט אָפּ מיט גוואַלד. און טאָמער שפּאַרט זיך עמיצער איין און וויל זיך ניט שמדן — פּייניקט מען אים און מען טוט אים אָן גרויסע יסורים. פאַרקערט — דער וואָס שמדט זיך מיטן גוטן ווילן—יענעם לערנט מען רוסיש און מ'לערנט אים די „סלוזשבע" און צו צוואַנציק יאָר—מאַכט מען אים פאַר אַן אָפיציר.

ביי דידאָזיקע ווערטער פלעגט זיך יאַנקעלע קלעזמער, וועלכן מ'האָט מיט גוואַלד אַ נאָמען געגעבן גרינבלאַט—אויף אַ ווײלע פאַר־טראַכטן און פלעגט אויסשרייען מיט אַלע כוחות:

— ניין, איך וועל זיך ניט לאָזן שמדן! ניט דערלעבן וועלן אונ־זערע שונאים, איך זאָל אומבייטן מיין אמונה! איך וועל בעסער לאָזן שניידן מיין לייב אויף שטיקער, זאָלן זיי מיר טויטן—און איך וועל זיך ניט שמדן!

יאַנקעלע פלעגט אַ קליין ווײלע שווייגן און האָט אַלע מאָל גע־פרעגט ביי מיר:

— און דו, חיימל, ווי וועסטו טאָן?

— איך וועל זיך אויך לאָזן טויטן, און שמדן זיך וועל איך אויך ניט — בשום אופן ניט!

דער וועג האָט זיך געצויגן אומגעווײנלאַך לאַנג, און אַלע טאָג פלעגט יאַנקל גרינבלאַט ריידן מיט מיר וועגן שמדן זיך: מ'וועט אונז געוויס ניטן! — פלעגט ער אַ צעטראָגענער אויסשרייען — די קאַצאַפּעס וועלן אונז מיט גוואַלד אָפּשמדן!

ס'פלעגט טרעפן, אַז יאַנקל נעמט מיר אַרום מיטביידע הענט און בעט זיך ביי מיר: חיימל, דו זאָלסט זיך ניט לאָזן איינריידן! ס'איז גאָר־ניט, וואָס מ'וועט דיר צוזאָגן צו מאַכן דיר פאַר אַן אָפיציר — ס'איז

גאָרניט! אַז מיר וועלן זיך שמדן, וועלן אונזערע טאַטעס און מאַמעס וויינען און קלאָגן, זיי וועלן אונז פאַרשילטן און זייערע טרערן וועלן דערגרייכן ביזן הימל, אַזש צום רבונו־של־עולם. וואָס איז די פּעולה, אַז מיר וועלן זיין אָפּיצירן—אַלץ איינס דאַרף מען שטאַרבן. די געשמדטע נשמה וועט אַרויספליען פון יידישן גוף, וועט אַרויפפליען אויפן הימל און דאָרטן וועט דער „מלאך־דומה" פרעגן:

— מה שמך? ווי רופט מען דיך?

— איוואַן...

— ביי אונז זיינען קיין איוואַנעס ניטאָ! טראָג זיך אַוועק צו דיי־נע איוואַנעס—טראָגט זיך!

און די געשמדטע נשמה וועט אַרומלויפן אַהין און אַהער און וועט זיין נע־ונד אויף דער וועלט—אַזאַ נשמה קאָן קיין תקומה ניט געפינען.

אַזוי פלעגן מיר גאַנצע טעג ריידן צווישן זיך וועגן דער שפּע־טערדיקער צייט, און מיר פלעגן שטענדיק טראַכטן און טראַכטן—אָן אַ שיר פלעגן מיר טראַכטן. ס'פלעגט אָבער אויך טרעפן, אַז מיר האָבן זיך אַ ביסל פריילאַך געמאַכט און האָבן געשטיפט. איינער פון די קליינע קאַנטאָניסטן פלעגט אָנהייבן זינגען עפּעס פון די שבתדיקע זמירות, אַלע כאַפּן אונטער דעם ניגון, און ס'ווערט פריילאַך, אַזוי ווי מיר וואָלטן גע־ווען אין דער אייגענער היים. אָבער דער וועג איז געווען אַזאַ לאַנגער, אַז ס'פלעגן טרעפן טעג, ווען דאָס גאַנצע לעבן איז אונז מיאוס געוואָרן. היינטיקע צייטן וואָלט מען געקענט מאַכן פאַר דער זעלבער צייט אַ נסיעה אַזש קיין סמבטיון, און דאַמאָלסט זיינען מיר געפאָרן פון סובאַלק קיין קיעוו טעג און וואָכן—אָן אַ ברעג און אָן אַ סוף.

מיר אַלע, די קליינע רעקרוטן, זיינען געזעסן אויף די פורן, און די קאָנוואָינע, וואָס האָבן אונז געהיט אַזוי ווי אמתע קאַטאָרזשניקעס—זייגען געגאַנגען פון הינטן צופוס. צוליב די פּוסגייער פלעגט מען אַלע צוויי טעג מאַכן אַ הפסקה אויף אַ גאַנצן מעת־לעת. די פורן פלעגן זיך אָפּשטעלן אין אַ דאָרף, מען פלעגט אויסשפּאַנען די פערד, און אונז האָט מען פאַרשפּאַרט אין די גוישע הייזלאַך אָדער אין די טורמעס.

אַזוי האָבן מיר זיך געשלעפּט טאָג און נאַכט גאַנצע דריי חדשים. פאַר די גאַנצע צייט האָבן מיר אַפילו איינמאָל ניט אומגעביטן קיין וועש און מ'האָט אונז אַפילו איינמאָל ניט געפירט אין מרחץ. קיין וואונדער

ניט, וואָס ס'זיינען אונז באַפאַלן אַזויפיל אומריינע חיהלאַך און פון צער און יסורים פלעגן מיר אָפט וויינען מיט ביטערע טרערן. די קאָנ־וואָיגע האָבן דאָס אָבער ניט געוואָלט ליידן. פלעגן זיי נאָר דערזען ביי עמיצן פון אונז אַ טרער—פלעגן זיי אַריין אין אַזאַ כעס און רציחה, אַז זיי האָבן אונז געוואָלט צערייסן אויף שטיקער, דערביי פלעגן זיי זיך זידלען:

— פאַרפלוכטע זשידקעס — איר הערט אויף צו וויינען, אָדער ניט ? !

אַז מיר זיינען ענדלאַך צוגעפאָרן נאָענט צו דער שטאָט קיעוו, איז אונז אַלעמען מיט איינמאָל שרעקלאַך אומעטיק געוואָרן אויפן האַרצן. „אָט דאָ וועט זיך פאַר אונז אָנהייבן דער שרעקלאַכער יום־הדין !"—האָבן מיר געטראַכט. די פערד האָבן זיך אָפגעשטעלט און די קאָנוואָיגע האָבן אויסגעשריען:

— זשידקעס, קריכט אַרויס פון די וועגן, גיכער !

די קאָנוואָיגע האָבן אונז אויסגעשטעלט אין לאַנגע שורות, ווי אמתע סאָלדאַטן, און מע האָט אונז אַוועקגעפירט דורך די לאַנגע גאַסן. די שטאָט קיעוו איז מיר שטאַרק געפעלן געוואָרן: אַזעלכע שיינע גרויסע הייזער און אַזעלכע הויכע גרויסע קלויסטערס. אויף די גאַסן זיינען אַרומגעגאַנגען אַ סך מענטשן און אַלע געזונטע, שטאַרקע, פריילאַכע, ניט ווי ביי אונז אין שטעטל, וואו ס'גייען אַרום איינגעהויקערטע, דאַרע און בלאַסע יידן, וועלכע בענקען נאָך אַ שטיקל הערינג. איך האָב געקוקט נייגעריק אויף אַלע זייטן און האָב אַלץ געזוכט מיט די אויגן אַ יידישן בית-מדרש. אָבער אומזיסט. ווידער גייען מיר פאַרביי אַ קלויסטער, ווידער זע איך געזונטע, שטאַרקע לאַכנדיקע גויים, אָבער ניט קיין יידן און ניט קיין יידישן בית־מדרש — דאָס איז ניטאָ אין קיעוו. און אפשר איז ערגעץ יאָ פאַראַן: אַזאַ גרויסע שטאָט—ווער קאָן דאָס אַלץ מיט איינמאָל דערזען ?

באַלד זיינען מיר געקומען אין אַ גרויסער קאַזאַרמע מיט אַסך פענ־סטער. דאָרטן האָבן מיר געפונען נאָך אַ פולע קליינע יידישע רעקרוטן פון די פוילישע גובערניעס, און אַלעמען צוזאַמען האָט מען אויסגעשטעלט אין איין לאַנגער שערענג. ס'איז צו אונז צוגעגאַנגען אַ הויכער סאָלדאַט און האָט אונז שטרענג פאַרזאָגט:

— באַלד וועט אַריינקומען אַהער אַ נאַטשאַלניק. אַז ער וועט צו אייך זאָגן: זדראַוואָ, רעביאַטאַ! — זאָלט איר אַלע מיט איינמאָל ענטפערן: זדראַוויאַ זשעלאַיעם וואַשע וויסאָקאָ־בלאַהאָראָדיע!

אין דערזועלבער ווילע האָבן עטלאַכע סאָלדאַטן געבראַכט אַ גרויסן פּאַק לאַנגע ריטער. ווען איך האָב דערזען די לאַנגע ריטער—האָט מיר אָנגעהויבן טרייסלען די הענט מיט די פיס און אין די אויגן איז מיר תיכף געוואָרן אַזוי פינסטער, אַז כ'האָב אַרום זיך גאָרניט געזען. מיר זיינען געשטאַנען אין פראָנט אַזוי ווי שאָטנס—בלאַסע, צעשראָקענע און האַלב־פאַרווײנטע. שטייענדיק האָט בעת־מעשה יעדער'ער פון אונז פאַר זיך געזאָגט אַ שטילע תפילה צו גאָט—ער זאָל דערזען אונזער פיין, ער זאָל דערהערן אונזערע שטילע קרעכצן, ער זאָל אונז אַראָפּשיקן אַ מלאך פון הימל, וואָס זאָל אונז אָפּהיטן פון אַלע צרות און זאָל אונז געבן כוח צו בלייבן ביי אונזער גאָט און ביי אונזער אמונה.

דער עלטערער קאָנוואָינע האָט באַלד פונדערווייטנס דערזען, ווי ס'פאָרט צו אונז דער נאַטשאַלניק, און ער האָט תיכף מיט רציחה אויסגעשריען:

— זאָלט איר געדענקען, זשידקעס: איר זאָלט ענטפערן דעם נאַ־טשאַלניק אַזוי ווי איך האָב אייך געלערנט. איר הערט, זשידעס?!

אַ שווידער איז מיר אַריבער איבערן לייב. און כ'האָב אַלץ געטראַכט, ווי אַזוי וועל איך דאָס קאָנען זאָגן אויף אויסווייניק אַזאַ לאַנגן „פּסוק" אויף אַ פרעמדן לשון—אַז איך פאַרשטיי אַ וואָרט ניט! אַזאַ לאַנגער טיטל ווי קאָן מען דאָס געדענקען? המן האָט אויך געהאַט אַ לאַנגן טיטל: „המן בן המדתא האגגי צורר היהודים"! אָבער דאָס האָב איך דאָך גע־לערנט וואָכן־לאַנג אין חדר און אויף אַן אייגענעם לשון... איך בין גע־ווען זיכער, אַז קיין גוטס ערוואַרט אונז שוין הײנט ניט: צוליב דעם מסתמא האָט מען דאָס טאַקע געבראַכט אַהער די לאַנגע ריטער.

באַלד איז טאַקע צוגעפאָרן דער נאַטשאַלניק און האָט אויסגע־שריען:

זדראַווסטוואויטע, דיעטי!

מיר זיינען אַלע צעטומלט געוואָרן און האָבן אין איין קול אויס־געשריען ווי שעפּסן:

— מע — מע — מע!..

אין דערדאָזיקער קאַזאַרמע פאַר קליינע רעקרוטן זיינען מיר פאַר־בליבן נאָר אויף עטלאַכע טעג. דער נאַטשאַלניק האָט אָפּגעגעבן א באַ־פעל, מ'זאָל אונז איינטיילן אין באַזונדערע ראָטעס, אונז אַלעמען פריער פירן אין באָד און דערנאָך אַרויסשיקן פון קיעוו. ביי זיך האָב איך אַלץ געטראַכט, אַז די לאַנגע ריטער האָט מען אומזיסט ניט געבראַכט און אַז מסתמא וועט מען נאָך אונז אַלעמען שמייסן אין באָד. מיין שרעק איז אָבער געווען אַן אומזיסטע. אין מרחץ האָט מען אונז גוט אויסגע־וואַשן און אויסגעפּאַרעט, און קיין שמיץ האָט קיינער פון אונז ניט באַקומען.

אין אַ פּאָר טעג אַרום האָבן אונזער קאַזאַרמע פאַרנומען גרויסע דערוואַקסענע סאָלדאַטן אַרטילעריסטן, און אונז קליינע רעקרוטן האָט מען אין באַזונדערע ראָטעס אַרויסגעשיקט אין טשערניגאָווער גובערניע. דאָס האַרץ האָט מיר זייער געשראָקן: ווער ווייס, וואוהין מען שיקט אונז און וואָס מ'וועט מיט אונז דאָרטן טאָן? דערצו האָט מיר זייער פאַרדראָסן, וואָס מען האָט מיך אָפּגעטיילט פון מיין חבר יאַנקל גרינ־בלאַט: מיך האָט מען באַשטימט אין דער פינפטער ראָטע און יאַנקלען אין דער פערטער.

געבראַכט האָט מען אונז אין עטלאַכע טעג אַרום אין נעזשינער און נאָוואָזיבקאָווער אויעזדן, טשערניגאָווער גובערניע, און מ'האָט אונז איינציקווייז פאַרשפּרייט איבער אַלע דערפער ביי די פּויערים אויף קוואַרטיר. אין דעם דאָרף, וואו מען האָט אונז געבראַכט, האָבן געוואוינט דורכאויס רוסישע פּויערים סטאַראָווירעס. ווען איך בין אַריין צום פּויער, וואו איך האָב געדאַרפט וואוינען, האָט מיך די בעל־הבית־טע צוגעפירט צו אַ פינסטערן ווינקל הינטערן אויוון, וואו ס'איז געלעגן אויף דער ערד אַן אָנגעפילטער זאַק מיט שטרוי, און האָט מיר געזאָגט:

— דו זעסט דעם שעניק? אָט דאָ וועסטו שלאָפן — דאָס איז דיין אָרט.

די גויע האָט אָנגעהויבן פונאַנדערפרעגן ביי מיר פאַרשיידענע זאַכן, און איך האָב נאָר געהאַלטן אין איין שאָקלען מיטן קאָפּ, וואָרים איך גאָרניט פאַרשטאַנען. די גויע האָט נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל עפּעס בערעדט צו מיר און געפרעגט. אָבער אַז איך פאַרשטיי פאָרט ניט איר לשון — האָב איך צו איר נאָר געוואונקען מיט די אויגן און געמאַכט מיט

די הענט, אַז איך קאָן איר ניט ענטפערן. די בעל־הביתטע איז שטאַרק אין כעס געוואָרן אויף מיר. זי האָט בייז אַ שפּיי געטאָן אין מיין זייט און איז אַוועקגעגאַנגען. איך האָב באַלד אויסגעטאָן מיין שינעל און האָב זיך אַראָפּגעלאָזן אויף מיין שטרויענעם שעניק. אַ ביסל שפּעטער איז מיר מיט איין מאָל עפּעס געוואָרן זייער טרוקן אין האַלז — ס'האָט זיך מיר פאַרוואָלט טרינקען. איך בין צוגעגאַנגען צו אַ פולן עמער וואַסער, האָב אָנגעשעפּט אַ ביסל מיט אַ קענדל און האָב שוין געוואָלט טרינקען, אָבער דאָ איז פּלוצלונג צוגעלאָפן די בעל־הביתטע, האָט מיר דערלאַנגט אַ קלאַפּ איבערן האַנט און אַ זעץ אין האַרצן און האָט אָנגעהויבן שרייען צו מיר מיט גרויס רציחה:

אַנטיכריסט דו פאַרשאָלטענער! שטן דו פאַרפלוכטער! דערביי האָט זי מיר נאָך עטלאַכע מאָל אַ זעץ געטאָן אין האַרצן און האָט אַרויסגע־ריסן ביי מיר די קענדל פון האַנט. איך האָב איר אַפילו געוואָלט בעת־מעשה געבן צוריק אַ קלאַפּ, נאָר כ'האָב מורא געהאַט, אַז פאַר אַזאַ זאַך וועט מען מיר שמייסן, און כ'האָב מיט אַ פאַרדריקט האַרץ געשוויגן. פאַרוואָס די גויע האָט אַזוי געכעסט האָב איך דאַמאָלסט ניט געוואוסט. נאָר שפּע־טער האָט מען מיר דערציילט, אַז ביי די סטאַראָוויערן איז אַ מנהג, אַז פון „הייליקן" עמער וואַסער טאָר אַ פרעמדער ניט טרינקען און מען טאָר זיך אַפילו צו אים ניט צורירן. דער עמער וואַסער איז דאָס גע־ווען דער הייליקער.

פאַרנאַכט האָב איך זיך אַ הונגעריקער געלייגט שלאָפן אויפן שע־ניק. מיין קליינינקן פּעקל האָב איך אונטערגעלייגט אונטערן קאָפּ, מיטן שינעל האָב איך זיך צוגעדעקט, און אָפּלייענענדיק אין דער שטיל קריאת־שמע האָב איך צוגעמאַכט די אויגן. שלאָפן אָבער האָב איך ניט געקענט. ערשטנס האָט זיך מיר זייער שטאַרק געוואָלט עסן — שוין באַלד אַ מעת־לעת, אַז כ'האָב גאָרניט געהאַט אין מויל, און צווייטנס האָבן מיך גע־ביסן אויפן שעניק אַלערליי חיהלאַך. בין איך אַזוי געלעגן מיט פאַר־מאַכטע אויגן, האָב זיך געדרייט פון איין זייט אויפן אַנדערן און האָב זיך דערמאָנט וועגן מיין היים, וועגן מיין טאַטן, וואָס קומט איצט פון בית־מדרש, און וועגן מיין טייערער מאַמען, וועלכע פלעגט מיר לייגן שלאָפן און זינגען דערביי אַן אומעטיק לידעלע. אַזוי בין איך אָפּגע־

לעגן אויפן שעניק אַ לאַנגע צייט, ביז איך בין אַ פאַרוויינטער אַנטשלאָפן געוואָרן.

אויף מאָרגן פרי האָט שוין די בעל-הביתטע אויף מיר רחמנות געהאַט. זי האָט מיר צוגעטראָגן אַ שטיקל ברויט און אַ שטיקל חזיר-שמאַלץ מיט זאַלץ. די ברויט מיט זאַלץ האָב איך אויפגעגעסן און די חזיר האָב איך שטילערהייט אַוועקגעגעבן דער קאַץ.

אין אַ ווײַלע אַרום האָב איך דערהערט ווי ס'פּויקט דער באַראַבאַן—דאָס רופט מען די רעקרוטן. כ'האָב געכאַפּט דעם שינעל און בין האַסטיק אַרויסגעלאָפן אין דרויסן. דאָרטן האָט מען אונז אַלעמען אויסגעשטעלט אין פראָנט און אַ פעלדפעבעל האָט אונז געלערנט, ווי מען דאַרף אָפּגעבן דעם טיטל פאַרשיידענע נאַטשאַלניקעס. באַלד איז צוגעפאָרן רייטנדיק אויף אַ שיינעם פערד דער קאָמאַנדיר פון אונזער ראָטע און האָט אויסגעשריען אויפן קויל:

— ווער ס'וויל זיך שמדן—זאָל זיך שטעלן באַזונדער!

אַלע אונזערע רעקרוטן זיינען געוואָרן מיט איין מאָל בלאַס ווי טויטע, וואָרים אַלע האָבן געזען פאַר די אויגן די גרויסע קופּע לאַנגע ריטער, וועלכע זיינען געלעגן לעבן אונז. אַ סך פון אונזערע קליינע רעקרוטן זיינען פון שרעק באַלד אַראָפּ פון פראָנט און האָבן זיך געשטעלט באַזונדער. איך אָבער האָב זיך אַפילו ניט גערירט פון אָרט, כאָטש ס'האָבן מיר געטרייסלט הענט און פיס. איך האָב זיך בעת-מעשה דערמאָנט אָן מיין פרומען טאַטן דעם מלמד, אָן מיין זיידן דעם צדיק, וועלכער איז געוועזן אַ רב, און ס'איז ביי מיר געבליבן, אַז איך וועל בעסער אַריבערטראָגן די גרעסטע יסורים, אַז איך וועל בעסער לאָזן זיך שניידן דעם לייב און ברענען מיין גוף, אָבער שמדן זיך—דאָס בשום אופן ניט!

צו מיר זיינען געוועזן נאָך אַ סך רעקרוטן, וואָס האָבן זיך פון אָרט ניט גערירט, און דאָ האָט מען אונז אַלעמען באַלד אָנגעהויבן פּייניקן מיט אַזעלכע עינויים, וועלכע מ'קאָן זיך גאָר ניט פאָרשטעלן און וועלכע מ'קאָן מיט געוויינלאַכע ווערטער ניט דערציילן.

אַלע אונזערע רעקרוטן האָט מען פונאַנדערגעטיילט אין באַזונדערע קליינע ראָטעס פון 15 מענטשן, און מ'האָט זיך גענומען צו אונז מיט די גרעסטע אַכזריותן. אַלעמען האָט מען געמאַטערט — געשלאָגן,

געהרגעט, מבייש געווען, געשמיסן, געשפּייט אין די פּנימער, נאָר מיר האָט מען געמאַטערט מער פון אַלע איבעריקע, וואָרים מ׳האָט געוואָלט, אַז איך בין דער גרעסטער עקשן, און אַז איך וועל זיך אונטערגעבן — וועלן זיך אַלע שמדן.

איך האָב אָבער אַלץ אַריבערגעטראָגן; מען האָט איבער מיר געטאָן אַלץ, וואָס זיי האָבן נאָר געוואָלט, און איך בין פאָרט געבליבן ביי דאָס מייניקע. די איבעריקע רעקרוטן האָבן געליטן גענוג אייגענע צרות, אָבער זיי האָבן פונדעסטוועגן געזען, אַז מער פון אַלעמען טראָג איך אַריבער, און זיי האָבן געוויינט אויף די אייגענע יסורים און אויך אויף מיינע.

ס׳איז געווען ביטער בעת דער „סלוזשבע״ און ניט בעסער איז געווען אויך אין דער פרייער צייט. אויף יעדער טריט און אויף יעדער שריט איז אונז אויסגעקומען מיט בלוט און טרערן אָפּצוהיטן אונזער יידישקייט, וואָרים סיי אונזער נאַטשאַלסטווע און סיי די אַרומיקע איינוואוינער — אַלע האָבן דורכאויס נאָר געוואָלט, וואָס גיכער מאַכן אונז פאַר גויים.

איבערהויפּט איז אונז געווען שלעכט מיטן עסן. מיין בעל־הביתטע פלעגט מיר אַלע מאָל דערלאַנגען קרויט אָדער זופּ, וואָס איז געווען געקאָכט מיט חלב פון חזירים, און איך האָב דאָס אַפילו צום מויל ניט געקאָנט צוטראָגן. ס׳פלעגט טרעפן, אַז בעת איך בין געווען זייער הונגעריק, האָב איך אַמאָל אַ זופּ געטאָן אַ לעפל קרויט, אָבער מיין כשרער מאָגן האָט דאָס קיינמאָל ניט געקאָנט פאַרטראָגן, און כ׳פלעג דאָס אויסברעכן נאָך איידער איך האָב דעם מאכל אַראָפּגעשלונגען. גאַנצע דריי חדשים האָב איך געלעבט נאָר מיט ברויט און וואַסער אָדער מיט קוואַס. כ׳האָב זיך אָבער פון אַזעלכע קעסט דערשפּירט זייער שוואַך און אויסגעמאַטערט—ס׳איז מיר שוין אַפילו שווער געווען צו שטיין פעסט אויף די פיס. און מיט גרויס מאַטערניש האָב איך זיך ביסלאַכווייז צוגעוויינט צו די גוישע מאכלים.

אונזער אַרבעט אויף דער „סלוזשבע״ איז די ערשטע צייט באַשטאַנען נאָר אין דעם, וואָס מ׳האָט אונז געלערנט אויף אויסווייניק די פּראַוואָסלאַוונע תפילות און אויך די פאַרשיידענע „טיטלען", אָנהייבנדיק פון קיסר ביזן יעפרייטאָר.

זייער שווער איז אונז געווען אויסצולערנען די אַלע פרעמדע תּפילות און ניט לייכטער איז פאַר אונז געווען צו געדענקען די פאַר־שיידענע טיטלען. כ׳האָב דאָס אַפילו אַלץ געקאָנט אויסווייניק, אָבער ס׳איז מיר שווער געווען אויסצורייִדן די ווערטער אויף רוסיש, און זייער אָפט האָט מיר דער „דיאַדקע" אַראָפּגעלאָזן אַ פּאַטש, אַז כ׳פלעג דער־זען דעם זיבעטן הימל. און ניט אַלע מאָל נאָך פלעגט זיך מיין נייער „רבי" באַנוגענען מיט געבן אַ פּאַטש. גאַנץ אָפט פלעגט ער מיר נאָך דערצו הייסן אויסציִען די האַנט און ער פלעגט מיר שלאָגן מיט אַ דינער ברעטל אָדער מיט אַ שטעקן. אַזוי פלעגן מיר אַוועקגיין פון דער סלוזשבע מיט רויטע באַקן, מיט געשוואָלענע הענט און מיט פאַרווייינטע אויגן.

ניט קיין סך בעסער איז מיר געווען אויך דאַמאָלסט, ווען כ׳האָב זיך אומגעקערט אויף מיין קוואַרטיר. די קינדער פון מיין בעל־הבית, וואו כ׳האָב געוואוינט, פלעגן אָנהייבן פון מיר אָפּצולאַכן און אָנטאָן מיר כלערליי נגישות: זיי פלעגן מיט קרייד אויסמאָלן צלמס אויף מיין שינעל, פלעגן מיר שמירן דעם מויל מיט שטיקער חזיר און זיי פלעגן מיך אַרומרינגלען פון אַלע זייטן און קוויטשען אין די אויערן.

איינמאָל, ווען איך בין געקומען פון דער קאַזאַרמע אַ פאַרוויינ־טער און אַ פאַרקלאָגטער — כ׳האָב דאַמאָלסט פון צער און יסורים פאַר־שאָלטן דעם טאָג וואָס איך בין געבאָרן געוואָרן—איז צו מיר צוגעלאָפן דעם בעל־הבית אַ קליינער שייגעץ און האָט מיר אָנגעהויבן שמירן די מויל מיט חזיר. בעת־מעשה האָט מיר אָנגעכאַפּט אַזאַ כעס און אַזאַ רציחה, אַז כ׳האָב זיך גאָר פאַרגעסן אויף וואָסער וועלט איך בין, און האָב דערלאַנגט דעם שייגעץ אַזאַ קלאַפּ מיטן האַנט איבערן נאָז, אַז ער איז באַלד אינגאַנצן פאַרגאָסן געוואָרן מיט בלוט. דאָס האָט באַלד דער־זען מיין בעל־הביתטע, וועלכע האָט זיך תּיכף אַרויפגעוואָרפן אויף מיר, ווי אַ בייזע חיה, און זי וואָלט מיך אַוודאי צעריסן אויף שטיקער, ווען איך רייס זיך ניט אַרויס פון אירע הענט און אַנטלויף ניט אויפן גאַס. די בעל־הביתטע האָט זיך אָבער נאָכגעיאָגט נאָך מיר און האָט געשריִען איבערן גאַנצן דאָרף:

— קאַראַאול! אַ זשיד האָט דערהרגעט מיין פּעטקען!

אויף אירע קולות זיינען אָנגעלאָפן אַלע פויערים און פויערטעס

פון דאָרף, אַלע רעקרוטן מיטן אונטער־אָפיציר, דעם „באַראַבאַנשטשיק״ האָט מען געהייסן קלאַפּן אַ „טרעוואָגע״, און אַלעמענס אויגן זיינען גע־ווען געווענדעט נאָר אויף מיר, אויף דעם גזלן, אויף דעם רוצח, וואָס האָט דערהרגעט פּעטקען. איך בין געשטאַנען אויפן מיטן גאַס אַ צע־טומלטער און האָב אַליין ניט געוואוסט, וואָס מיט מיר טוט זיך — כ׳האָב אַפילו ניט געוואוסט, צי פּעטקע לעבט, צי ער איז געשטאָרבן, און בעת־מעשה האָב איך נאָר געטראַכט, אַז איין גאָט, דער יידישער גאָט, קאָן מיר העלפן.

באַלד האָט דער אונטער־אָפיציר אַ קאָמאַנדעווע געטאָן, אַז מען זאָל מיך אָפּפירן צום קאָמאַנדיר פון דער ראָטע. גייענדיק מיט אַ גרויסן סאָלדאַט ביים זייט צו דעם קאָמאַנדיר, האָב איך אויפן וועג אָפּגעזאָגט אויסווייניק צוואַנציק קאַפּיטלאַך תהילים, און כ׳האָב אַלץ געבעטן גאָט, ער זאָל מיר העלפן אין מיין אומגליק.

דער קאָמאַנדיר פון דער ראָטע האָט שטרענג אַ קוק געטאָן אויף מיר און האָט מיט קולות און געשרייען אָנגעהויבן אויספרעגן ביי מיר וועגן דער רציחה. איך האָב אָבער כמעט איין וואָרט ניט פאַרשטאַנען פון אַלע זיינע קולות, און כ׳האָב אַ דערשראָקענער דורכאויס איבער־געחזרט איינע און דיזעלבע ווערטער:

טאַק טאָטשנאָ, סלושאַיו!

דער קאָמאַנדיר האָט אַ היבשע וויילע געקוקט אויף מיר, האָט מיר געשטראָשעט מיט איין פינגער, און האָט באַלד געפּסקנט: מען זאָל מיך אַריבערפירן אויף אַן אַנדער קוואַרטיר, און דאָרטן וועט מען מיך שפּעטער שמייסן.

גאָר אומעוואַרט פאַר מיר, איז מיין נייע קוואַרטיר געווען אַ סך אַ בעסערע, ווי די ערשטע. ערשטנס, זיינען דאָרטן ניט געווען קיין קינדער, און ס׳איז ניט געווען ווער ס׳זאָל זיך מיט מיר רייצן. צווייטנס, האָט מיר די נייע בעל־הביתטע אַריינגעפירט אין אַזאַ ריינעם אויסגע־פוצטן צימערל, אַז מיר האָט זיך בעת־מעשה אויסגעדוכט, אַז איך בין אַריינגעפאַלן אין אַ גן־עדן. דאָס צימערל איז געווען ריין אויסגעוואַשן, אויף די פענסטער זיינען געהאַנגען ווייסינקע פאָרהענגלאַך, אין ווינקל איז געשטאַנען אַ קליינע בעטל מיט קישנס און מיט אַ קאָלדרע פון אויבן און נאָענט ביי דער בעטל איז געשטאַנען אַ קיילאַכדיקער טישל

מיט אַ קלאָרן טישטוך באַדעקט. מיר האָט זיך גאָר ניט געגלויבט, אַז דאָ וועט מען מיר לאָזן לייגן זיך און אָפּרוען. אָבער די בעל-הביתטע האָט מיר באַלד אַ גלעט געטאָן און געזאָגט מיט האַרציקער שטימע:

— קום אַהער, מיין טייערער סאָלדאַטיק, האָב קיין מורא ניט, מיין ליבינקער—קום אַהער.

איך האָב אַראָפּגענומען פון פּלייצע מיין קליינעם פּעקל און האָב אים אַרונטערגעשטופּט אונטערן בעט, און כ'האָב אָנגעהויבן אויסטאָן מיין שינעל. דאָ אָבער האָט מיין נייע בעל-הביתטע דערזען, אַז איך בין זייער שמוציק, און זי האָט מיך באַלד אַוועקגעפירט אין באָד. ס'איז געווען דאַמאָלסט אַ טאָג פון שבת, ווען אַלע דאָרפישע איינוואוינער הייצן יעדערער זיין באַזונדער באָד, און די בעל-הביתטע האָט מיר אַליין מיט אירע הענט אַזוי גוט אויסגעוואַשן, אַז מיר האָט זיך אין דער ווילדע געדוכט, אַז לעבן מיר שטייט ניט קיין פרעמדע גויע, נאָר מיין אייגענע מאַמע. נאָכן באָד האָט זי מיר געגעבן צו זאַט עסן און טרינקען, און איך בין בעת-מעשה געוועזן אַזוי גערירט פון איר גוטסקייט, אַז כ'האָב יך געשטעלט פאַר איר אויף די קני און האָב איר אַ קוש געטאָן אין האַנט.

איך בין געוועזן אַזוי איבערראַשט פון דעם חסד, וואָס גאָט טוט מיט מיר, אַז כ'האָב זיך באַלד פון שימחה פונאַנדערגעוויינט, און לאַנג-לאַנג האָב איך זיך ניט געקאָנט באַרואיקן: שטילערהייט האָב איך מיט די ליפּן דורכאויס געזאָגט תהילים און געלויבט דעם ריבונו-של-עולם.

מיין נייע בעל-הביתטע איז געוועזן אַזאַ גוטע, אַז זי האָט מיר צייטנווייז פאַרביטן אַ מאַמען, און אונטער איר השגחה האָב איך זיך געשפּירט אַ סך רואיקער און זיכערער. אַפילו דער בעל-הבית איז אויך געוועזן צו מיר זייער גוט. באַלד דעם ערשטן טאָג האָט ער זיך צו מיר נאָנט צוגעזעצט און האָט ביי מיר אויסגעפרעגט וועגן אַלע קלייניקייטן פון מיין היים. ער האָט מיר געגלעט איבערן קאָפּ און נאָכגעפרעגט ביי מיר, פון וועלכער גובערניע איך בין, צי האָב איך עלטערן און מיט וואָס זיי באַשעפטיקן זיך. אַ ביסל האָב איך שוין געקאָנט ריידן אויף רו-סיש, אָבער ווי אַזוי צו ערקלערן מיין בעל-הבית, אַז מיין טאַטע איז אַ מלמד—דאָס האָב איך בשום אופן ניט געקאָנט. איך האָב אים געגעבן עטלאַכע סימנים מיטן האַנט, און דער בעל-הבית האָט מיר פריינדלאַך

א קניפּ געטאָן אין באַק—מסתּמא האָט ער פאַרשטאַנען. דער בעל־הבית האָט מיר געטרייסט, אַז איך וועל אַלע שלעכטע צייטן אַריבערקומען, דערבײַ האָט ער מיר דערציילט, אַז אויך זייגער אַ זון דינט אין סאָלדאַטן—ווייט־ווייט אויף קאַווקאַז.

אַז איך האָב איבערגעשלאָפן די ערשטע נאַכט אויף מײַן נײַער קוואַרטיר, בין איך אויף מאָרגן פרי אויפגעשטאַנען אַ מונטערער און אַ פרישער, און ווען די בעל־הביתטע האָט מיר געגעבן צו זאַט עסן און האָט מיר מיט אַ ברכה דורכגעלאָזן אויף „סלוזשבע"—האָט זיך מיר בעת־מעשה געדוכט, אַז לעבן מיר שטייט מײַן אייגענע מוטער, וועלכע ריכט מיך אויס אין חדר אַרײַן. גייענדיק אין קאַזאַרמע, האָב איך דורכאויס געדאַנקט און געלויבט גאָט, וואָס איך בין פּטור געוואָרן פון מײַן פרי־ערדיקער דירה: איצט וועל איך האָבן צו לײַדן נאָר אויף דער סלוזשבע. אויף דער קוואַרטיר אָבער וועל איך שוין קאָנען פרײַ אָפּציען דעם אָטעם.

בײַ דעם דאָזיקן גוטן בעל־הבית און בעל־הביתטע האָב איך גע־וואוינט אַ גאַנצן יאָר צײַט. דערווײַלע בין איך געוואָרן אויס ר ע ק ר ו ט און מען האָט מיר געגעבן אַ נײַעם נאָמען—ס אָ ל ד אַ ט. פאַר דעם יאָר האָב איך זיך אויסגעלערנט ריידן רוסיש, כ'האָב שוין געקאָנט זייער גוט מײַן סלוזשבע און כ'האָב שוין מער ניט באַקומען קיין קלעפּ, וואָרים איך בין געוואָרן זייער אַ געראָטענער סאָלדאַט: אַ געזונטער, אַ רירעוו־דיקער, די היטל אויף אַ זײַט—ס'איז שוין אויף מיר גאַרניט קאָנטיק גע־ווען, אַז איך בין אַ זון פון אַ מלמד.

איז מיר טאַקע געווען גאָר ניט שלעכט. כ'האָב זיך אַ ביסל צו־געוווינט צו דעם לעבן פון אַ סאָלדאַט, איך בין געוווינט געוואָרן מיט די דאָרפישע פּוערים און מיט זייערע מנהגים, און כ'האָב כּמעט אויפ־געהערט צו וויינען און צו קלאָגן וועגן אַמאָליקע יאָרן. אומעטיק איז מיר געוואָרן אויפן האַרצן, ווען כ'האָב מיטאַמאָל אויפגעהערט צו באַקומען בריוו פון טאַטן און פון מײַן מאַמען. דעם ערשטן יאָר האָב איך כּמעט אַלע חודש באַקומען פון מײַנע עלטערן אַ בריוו מיט אַ רובל געלט, און פּלוצלונג — זײַנען זיי אַנטשוויגן געוואָרן, און כ'האָב פון זיי קיין שום ידיעה ניט געהאַט. דוכט זיך, וואָס איז דאָס פאַר אַזאַ גרויסע זאַך אַ בריוו? אָבער כ'פלעג אַזויפיל נחת האָבן פון יעדער בריוועלע, וואָס

כ׳האָב פון זיי ערהאַלטן, אַז אויך פלעג אים לייענען אַלע טאָג פון אָנ־הייב, ביז וואַנען כ׳האָב אין אַ חודש אַרום ווידער באַקומען אַ נייעם בריוו און האָב פון דאָסניי געהאַט וואָס צו לייענען. האַלטנדיק מיין טאַטנס בריוו אין דער האַנט, האָט זיך מיר בעת־מעשה אויסגעדוכט, אַז איך זע מיין טאַטן זיצנדיק ביים טיש, ווי ער טוט אָן די ספּאַקולן, ווי ער טונקט איין די פעדער און ער האַלט זיך אַן עצה מיט דער מאַמען, וואָס ער זאָל מיר שרייבן. און איצט איז מיר מיט איינמאָל פאַרשטערט גע־וואָרן מיין שטענדיקער פאַרגעניגן — ניטאָ מער קיין בריוו פון מיין טאַטן־מאַמען!

איך האָב געשריבן צו זיי אַלע וואָך, און קיין ענטפער איז אַלץ ניטאָ און ניטאָ. וואָס קאָן דאָס זיין? און כ׳האָב אָנגעהויבן טראַכטן, אַז גאָט ווייס, וואָס דאָרטן טוט זיך: צי לעבן זיי דאָרטן מיינע טייערע עלטערן? וועס טוען זיי איצטער, און וואו געפינען זיי זיך? מיר פלעגן אָפּט קומען אויף דער מחשבה אַזעלכע טרויעריקע געדאַנקען, אַז כ׳האָב זיך געמוזט פונאַנדערוויינען. טאָמער איז גאָר מיין טאַטע קראַנק? טאָ־מער איז ער גאָר געשטאָרבן? און מיין מאַמע איז געבליבן אַ וויסטע און אַן אָרימע אַלמנה? און טאָמער — כ׳האָב דאָס גאָר מורא פון מיין מויל אַרויסצורעדן — טאָמער זיינען זיי גאָר ביידע געשטאָרבן? ביי אַזעלכע געדאַנקען פלעגט מיר אַריבערגיין אַ ציטער איבערן גאַנצן לייב, און מיר פלעגט זיך דאַמאָלסט אַליין אויך וועלן שטאַרבן. וואָס טויג מיר מיין לעבן איינער אַליין אויף דער וועלט? אַ קליינער יתום פאַרוואָרפן, אַזוי ווייט פון אייגענע פריינד, פאַרוואָרפן צווישן גויים, און איך קאָן אַפילו ניט זען דעם טאַטנס קבר! פון צער און עגמת־נפש האָב איך אויפגע־הערט עסן—כ׳פלעג קיין זאַך אין מויל ניט נעמען. דאָס האָט באַמערקט מיין גוטע בעל־הביתטע, און זי האָט מיר גלעטנדיק איבערן קאָפּ גע־פרעגט:

— וועגן וואָס ביזטו פאַרדאגהט, סאָלדאַטיק? האָט דיר עמיצער געשלאָגן אָדער באַליידיקט?

— ניין, „טיאָטענקאָ" — קיינער האָט מיר ניט געשלאָגן, קיינער האָט מיר ניט באַליידיקט. איך דאגה, וואָס כ׳האָב שוין באַלד אַ האַלב יאָר ניט געהאַט קיין בריוועלע פון מיינע טייערע עלטערן — אַ האַלב יאָר.

— שיק זיי דו אַוועק אַ בריוו—האָט זי מיר געגעבן אַן עצה.

— כ'האָב שוין געשריבן און געשריבן—האָב איך זיך ניט געקאָנט איינהאַלטן פון טרערן: כ'האָב שוין אַזויפיל געשריבן, און קיין ענטפער איז ניטאָ.

— ווייסט וואָס—האָט מיר די בעל־הביתטע געטרייסט: שרייב אָן צו עמיצן פון דיין שטעטל, בעסער פאַר אַלץ שרייב אָן צו אייער רב, און ער וועט דיר געוויס ענטפערן.

ס'איז מיר שטאַרק געפעלן געוואָרן די עצה פון מיין בעל־הביתטע. איך האָב פריער אָפּגעגעסן מיטאָג און כ'האָב אָנגעשריבן אַ בריוו צו מיין אַמאָליקן רבין—צו ראובן דעם מלמד. כ'האָב געוואַרט צוויי וואָכן, דריי וואָכן, און אויף די פערטע וואָך—ס'איז דאָ אַ בריוו מיט אַ רובל געלט. פון שמחה איז מיר מיט איין מאָל פינסטער געוואָרן אין די אויגן. און ווען די בעל־הביתטע דערלאַנגט מיר ניט אַ ביסל וואַסער — וואָלט איך געוויס געחלשט. איך האָב אויפגעריסן דעם קאָנווערט, האָב אָנגעהויבן לייענען דעם בריוו, און אויפן האַרצן איז מיר נאָך ערגער געוואָרן ווי פריער. אוי איז דאָס געווען אַ שרעקלאַכער בריוו! אָט וואָס מיינע עלטערן האָבן מיר געשריבן:

„אונזער געוועזענע זון חיים, און איצטער—דער שד ווייס דיר ווי מען רופט דיך דאָרטן: איוואַן אָדער אפשר אַן אַנדער גוייִשן נאָמען! מיר שיקן דיר אַ רובל, דו זאָלסט קויפן אַ שטריקל און דו זאָלסט זיך אויפהענגען אָדער בינד צו אַ שטיין צום האַלז און דערטרינק זיך. פון הייַנט אָן און ווייטער זאָלסטו זיין פאַרשאָלטן! קיינמאָל זאָלסטו אונזער נאָמען ניט דערמאָנען! שיק אונז מערניט דיינע פאַלשע בריוועלאַך! מיר וועלן מער דיינע בריוו ניט אָפּנעמען פון פּאָסט און מיר וועלן זיי ניט לייענען. דו האָסט איצט נייע עלטערן—זאָלן זיי דיר געבן רובלס. אויב מיר וועלן שטאַרבן פריער פאַר דיר—וועלן מיר דאָרטן ניט שווייגן. אויף יענער וועלט וועלן מיר דיר אויך האַלטן אין איין שילטן און מיר וועלן בעטן גאָט, ער זאָל דיר דאָ קיין תקומה ניט געבן, וואָרים דו האָסט פאַרשוואַרצט אונזערע אויגן און דעם נאָמען פון דיין זיידן דעם רב! דו האָסט פאַרשוואַרצט, גזלן איינער, אונזער גאַנצע פאַמיליע! צוליב דיר, גזלן דו איינער, לויפן איצט נאָך אונז ייִנגלאַך און שרייען: אייער חיימקע איז אַ משומד! אייער חיימקע איז אַ משומד! אויב דאָס

אַלץ, וואָס מ'זאָגט אויף דיר, איז אַ ליגן — זאָלסטו וועגן דעם צושיק אונז תּיכּף אַ חתימה פון דעם דאָרטיקן רב — ניט אַנדערש, דו הערסט? אַז מיר וועלן באַקומען פון דיר אַזאַ כּתב פון רב אונטערגעשריבן, אַז דו האָסט זיך ניט געשמדט — וועסטו ווידער בלייבן אונזער טייער זון חיימל. איצטער וואַרטן מיר נאָר אויף דעם כּתב מיט דער חתימה פון רב.

ווען איך האָב עטלאַכע מאָל דורכגעלייענט מיין טאַטנס בריוו, איז אויף מיר אַרויף אַזאַ מרה־שחורה, אַז כ'האָב זיך דעם גאַנצן טאָג קיין אָרט ניט געקאָנט געפינען. פון איין זייט האָט מיר פאַרדראָסן אויף מיין טאַטן: ווי אַזוי איז ער דאָס מיר חושד אין אַזאַ זאַך? ווי אַזוי קען אים דאָס גאָר איינפאַלן, אַז איך וועל זיך מיטן גוטן ווילן אָפּזאָגן פון מיין גאָט, פון מיין יידישקייט, פון מיין טאַטע־מאַמען? דערצו האָט מיר נאָך שטאַרקער פאַרדראָסן, וואָס דער טאַטע מיט ז'ער מאַמען האָבן מיר אין בריוו געשאָלטן מיט אַזעלכע שרעקלאַכע קללות. זיי האָבן געשאָלטן מיר, וועלכער איז אויסגעשטאַנען אַזויפיל צרות, אַזויפיל יסורים, אַזויפיל עינויים און נגישות, און אַלץ צוליב מיין עקשנות, וואָס איך האָב זיך ניט געוואָלט שמדן!

פון דער צווייטער זייט אָבער האָט מיר וויי־געטאָן דאָס האַרץ אויף מיין טאַטן. וואָרים אויב ער האָט געקאָנט ביי זיך פועלן אָנצו־שרייבן מיר אַזאַ בריוו — מסתּמא איז ער פון צער און פון עגמת־נפש קראַנק־געוואָרן אויפן קאָפּ און ער איז גערירט געוואָרן פון שכל. אָבער פונוואַנען האָט דאָס מיין טאַטע באַקומען אַזאַ פאַלשע ידיעה? ווער האָט דאָס געקאָנט מאַכן אויף מיר אַזאַ בילבול? קיין גוטער פריינט האָט דאָס אַוודאַי ניט דערציילט—סיידן דעם טאַטנס אַ שונא, וועלכער האָט אים געוואָלט מקצר־ימים זיין.

ווי דאָס זאָל ניט זיין, ווי מאַכט מען אָבער, אַז די עלטערן זאָלן זיך דערוויסן דעם אמת? וואָס פאַר אַ סימן זאָל איך זיי געבן, אַז זיי זאָלן מיר גלויבן, אַז איך בין נאָך אַלץ אַ ייד, וואָס איז איבערגעגעבן מיטן גאַנצן האַרצן דעם יידישן גאָט און דעם יידישן פאָלק? דער טאַטע מיינער בעט, איך זאָל אים צושיקן אַ חתימה פון אַ רב. אָבער וואו נעמט מען דאָ אַ רב אין מיין רוסישן דאָרף? איך בין דעם גאַנצן טאָג אַרומ־געגאַנגען ווי אַ צעטומלטער און האָב אַלץ געטראַכט: וואָס טוט מען?

איין עצה איז דאָ, אַז מיין טאַטע זאָל צושיקן דעם רב פון אונזער שטעטל אַהער, און ער וועט זיך דאָ דערוויסן דעם גאַנצן אמת.

דערווייליע האָב איך באַקומען אַ בריוו פון מיין אַמאָליקן רבין — פון ראובן דעם מלמד, און פון דעם בריוו האָב איך זיך דערוואוסט, אויף וואָס פאַר אַן אופן אין אונזער שטעטל האָט זיך פאַרשפרייט אַזאַ מיאוסער קלאַנג וועגן מיר.

לאָזט זיך אויס, אַז אין דריי חדשים אַרום, נאָכדעם, ווי מען האָט מיך אַרויסגעכאַפּט פון דער היים—האָבן אַנדערע כאַפּערס צוגעגנבעט נאָך אַ יינגל פון אונזער שטעטל. אָבער דער טאַטע פון דעם יינגל איז שוין ניט געווען קיין מלמד, און ווען מ׳האָט אַרויסגעשיקט זיין קינד—איז ער באַהאַלטענערהייט נאָכגעפאָרן נאָך אים, ביזוואַנען ער איז אָנגעקומען אין קיעוו, וואו אים האָט זיך איינגעגעבן אַרויסצוראַטעווען זיין קינד פון די גוישע הענט און צו אַנטלויפן מיט אים צוריק אַהיים. אָט דער ייד האָט דאָס דערציילט ביי אונז אין שטעטל, אַז די גאַנצע פּאַרטיע יידישע רעקרוטן, וואו איך האָב זיך געפונען—האָט זיך אויסגעשמדט.

אינגיכן זיינען פאָרגעקומען גרויסע ענדערונגען אין לעבן פון די סאָלדאַטן־קאַנטאָניסטן. אין רוסלאַנד איז געוואָרן קיסר אלעקסאנדער דער צווייטער, און ס׳זיינען באַלד איינגעפירט געוואָרן נייע אָרדע־נונגען.

די נייע רעגירונג האָט פאַרשטאַנען, אַז אַן אַרמיי פון קליינע קינ־דער האָט קיין שום ווערט ניט, אַז מען גיט אויס אויף דעם מיליאָנען רובלס, וועלכע ברענגען קיין שום פעולה ניט און אַז דידאָזיקע קליינע סאָלדאַטיקלאַך זיינען נאָר נייטיק פאַר די נאַטשאַלניקעס, וואָס באַקומען גרויסע געהאַלט און דערצו נאָך הויכע שטעלעס מיט נאַגראַדעס. און די הויכע שטעלעס באַקומען זיי ניט פאַר זייערע העלדישע מעשים אַלס מיליטער־לייט, נאָר מערניט דערפאַר, וואָס זיי שמדן אָפּ אַ סך יידישע קינדער.

אַזוי, למשל, שיקט אַריין אַ נאַטשאַלניק אַ ראַפּאָרט, אין וועלכן ער שרייבט בזה הלשון:

— כ׳האָב די ערע מיטצוטיילן, אַז אין דער ראָטע, וואָס געפינט זיך אין מיין רשות—האָבן זיך מיטן גוטן ווילן געשמדט אַזויפיל און אַזויפיל יידישע קינדער.

פאַרשטייט זיך, אַז ביי ווענען ס׳זיינען געווען מער געשמדטע יידישע קינדער—יענער האָט באַקומען אַלץ אַ גרעסערן „טשין״ און אַלץ מער געהאַלט.

אָט דידאָזיקע אַרמיי פון פיצלאַך קינדער האָט מען אין אַלעק־סאַנדער דעם צווייטנס צייטן געהייסן פונאַנדערלאָזן. די סאָלדאַטיקלאַך פון די אמתע רוסן האָט מען תּיכּף באַפרייט און אָפּגעשיקט אַהיים, און אונז, יידישע רעקרוטן, האָט מען צעטיילט אויף געשמדטע און ניט געשמדטע. די וואָס האָבן זיך געשמדט, האָט מען אָפּגעגעבן אין אַלערליי מיליטערישע שולן אָדער פאַר פעלדשאַרעס, און אונז, די ניט געשמדטע, האָט מען באַ־שטימט אין אַ ר אַ ק ט ש ײ ע װ ס ק אָ מ אַ נ ד ע ס, וואו ס׳האָבן זיך געפו־נען אַלערליי „מאַסטערסקאַיעס״. מיך האָט מען אַוועקגעשיקט אין דער מאָסקווער קאָמאַנדע און איך האָב זיך דאָרטן אָנגעהויבן לערנען סטאָלערייַ.

אין מאָסקווע האָט זיך אָנגעהויבן פאַר מיר גאָר אַ ניי לעבן. אַ נייע שטאָט, נייע מענטשן, נייע מנהגים, און אַלץ האָט מיר דאָ אויס־געזען אַזוי פרעמד און אַזוי טרויעריק, אַז כ׳האָב זיך געהאַלטן אין איין שרעקן: וואָס וועט דאָ פון מיר ווערן? וואָס וועט מען דאָ פון מיר מאַכן און צי וועל איך קענען אַריבערטראָגן בשלום די צרות אין בייעם אָרט. און ס׳איז קיין וואונדער ניט, וואָס כ׳האָב זיך אַזוי שלעכט געשפירט. אין דער „מאַסטערסקאַיע״, וואו ס׳האָבן זיך געפונען פופציק מייסטערס און פופצן באַהעלפערס, בין איך געווען דער איינציקער ייד, און אַוודאי איז מיר אויסגעקומען אַריבערצוטראָגן פון זיי ניט ווייניקער אַכזריותן און באַליידיקונגען. ס׳וואָלט אפשר מיר ניט געווען אַזוי שלעכט, ווען די אַרבעטער וואָלטן געווען געלערנטע מענטשן. אָבער אין דער אמתן זיינען זיי אַלע געווען פּראָסטע פּויערים־יונגען פון דאָרף, וועלכע האָבן צו טאָן מיט דעם קליינעם „זשידיוק״, וואָס איז געווען פאַר זיי אַ שפּילכל. כ׳האָב אָבער אויך דאָרטן ניט פאַרלאָרן די האָפענונג, און האָב זיך שטענדיק געטרייסט, אַז דערפאַר, וואָס, איך בין געטריי געבליבן דער יידישער אמונה, וועט מיר גאָט אַרויסהעלפן פון אַלע צרות.

מיין אַרבעט אין דער „מאַסטערסקאַיע״ איז געווען די ערשטע צייט זייער אַ שווערע און ניט קיין אָנגענעמע. איך פלעג דאַרפן אויפ־

שטיין גאַנץ פרי — זעקס אַ זייגער, און די ערשטע זאַך האָב איך געדאַרפט אָנטראָגן וואַסער, און מיט אַ כּלי פון עטלאַכע עמער האָב איך געשלעפּט אויף מיינע פּלייצעס וואַסער ביזן האַלבן טאָג. דערנאָך האָב איך שעהן־לאַנג געקאָכט קליי פאַר די אַרבעטער, און ווען איך האָב שוין אָפּגע־פּטרט די אַרבעט — האָט מען מיר אָנגעהויבן אַרומשיקן אין אַלע עקן שטאָט נאָך אַלערליי פּראָדוקטן פאַר די אַרבעטער.

עסן פלעגט מען מיר געבן ברויט מיט קוואַס אָדער ברויט מיט געדיכטע קרויט. נאָר די אַרבעטער פלעגן מיר קיינמאָל ניט לאָזן אָפּעסן רואיק, און באַלד, ווי נאָר איך פלעג זיך זעצן עסן, האָבן אַלע געשריען צו מיר:

— זשידיוק, דערלאַנג מיר דאָס! זשידיוק, דערלאַנג מיר יענץ, זשידיוק!...

אַמאָל פלעגן זיי זיך אַלע אַרומזעצן אַרום מיר און מ׳האָט אָנגע־הויבן זאָגן גראָבע וויצן און אָפּלאַכן פון אַלע יידן. ס׳האָט מיר אַוודאי וויי געטאָן דאָס האַרץ, וואָס מען מאַכט חוזק פון יידן. אָבער כ׳האָב קיינ־מאָל גאָרניט געענטפערט, ווייל כ׳האָב מורא געהאַט פאַר קלעפּ, אַזוי האָב איך געליטן און געשוויגן און אויף מאָרגן ווידער געליטן.

אין דער מאָסקווער סטאָלער־„מאַסטערסקאַיע״ האָב איך געהאַט אויסצושטיין גענוג צרות — דאָס איז געווען איבער די כּוחות פון אַ קליי־נעם שוואַכן יידישן יינגל. איין זאַך האָט מיר געשטעלט אויף די פיס: כ׳האָב געהאַט אַן אומגעוויינלאַכן אַפּעטיט. די אכילות זיינען, פאַרשטייט זיך, געווען פּראָסטע, סאָלדאַטסקע, און מיט איין יאָר צוריק וואָלט איך אַפילו אַ ביסן ניט געקאָנט אַראָפּשלינגען. איצטער אָבער איז מיר אַלץ געפעלן געווען. האָט מען מיר דערלאַנגט אין אַן עמערל קאַשע — ניט געטראַכט און אויפגעגעסן; האָט מען מיר געגעבן ברויט מיט קוואַס — איז דערפון באַלד קיין זכר ניט געבליבן, און טאָמער האָב איך געכאַפּט ערגעץ אַ רעטאַך, אַ ציבעלע, אַן אוגעראָק — האָב איך דאָס אַלץ באַלד איינגעשלונגען, און דער מאָגן האָט ביי מיר געאַרבעט אַזוי שנעל, אַז שטענדיק האָט מיר געהונגערט און קיינמאָל האָב איך זיך ניט אָפּגע־זאָגט פון עסן. אַפילו די טריפע אכילות, וועלכע כ׳האָב ניט געקאָנט אויף מיינע אויגן אַרויפלאָזן, זיינען מיר איצט געוואָרן ליב, און האָב שוין מער מיט קיין זאַך ניט בראַקירט. זונטאָג און אויך אין אַלע אַנ־

דערע חגאָ=טעג פלעגט מען אונז נאָך געבן פיראָזשקעס. די גרעסערע אַרבעטער פלעגן באַקומען צו גאַנצע, און מיר, קליינע רעקרוטלאַך, פלעגן באַקומען נאָר צו האַלבע. די פיראָזשקעס זיינען געווען געפילט מיט קרויט, מיט מערן און אַמאָל מיט פלייש, און זיי האָבן מיר אויסגעזען אַזוי באַטעמט און אַזוי געשמאַק, אַז צוליב דעם אַליין האָט זיך מיר געוואָלט ווערן וואָס גיכער אַ גרויסער. אויסער דער גאַנצער פיראָזשקע, וואָס די גרויסע אַרבעטער האָבן באַקומען, האָב איך זיי נאָך מקנא געווען דערפאַר, וואָס זיי האָבן געשלאָפן אויבן אויף די וואַרשטאַטן, און איך האָב זיך דורכאויס געוואַלגערט אונטער די טישן אויף שטרוי' און אַמאָל טאַקע אויף דער הוילער פאָדלאָגע.

מיין אַרבעט אין דער „מאַסטערסקאַיע״ איז נאָך אַלץ געווען — טראָגן וואַסער און פאָלגן אַ גאַנג. כ׳פלעג זייער אָפט פאַרטראַכטן זיך: וואָס וועט דאָס פון מיר זיין? וואָס וועט פון מיר אַרויסקומען? כ׳וועל דאָך אַזוי טראָגן וואַסער יאָרן=לאַנג, און וואָס פאַר אַ תכלית איז דאָס? פון אַזאַ אַרבעט, ווי וואַסער טראָגן—וועל איך דאָך אַפילו קיין גוטער בעל=מלאכה ניט ווערן! און דערצו טאַקע וועל איך אייביק דאַרפן שלאָפן אויף דער ערד און וועל באַקומען מער ניט אַ האַלבע פיראָזשקע.

איינמאָל האָב איך זיך אָנגענומען כוח און האָב זיך געמאַכט אַ האַרץ: כ׳וועל בעטן דעם בעל-הבית, ער זאָל מיר אַוועקשטעלן צו דער אַרבעט! לכתחילה האָב איך אַפילו מורא געהאַט צו ווערן אַזאַ בעל=העזה: דער בעל=הבית וועט נאָך אין כעס ווערן און ס׳וועט מיר נאָך ווערן ערגער, ווי פריער. מיר איז שוין אָבער אַזוי מיאוס געוואָרן דער לעבן פון אַ וואַסער=טרעגער, אַז כ׳האָב שוין ניט געהאַט מער וואָס אָנצווווערן, און אַז דער בעל=הבית איז איינמאָל אַ פרי=מאָרגן אַריין אין מאַסטערסקאַיע—האָב איך זיך געוואָרפן פאַר אים אויף די קני און האָב אים אָנגעהויבן בעטן:

— איוואַן וואַסיליטש, זייט אַ בעל=רחמן און פאַרבייט מיר אַ טאַטן=מאַמען, איוואַן וואַסיליטש...

— וואָס ווילסטו?—האָט דער בעל-הבית שטרענג געפרעגט: רייד, וואָס פאַרלאַנגסטו?

— האָט רחמנות, איוואַן וואַסיליטש, כ׳וועל פאַר אייך גאָט בעטן, אייביק וועל איך פאַר אייך תפילה טאָן...

— אָבער וואָס פאַרלאַנגסטו? מאָדנער ייִנגל...

— כ'האָב אייך געוואָלט בעטן, איוואַן וואַסיליטש, איר זאָלט מיט מיר טאָן אַ חסד און איר זאָלט מיך אַוועקשטעלן ביי אַ וואַרשטאַט—כ'וויל אַרבעטן.

דער בעל-הבית האָט אויף מיר פאַרוואונדערט אַ קוק געטאָן און האָט געפרעגט:

— און ווער וועט טראָגן וואַסער? מ'דאַרף דאָך האָבן וואַסער אויך—ווער וועט דאָס טראָגן.

— איוואַן וואַסיליטש—האָב איך גערעדט מיט טרערן אויף די אויגן: איוואַן וואַסיליטש—איך וויל אַרבעטן ביים וואַרשטאַט און איך וועל טראָגן וואַסער און איך וועל פאָלגן אַ גאַנג—אַלץ וועל איך טאָן!

הינטערן טיר איז דאַמאָלסט געשטאַנען די בעל-הביתטע און האָט גאָר ניט ווילנדיק געהערט מיין בקשה. זי איז באַלד אַריינגעגאַנגען אין מאַסטערסקאַיע און געזאָגט צום מאַן:

— וואַניאַ, אַ רחמנות אויף אים—שטעל אים טאַקע אפשר אַוועק ביים וואַרשטאַט: ער איז, זעט מיר אויס, ניט קיין נאַרישער זשידאָק און ער וועט זיך אוודאי גאָר גיך אויסלערנען די אַרבעט. אָט שטעל אים אַוועק, און זאָל ער אַרבעטן!

צו מיין גליק איז יענעם טאָג גראָד ניט געקומען איין אַרבעטער אין מאַסטערסקאַיע, ווייל ער האָט זיך ערגעץ פאַרשיכורט און איז געלעגן ביי זיך אין שטוב, און דער בעל-הבית האָט מיר ערלויבט שטעלן זיך אויף יענעמס אָרט. נאָך מער—דער בעל-הבית האָט מיר דערלאַנגט אַ פּאָר אינסטרומענטן און האָט מיר מיט אַ גוטן שמייכל געזאָגט:

— נאַ דיר אינסטרומענטן און היט זיי, דו הערסט? די אינסטרומענטן זאָלסטו האַלטן טייער און דו זאָלסט אַרבעטן מיט קאָפּ.

מיין שמחה יענעם טאָג איז געוועזן אַזוי גרויס, אַז איך האָב אָנגעטראָגן אפשר צוואַנציק כּלים וואַסער און איך בין גאָרניט פאַרמאַטערט געוואָרן. איך פלעג אַלע ווײַלע צוגיין צום וואַרשטאַט, כ'פלעג אַ טאַפּ טאָן די אינסטרומענטן און האָב בעת מעשה געהאַט אַ משונהדיקע הנאה, גלייך ווי מען וואָלט מיר געמאַכט פּאַר אַן אָפיציר אָדער ווי מען וואָלט מיך פריי געלאָזן אַהיים. יענעם טאָג האָב איך אַפילו עסן ניט געוואָלט. מ'האָט דערלאַנגט וועטשערע, און איך האָב אַפילו אין יענעם זייט ניט

געקוקט. וואָס דאַרף איך די וועטשערע, אַז באַלד־באַלד וועט פינסטער און איך לייג זיך שלאָפן—שוין ניט אויף דער ערד, ווי אַלעמאָל, נאָר טאַקע אויפן וואַרשטאַט, ווי אַ פּריץ.

און אַזוי איז טאַקע געווען. דער עולם האָט אָפּגעגעסן וועטשערע, האָט אָפּגעזאָגט אַ תּפילה, און מ׳האָט זיך אָנגעהויבן לייגן שלאָפן. איך האָב אויסגעשפּרייט דעם גרויסן מאַטראַץ אויפן וואַרשטאַט און האָב זיך אויסגעצויגן מיט אַזאַ הרחבה, אַז מיט יעדער מינוט איז מיר צוגעקומען גאַנצע פודן חיות, און דערביי האָב איך געטראַכט, אַז איצט וועל איך שוין אין ערגעץ ניט פאַרפאַלן ווערן, אַז ווייבאַלד איך וועל האָבן אַ מלאכה אין האַנט, וועל איך שוין ניט בלייבן קיין וואַסערטרעגער, און אַז פריער אָדער שפּעטער וועל איך ווערן אַ מענטש מיט לייטן גלייך. דערצו האָב איך ביי זיך באַשלאָסן, אַז איך זאָל זיך טאַקע נעמען פלייסיק צו דער אַרבעט. ערשטנס וועל איך זיך טאַקע גיכער אויסלערנען, און צווייטנס וועט דער בעל־הבית זיין צופרידן פון מיר און וועט קיין חרטה ניט האָבן, וואָס ער האָט מיך דערהויבן צו דער מדרגה פון אַן אמתן אַרבעטער.

אויפן וואַרשטאַט מיטן מאַטראַץ איז טאַקע געווען גאַנץ גוט, אָבער איינגעשלאָפן בין איך ניט אויף איין מינוט. די נאַכט האָט זיך פאַר מיר געצויגן, ווי גאַנצע יאָרן, און איך האָב קוים דערוואַרט ס׳זאָל ווערן טאָג. ווי נאָר ס׳איז עטוואָס ליכטיק געוואָרן—בין איך שוין געשטאַנען אויף די פיס. באַלד האָב איך זיך איינגעוואַשן מיט קאַלטע וואַסער און האָב זיך געשטעלט דאַווענען שטילערהייט מיט אַזאַ כוונה, אַז ביי מיר האָבן זיך געשטעלט טרערן אין די אויגן.

כ׳האָב יענעם פרימאָרגן געדאַוונט מיט אַ זעלטענער התמדה, וואָרים כ׳האָב געשפּירט און געזען בחוש, אַז דער אויבערשטער טוט מיט מיר אַלע טאָג נייע חסדים. איך—אַ קליינער, אַ שוואַכער יידישער ייִנגל, וועלכן מ׳האָט מיט גוואַלד אַרויסגעריסן פון זיין שטעטל, פון זיין חדר, פון זיין טאַטן־מאַמען, און פונדעסטוועגן ווער איך ניט פאַרפאַלן. אַ קליינינקע, שוואַכינקע שעפּסעלע צווישן וועלף, און לעבט פונדעסטוועגן — איז דאָס דען ניט קיין ניסים? ס׳איז ניטאָ, ווער ס׳זאָל מיר אונטערהאַלטן, ס׳איז ניטאָ ווער ס׳זאָל מיר טרייסטן, ס׳איז ניטאָ ווער ס׳זאָל פאַר מיר אַ גוט וואָרט זאָגן, און גאָרנישט—דער אויבערשטער קומט מיר

צו הילף און... כ׳ווייס ניט, וואָס פון מיר וועט נאָך ווערן, כ׳ווייס ניט, וואו דער מזל מיינער וועט מיך נאָך פאַרוואַרפן, און ווייס ניט, וואָס מיר שטייט נאָך פאָר אַריבערצוטראָגן! אָבער דערווייליגע גייט אַלץ פאָרט מיט חסד. איך האָב זיך ניט געלאָזט שמדן און מען האָט מיך ניט דערהרגעט, כ׳האָב איבערגעלעבט אַזעלכע שווערע חדשים פריער אויפן וועג, דערנאָך אין קיעוו, דערנאָך אין דאָרף און איצט בין איך אין מאָסקווע אַ פרעמדער, אַ גר, אַרומגערינגלט פון אַלע זייטן מיט גרויסע שטאַרקע פויערים, וואָס לאַכן פון מיר, וואָס מאַכן חוזק פון אַלע יידן, און פונדעסטוועגן—וועל איך שוין מער ניט שלאָפן אויף דער ערד און כ׳בין שוין אַ בעל־מלאכה!

אוודאי האָב איך נאָך אַליין ניט געקאָנט אַרבעטן — פונוואַנען האָב איך געקאָנט זיך אויסלערנען, אַז איך בין די גאַנצע צייט געווען אַ וואַסער־טרעגער? אָבער איך שטיי דאָך שוין ביים וואַרשטאַט און לעבן מיר ליגט אַ זעג און אַ הובל און נאָך אַנדערע אינסטרומענטן — וואָס פעלט מיר?

תיכף ווי איך האָב מיט כוונה שטילערהייט אָפּגעדאַווענט, האָב איך געכאַפּט די זעג און האָב אָנגעהויבן אַרבעטן מיט אַזאַ חשק, אַז כ׳האָב זיך באַלד באַגאָסן מיט אַ שווייס. איך בין אָבער גאָר ניט פאַרמאַטערט געוואָרן, און איינציקווייז האָב איך איבערגעזעגט אַלע ברעטער, וועלכע דער בעל־הבית האָט מיר אָנגעצייכנט, און אַוועקגעלייגט לעבן מיין וואַרשטאַט.

אַז מיין בעל־הבית האָט באַמערקט, ווי פלייסיק איך אַרבעט און אַז איך האָב צעזעגט אַלע ברעטלאַך ריכטיק און ווי ס׳דאַרף צו זיין — איז ער געבליבן זייער צופרידן פון מיר, און דערפאַר האָט ער געהייסן דעם עלטערן מייסטער, אַז ער זאָל מיר באַווייזן, ווי צו האַלטן אַ הובל אין האַנט און זאָל מיר בכלל צולערנען די אַרבעט.

איך בין אין יענער רגע געווען אויפן זיבעטן הימל פון גליק. אַ קלייניקייט: דער מייסטער אַליין וועט מיר לערנען און אין אַ צייט אַרום וועל איך שוין אַליין קאָנען די אַרבעט! אָבער כאָטש איך בין נאָך געווען אַ קליינער יינגל, האָב איך שוין דאַמאָלסט פונדעסטוועגן פאַרשטאַנען, אַז דער מייסטער וועט מיר אומזיסט ניט וועלן וויזן אַ בעסערע שטיקל אַרבעט, און טאָמער וועט ער מיר שוין אַפילו סעפע

יאָ לערנען—וועט ער אָבער דערביי געוויס שרייען אויף מיר, ער וועט כעסן און וועט זאָגן דעם בעל־הבית, אַז איך האָב אַ גראָבן קאָפּ, אַז איך פאַרשטיי ניט, וואָס מ׳זאָגט מיר, און אַז פון מיר וועט גאָרנישט ניט אַרויסקומען. ביי מיר איז געבליבן מיט אַלע מיטלען צו געווינען די סימפּאַטיע פון דעם מייסטער, און אַזוי ווי ער האָט זייער ליב געהאַט צו טרינקען בראַנפן — איז ביי מיר געבליבן צו געבן אים פון צייט צו צייט קליינגעלט.

דער גאַנצער אייגנס מיינער איז באַשטאַנען פון איין רובל, וועלכן כ׳האָב אויפגעקליבן און אָפגעשפּאָרט פון די אַמאָליקע חודש־געלט, וואָס מ׳האָט מיר צוגעשיקט פון דער היים. אָבער אָפּגעבן אים דעם גאַנצן רובל טאָר איך ניט: וואָס וועל איך שפּעטער טאָן? איך דאַרף זיך אַפילו היטן, אַז דער מייסטער זאָל ניט וויסן, אַז איך פאַרמאָג אַזאַ גרויסע סומע געלט, וואָרים ער וועט דאָס ביי מיר מיט גוטן אָדער מיט בייזן אַרויסציִען. בין איך געפאַלן אויף אַ שכל: איך בין אַרויס אויף אַ ווײַלע אויפן גאַס און בין באַלד אַריינגעלאָפן מיט אַ שמחה אין „מאַ־סטערסקאַיע״:

— גאָט האָט מיר צוגעשיקט אַ מציאה — איך האָב געפונען צוואַנציק קאָפּיקעס!

כ׳האָב אַ קליין ווײַלע געהאַלטן די מטבע אין האַנט און האָב דערנאָך געזאָגט צום מייסטער:

— יערעמיי אַנדרייעוויטש, איך בין דאָך אַ קליינער יינגל—וואָס דאַרף איך די געלט? און איך, יערעמיי אַנדרייעוויטש, וועט דאָס געוויס צוניץ קומען—נאַט אייך אַוועק די צוואַנציק קאָפּיקעס...

דער מייסטער האָט אַ כאַפּ געטאָן פון מיינע הענט די צוואַנציק קאָפּיקעס מיט אַזאַ שמחה, ווי כ׳וואָלט אים דערלאַנגט, לכל־הפחות, אַ הונדערטער, און ער איז תּיכּף געוואָרן צו מיר אַזוי גוט, אַז כ׳האָב זיך נאָר אויף אַזויפיל ניט געריכט. דער מייסטער האָט מיר באַלד באַוויזן, ווי אַזוי צו האַלטן די אינסטרומענטן, ווי אַזוי גלייך צו זעגן, ווי אַזוי צו הובלען ברעטער, און ער האָט אַלץ צו מיר גערעדט מיט גרויס פריינדשאַפט.

— נישקשה, ס׳וועט ווערן פון דיר אַ לייט, נישקשה...

דעם גאַנצן טאָג האָב איך אַזוי געהאָרעוועט, אַז פאַרנאַכט בין

איך שוין געבליבן אָן כּוחות, און אַז איך האָב זיך אויסגעצויגן אויפן וואַרשטאַט, בין איך איינגעשלאָפן, ווי אַ טויטער, און אויף איין זייט האָב איך אָפּגעשלאָפן די גאַנצע נאַכט.

אויף מאָרגן האָב איך זיך ווידער צוגעכאַפּט צו דער אַרבעט מיט גרויס האַסט און האָב דערביי געטראַכט מיט הנאה: נאָך אַ וואָך, נאָך אַ חודש—מ׳וועט מיך שוין אָנהייבן צו האַלטן פאַר אַ גרויסן אַרבעטער און איך וועל צוגלייך מיט אַלע גרויסע באַקומען אַ גאַנצע פּיראָזשקע... איך האָב געזעגט און געהובלט און געקלאַפּט מיטן האַמער, און כ׳האָב בעת־מעשה געהאַט אַזאַ משונהדיקע הנאה, ווי איך וואָלט געוואונען די גרויסע געווינס.

אינמיטן דער אַרבעט איז אַריין אין מאַסטערסקאַיע דער בעל־הבית, וועלכער איז לאַנג געשטאַנען פונדערווייטנס און געקוקט, ווי איך סטאַרע זיך און ווי מיין אַרבעט קומט אַרויס גלאַט, כּמעט ניט ערגער, ווי ביי די גרויסע. דער בעל־הבית איז געבליבן זייער צופרידן פון מיר. ער איז באַלד נאָענט צוגעגאַנגען צו מיין וואַרשטאַט, האָט מיר פריינדלאַך אַ פּאַטש געטאָן איבערן פּלייצע און האָט געזאָגט:

— דו ביזט אַ מאָלאָדעץ, מאיר, אויף מיין וואָרט, אַז דו ביסט אַ מאָלאָדעץ... הערסט, איך וועל דיר בעסער רופן מיראָן... מאיר געפעלט מיר עפּעס ניט—כ׳וועל דיך פון איצטער אָן רופן מ י ר אָ ן.

מילא, האָב איך ביי זיך געטראַכט—רוף מיך, ווי דו ווילסט: רוף מיך אַפילו קאָטשערע און פּאָמעלע, אַבי ס׳זאָל זיין גוט...

גאַנצע דריי חדשים האָט געדויערט, ביז וואַנען איך בין דער־הויבן געוואָרן און מען האָט מיר שוין אָנגעהויבן געבן צוגלייך מיט די עלטערע אַרבעטער אַ גאַנצע פּיראָזשקע. די עלטערע אַרבעטער זיינען געווען שטאַרק אין כּעס אויף מיר, וואָס איך—אַזאַ קליינער—און איך עס שוין אויף אַ גאַנצע פּיראָזשקע! דערצו האָבן זיי מיר סתם מקנא געווען, וואָס איך האָב זיך אַזוי גיך אויסגעלערנט צו זיין אַן אַרבע־טער, אוּן זיי האָבן אַלץ געוואָלט קאַליע מאַכן מיין אַרבעט. איך האָב דאָס אָבער אַלץ געוואוסט און כ׳האָב זיך פון זיי געהיט ווי פון פייער. אָבער מורא געהאַט פאַר זיי האָב איך גאָר ניט. פאַרקערט—וואָס ווייטער, בין איך געוואָרן אַלץ תּקיפער ביי זיך, און טאָמער האָט מיר ווער אַמאָל

צעזידלט מיט גראָבע ווערטער—האָב איך געענטפערט גאָר, ווי אַ גרויסער, און זיי האָבן אויף מיר געקוקט, ווי אויף אַ גאַנצן העלד.

— ווי געפעלט אייך דער „זשידאָק״? — פלעגן זיך די אַרבעטער אָפט דוכריידן מיט שנאה וועגן מיר און וועגן אַלע יידן: אַ גאַנצער מענטש געוואָרן!

דערביי פלעגן זיי זאָגן אויף מיין חשבון פאַרשיידענע ווערטלאַך און וויצלאַך, כדי מיך מצער צו זיין. איך האָב זיך אָבער דערפון שוין מער דאָס הארץ ניט אָפגעגעסן, וואָרים כ׳האָב געוואוסט, אַז דער בעל־הבית איז פון מיר צופרידן, און וואָס דאַרף איך מער?

און דער בעל־הבית איז טאַקע אויף אַן אמת געווען זייער צופרידן מיט מיין אַרבעט, וואָרים כ׳האָב שוין געקאָנט די מלאכה בעסער פון די גרויסע.

אָט אַזוי האָב איך געאַרבעט וואָכן און חדשים, און וואָס ווייטער, בין איך אַלץ פלייסיקער געוואָרן צו דער אַרבעט. כ׳האָב ביי זיך גאַנץ גוט געוואוסט, אַז דאָ, אין ווייטן רוסלאַנד, האָב איך קיינעם ניט, ווער ס׳זאָל וועגן מיר טראַכטן, ווער ס׳זאָל פאַר מיר זאָרגן און ווער ס׳זאָל מיר געבן די ריכטיקע עצה, ווי אַזוי צוצוגרייטן זיך צו די שפּעטערדיקע יאָרן, ווען כ׳וועל ווערן אַ גרויסער און וועל דאַרפן אַליין פירן אַ וועלט. קיינער ניטאָ—ניט קיין טאַטע, ניט קיין מאַמע, ניט קיין קרוב, ניט קיין פריינד, און אויב איך וועל אַליין ניט טראַכטן וועגן זיך — טאָ ווער־זשע וועט עפּעס טאָן פון מייַנטוועגן?

פלעג איך טאַקע אויפשטיין פרי און תיכּף נעמען זיך צו מיין סטאָלאַרישע מלאָכה. אויסער, וואָס כ׳פלעג אַליין מאַכן אַלערליי אַרבעט — האָב איך זיך שטענדיק צוגעקוקט ווי ס׳אַרבעטן די עלטערע מייסטערס, און מיט יעדן טאָג פלעגט מיר עפּעס צוקומען, ביז כ׳האָב שוין געקאָנט מאַכן אַלץ, וואָס מ׳האָט געדאַרפט.

קיין וואונדער ניט, וואָס דער בעל־הבית איז געווען זייער צופרידן פון מיר, און ווען ס׳איז אַריבער אַ יאָר צייט—פלעגט ער מיר דאָס רוב געבן אַ מתנה. אַמאָל פלעג איך באַקומען פון אים געלט און אַמאָל פלעגט ער מיר שענקען סחורה אויף אַ בלוזע אָדער ער פלעגט מיר קויפן אַ נייע היטל. פון די מתנות האָט קיינער ניט געטאָרט וויסן, וואָרים די

איבעריקע אַרבעטער וואָלטן געווים מיר מקנא זיין, און דאָס האָט ניט געלוינט—ניט פאַר מיר און ניט פאַר מיין בעל־הבית.

אַזוי זיינען פאַמעלאַך אַריבער גאַנצע צוויי יאָר. איך בין שוין געוואָרן אַ היבשער בחורל. אין אונזער שטעטל פלעגט מען שוין אין יענע צייטן אַזעלכע יינגלאַך חתונה־מאַכן, און דאָ בין איך אינגאַנצן ענלאַך געוואָרן אויף אַ רוסישן שייגעץ. כ׳וואָלט נאָך אפשר אַזוי גיך ניט פאַרלאָרן דעם אויסזען פון אַ קליינשטעטלשן יידישן יינגל, אָבער דאָ איז אָנגעקומען אַ גרויסער קריסטלאַכער יום־טוב — דוכט זיך פסח, און די בעל־הביתטע, וועלכע האָט מיך ליב געהאַט פאַר מיין פלייסיקייט, האָט מיר באַקליידט מיט נייע בגדים. מען האָט מיר אויפגענייט גאַנץ ברייטע פלושענע הויזן, אַזעלכע, ווי ס׳טראָגן דאָ אַלע רוסישע יונגעלייט, מען האָט מיר אָנגעטאָן אין אַ רויטער בלוזע מיט אַ גאַרטל, וואָס האָט געהאַט דיקע פרענז ביי די ברעגן, דערצו נאָך האָט מיר דער בעל־הבית געקויפט אַ פאָר הויכע גלאַנציקע שטיוול, און ווען איך האָב זיך ערב חגאָ אויסגעוואַשן אין באָד און אָנגעטאָן מיינע נייע בגדים, האָבן אַלע ניט אַראָפּגענומען די אויגן פון מיר און זיי האָבן דורכאויס גע־זאָגט אויף מיר שבחים:

— גאָרניט קענטיק, אַז ער איז אַ זשיד...

איבערהויפט איז געווען צופרידן פון מיר מיין בעל־הביתטע. זי האָט געקוקט אויף מיר, ווי אַ געטרייע מאַמע, וואָס האָט מורא, מ׳זאָל איר קינד חלילה קיין עין־הרע ניט געבן, און צום סוף האָט זי זיך ניט גע־קענט איינהאַלטן און געזאָגט:

— הערסטו, ביסט דאָך טאַקע גאָר ניט ענלאַך אויף אַ זשיד. איי־ערע יידן האָבן אַלע קרומע נעזער און געקרייזלטע האָר, און דו ביסט אַ העלד ווי אַן אמתער רוס! הערסטו, מיין קינד, מיין עצה איז, אַז דו זאָלסט וואָס גיכער ווערן אַ פראַוואָסלאַוונער, וואָס גיכער...

בעת־מעשה איז מיר זייער אומעטיק געוואָרן אויפן האַרצן. איך האָב שטענדיק מורא געהאַט צו ריידן וועגן שמדן זיך, און טאָמער האָט מיר עמיצער דערמאָנט וועגן דעם—פלעגן זיך מיר באַלד שטעלן טרערן אין די אויגן און ס׳פלעגט מיר אָנהויבן דריקן דאָס האַרץ. כ׳האָב אָבער ניט געוואָלט מצער זיין מיין בעל־הביתטע, און כ׳האָב איר געענטפערט:

— אוודאי אזוי, נאטאליא פעטראָוונא, אוודאי זייט איר גערעכט —איך טראַכט שוין לאַנג וועגן דעם. איצט איז נאָך אָבער צו פרי: דער־ווײלע לערן איך אויף אויסווייניק־אַלע תּפילות פון דעם פּראַוואָסלאַוונעם גלויבן, און ווען איך וועל דאָס אַלץ קענען, ווי ס׳דאַרף צו זיין — דאַ־מאָלסט וועל איך זיך שמדן.

— הלוואי זאָלסטו אמת זאָגן—האָט מיט הנאה צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ די בעל־הביתטע: מילא, זאָל זיין שפּעטער, אַבי דו זאָלסט בלייבן אַ פּראַוואָסלאַוונער.

אויסער די בעל־הביתטע האָט אויף מיר געוואָרפן אַן אויג אויך די קעכין מאַרפע, וועלכער איך בין זייער שטאַרק געפעלן געוואָרן אין מיינע נייע רוסישע מלבושים. שטענדיק, ווען זי האָט נאָר געהאַט אַ ווײלע צייט—איז זי באַלד געקומען צו לויפן אין „מאַסטערסקאַיע״ און האָט אַלץ געקוקט אויף מיר און האָט געלויבט מיין בלוזע, מיינע גלאַנ־ציקע שטיוול און מיין רויטן גאַרטל מיט די דיקע פרענז. דידאָזיקע מאַרפע פלעגט אויסזוכן אַלערליי אמתע און אויסגעטראַכטע תּירוצים, נאָר זי זאָל קענען אַריינגיין אין מאַסטערסקאַיע. אַמאָל פלעגט זי קו־מען אַהין נאָך שפּענדלאַך, אַמאָל נאָך אַ האַמער, אַמאָל נאָך אַ זעג, און שטענדיק האָט זי צו מיר געשמייכלט און מיר געלויבט.

איך, דעם אמת זאָגנדיק, בין איך אויך ניט געווען גלייכגילטיק צו איר. זי איז געווען אַ יונגע, אַ געזונטע מיט רויטע באַקן און מיט בלויע גוטע אויגן. איך האָב וועגן איר קיין סך ניט געוואָלט טראַכטן, אָבער ווען זי איז מיט אַן אויסרייד אַריין צו מיר אין מאַסטערסקאַיע, האָב איך געשפּירט, אַז זי איז מיר געפעלן, און איך פלעג בעת־מעשה רויט ווערן. ביי זיך האָב איך באַשלאָסן, אַז איך זאָל איר אויסמיידן און אַז איך זאָל מיט איר קיינמאָל ניט ריידן. אָבער מאַרפע האָט, פאַר־קערט, געזוכט די געלעגנהייט מיט מיר זיך צו טרעפן, און איך האָב קעגן דעם גאָרניט געקענט טאָן.

איינמאָל האָט געטראָפן אַזאַ מעשה: דער בעל־הבית האָט מיר גע־געבן קליינגעלט און געזאָגט: גיי, קויף אַ בילעט און גיי היינט אין צירק—דאָרטן באַווייזט מען שיינע קונצן, און וועסט האָבן פאַרגעניגן. דער בעל־הבית האָט אוודאי גאַרניקשט געמיינט. ער האָט מיר ליב גע־האַט, פאַרוואָס איך בין אַן אָרנטלאַכער ייִנגל, פאַרוואָס איך אַרבעט פלייּ־

סיק און פאַרוואָס איך טרינק קיינמאָל קיין בראַנפן, און ער האָט מיר דערפאַר געוואָלט פאַרשאַפן פאַרגעניגן. אָבער כ'ווייס גאָרניט, ווי אַזוי ס'האָט זיך דערוואוסט וועגן דעם מאַרפע. ווער האָט דאָס איר געקאָנט זאָגן? אָבער וואָס איז די נפקא־מינא, אַבי זי האָט מיר אָנגעיאָגט אויפן מיטן וועג, און האָט באַלד אָנגעהויבן צו מיר ריידן אַזעלכע דיבורים...

לכתחילה בין איך גאָר צעטומלט געוואָרן און כ'האָב ניט פאַרשטאַנען, וואָס זי מיינט. נאָר ווען זי האָט זיך אַ ביסל באַרואיקט, האָט זי אָנגעהייבן ריידן קלאָרע ווערטער:

— מיראָשאַ — האָט זי אָנגעהויבן צו מיר ריידן מיט הארציקע ווערטער, קוקנדיק אויף מיר מיט אירע גוטע בלויע אויגן: מיראָשאַ, שוין לאַנג, ווי איך בין אין דיר פאַרליבט איבער די אויערן און כ'האָב זיך אַלץ געקליבן דיר צו זאָגן... הערסטו, מיראָשאַ? איך וויל מיט דיר חתונה האָבן, אָבער פריער דאַרפסטו זיך שמדן; וועסטו דאָס טאָן, מיראָשאַ? מיין ניט, אַז איך בין אַן אָרימע: כ'האָב צוויי הונדערט רובל געלט, כ'האָב אַן אייגענע שטוב אין דאָרף, צום שטוב איז פאַראַן אַ גרויסער גאָרטן און דערצו איז מיר געבליבן בירושה פון מיין טאַטן זיבן דעסיאַטין ערד... אַלץ וועל איך אָפּשרייבן אויף דיין נאָמען, אָבער פריער דאַרפסטו זיך שמדן און דער „באַטיושקע” וועט דיר געבן אַ נייעם נאָמען...

אויסהערנדיק אירע רייד, האָב איך איר באַלד אויף אַן אָרט געענטפערט:

— טייערע מאַרפע, שמדן זיך בין איך גרייט, אָבער ניט איצט. פריער וועל איך ענדיקן מיין טערמין אין דער מאַסטערסקאַיע, און ווען איך וועל זיך אויסלערנען גוט די אַרבעט, וועל איך זיך דאַמאָלסט שמדן. דערווייַלע וועלן מיר זיך אַזוי ליב האָבן, און שפּעטער—וועל איך פאַרדינען געלט פון מיין סטאָלערייַ, דו וועסט פאַרדינען באַזונדער, מיר וועלן חתונה האָבן און ס'וועט אונז זיין אַזוי גוט... אָבער אַלץ שפּעטער, דו הערסט?

מאַרפע איז ביי די ווערטער שטאַרק אומעטיק געוואָרן, און זי האָט מיט אַ טיפן זיפץ אַרויסגערעדט:

— אָך, ווי לאַנג ס'איז נאָך צו וואַרטן!

די קעכין מאַרפע האָט מיר אַפילו צוגעזאָגט, אַז זי וועט זיין געדולדיק און זי וועט וואַרטן ביז ס'וועט קומען די רעכטע צייט. אָבער

יעדן מאָל, ווען זי האָט מיר באַגעגנט, האָט זי ניט אויפגעהערט צו זיפצן און קרעכצען און דערציילן מיר וועגן איר ליבע צו מיר. נאָך ערגער איז אָבער געווען, וואָס איך אַליין האָב אויך געהאַט אַ גוטן געפיל צו איר — זי איז מיר געפעלן געווען צוליב אירע גוטע אויגן און ווייל זי איז טאַקע געווען אַ שיינע און אַן אָרנטלאַכע.

ניטאָ וואָס צו ריידן — כהאָב אַפּילו ניט געטראַכט וועגן שמדן זיך ווען ס'איז. איך בין געווען אין הארצן אַ ייד און ביי מיר איז געווען פעסט באַשלאָסן, אַז איך זאָל בשום אופן ניט בייטן מיין אמונה. ווען איך פלעג אָבער דערזען די שיינע גוטע מאַרפּע, וועלכע האָט ניט אויפגעהערט צו זיפצן און וועלכע האָט מיר אינדעראמתן אַזוי שטאַרק ליב געהאַט — פלעג איך אָנהייבן מורא האָבן פאַר זיך אַליין: גאָט ווייס, צי וועל איך קאָנען אויסהאַלטן ביזן סוף? ווער ווייס, צי וועל איך האָבן גענוג כוח בייצושטיין אַזעלכע נסיונות? און סך הכל בין איך נאָך אַלץ אַ קליין יידיש ייִנגל, פאַרוואָרפן אויף טויזנטער מיילן פון מיין יידישער היים, און וועמען האָב איך אויף דער וועלט? איך פלעג זיך אָבער דורכאויס אַליין טרייסטן, אַז קיין זאַך וועט מיך ניט צווינגען צו פאַרלאָזן מיין גלויבן און פאַרגעסן מיין אייגענעם טאַטן מיט דער מאַמען, אַז מיט קיין זאַך וועט מען מיר ניט קאָנען אונטערקויפן, און אַז איך וועל אויסלעבן מיינע יאָרן אין דער יידישער אמונה.

דאָ אָבער האָט זיך אומגעריכט פאַר מיר געטראָפן אַ נייע מעשה.

דער בעל-הבית מיינער האָט געהאַט אין מאָסקווע אַ גוטן באַקאַנטן און פריינד מיטן נאָמען וו י ע ט ר אָ וו. דערדאָזיקער וויעטראָוו איז געווען זייער אַ רייכער סוחר, מ'קאָן זאָגן — אַ מיליאָנער. אויסער די סך הייזער, וואָס ער האָט פאַרמאָגט, און אויסער די גרויסע פאַבריקן, האָט ער נאָך געהאַט אייגענע וועלדער און פעלדער, פערד און בהמות מיט גאַנצע מאַיאָנטקעס. דערצו איז דערדאָזיקער וו י ע ט ר אָ וו געווען זייער אַ פרומער און ער האָט אויסגעהאַלטן אויף זיין אייגענעם חשבון אַ קלויסטער מיט אַלע נייטיקע גלחים און די איבעריקע קלויסטער-משרתים. קיין קינדער האָט ער ניט געהאַט און אַליין איז ער שוין געווען גאַנץ אַלט.

איינמאָל איז דער רייכער סוחר וויעטראָוו געקומען מיט זיין

אייגענעם פּאָפּ צו מיין בעל־הבית אויף א י מ ע נ י נ ע ס. אויפן טיש זיינען געשטאַנען פאַרשיידענע מאכלים און אַלערליי משקאות. מען האָט געגעסן און געטרונקען און דערביי האָט דער עולם געשמועסט וועגן פאַרשיידענע זאַכן. איך בין ביים טיש ניט געזעסן, אָבער פון צווייטן צימער האָב איך אַלץ געהערט, ביז מען האָט ענדלאַך דערמאָנט מיין נאָמען. ווי קומט דאָס עפּעס, אַז מען זאָל ריידן פּלוצלונג וועגן מיר? לכתחילה האָב איך זיך ניט געגלויבט—אפשר האָב איך אַ טעות. אָבער, אַז איך הער פּאָרט, ווי מיין בעל־הבית זאָגט: מיין זשיד, אַ טייערער זשיד—כ'האָב אים זייער ליב, אַ וואוילער יונג מיראָשאַ מערימזאָן!

ווי אַזוי איז דאָס געקומען צו רייד וועגן מיר? לאָזט זיך אויס אַזאַ מעשה: דער סוחר וויעטראָוו האָט אָנגעהויבן ריידן וועגן צוואות, ווי ס'טרעפט, אַז מען שטאַרבט פּלוצלונג און מ'באַווייזט ניט צו לאָזן אַ צוואה. דערביי האָט דערדאָזיקער רייכער סוחר געזאָגט, אַז ער האָט זיך שוין באַוואָרנט אַפּריער—זיין צוואה איז שוין פאַרטיק.

— אויף וואָס האָט איר אָפּגעזאָגט אייער גרויסן פאַרמעגן? — האָט אים געפרעגט מיין בעל־הבית.

— מיין פאַרמעגן—האָט געענטפערט וויעטראָוו—האָב איך איינגע־טיילט אין פיר חלקים: איין טייל האָב איך אָפּגעזאָגט אויף מאָנאַסטירן, אַ צווייטע טייל—אויף אַלערליי צדקה־זאַכן, אַ דריטע טייל—פאַר אָרימע אַלמנות און יתומים, און די פערטע טייל וואָלט זיך מיר וועלן אָפּגעבן...

וויעטראָוו האָט זיך אַ קליין ווײַלע אָפּגעהאַלטן אין זיין ריידן און ער האָט ערקלערט:

— פאַרשטייט איר מיר, אויף דאָס איבעריקע געלט וואָלט זיך מיר וועלן ראַטעווען אַ פאַרבלאָנדזשעטע נשמה. איך וואָלט זייער וועלן געפינען אַ גוטן אָרנטלאַכן יידן, אָפּשמדן אים און איבערלאָזן אים דער־פאַר באַך מיין טויט די גאַנצע ירושה.

אַלע האָבן געשוויגן, ווי מ'וואָלט אויף עפּעס געוואַרט, אָדער, ווי די געסט וואָלטן ניט גוט פאַרשטאַנען, וואָס ער מיינט. וויעטראָוו האָט פאַרדרויכערט אַ פּאַפּיראָס — כ'האָב געהערט, ווי ער האָט געבעטן ביים פּאָפּ, ער זאָל אים געבן פאַררויכערן, און ער האָט ווייטער גערעדט:

— ס'איז אָבער שווער צו געפינען אַזאַ. אַן אָרנטלאַכן יידן איז שווער אויסצוזוכן, וואָרים איך האָב געהערט, אַז די געשמדטע יידן

אַנטלויפֿן דערנאָך אין אַמעריקע און זיי ווערן דערנאָך צוריק יידן. אַזעל־כע זאַכן טאָרן מיר אָבער ניט דערלאָזן, ווי מיינט איר, באַטיושקאַ?

— אוודאי זייט איר גערעכט, מאַקסים כאַריטאָנאָוויטש, האָט גע־ענטפֿערט דער פּאָפּ: געוויס טאָרן מיר אַזעלכע זאַכן ניט דערלאָזן, וואָרים ס׳איז אַ חילול־השם. מיר מוזן זיך היטן פֿון אַזעלכע זאַכן! אָבער כ׳וויס גראָד פֿון אַ סך יידישע קינדער, וואָס איך אַליין האָב אָפּגעשמדט, און ס׳איז פֿון זיי אַרויסגעקומען... כ׳זאָג אייך, אַז אַנדערע געשמדטע יידן זיינען נאָך אַ סך בעסערע און פֿרימערע קריסטן, ווי אונזערע אמתע געבאָרענע... אַזוי איז דאָס, מאַקסים כאַריטאָנאָוויטש — האָט זיך דער פּאָפּ געווענדט צו וויעטראָוון — היטן זיך דאַרף מען, אָבער געפֿינען אַן אָרנטלאַכן יידן צום אָפּשמדן קאָן מען געפֿינען.

ביי די ווערטער האָט זיך פּלוצלונג אויפֿגעהויבן מיין בעל־הבית פֿון אָרט און האָט געזאָגט צו וויעטראָוון הויך אויפֿן קול:

— שאַ, כ׳האָב אַן עצה, מאַקסים כאַריטאָנאָוויטש: כ׳האָב אַ טייערן יידן פֿאַר אייך!

— וואו האָט איר גענומען אַ יידן? — האָט דער פּאָפּ נייגעריק גע־פֿרעגט: ווי אַזוי קומט צו אייך אַ ייד? — ביי מיר אין „מאַסטערסקאַיע" אַרבעט אַ יידישער יינגל, וועלכן כ׳האָב ליב פֿון גאַנצן האַרצן. אַ טייע־רער יינגל! מ׳דאַרף מיט אים פּרובן ריידן: אפֿשר וועט ער זיך לאָזן איינריידן און וועט זיך שמדן.

מיין בעל־הבית האָט געזאָגט אויף מיר זייער פֿיל שבחים — אַז איך בין אַן אָרענטלאַכער, אַז איך בין אַ פֿלייסיקער, אַז איך פֿאָלג אַלץ אין דער אַרבעט און אַז אויסער אַלץ האָב איך אַ מעלה, וואָס איך טרינק קיין בראַנפֿן ניט.

— איין חסרון נאָר האָט ער, מיין זשיד — האָט מיין בעל־הבית גערעדט מיט צער: ער איז אַ גרויסער עקשן. אַזוי ביי דער אַרבעט איז ער, פֿאַרקערט, אַ געהאָרכזאַמער יינגל, אָבער הייבט איר אָן מיט אים ריידן וועגן שמדן זיך — וויל ער וועגן דעם אפֿילו ניט הערן. ער זאָגט אפֿילו, אַז ער וועט זיך ווען ס׳איז יאָ שמדן — ער וועט זיך פֿריער אויס־לערנען די אַרבעט אין מיין „מאַסטערסקאַיע", ער וועט אויסוואַקסן, און דאַמאָלסט... איך מיין — האָט דער בעל־הבית זאָגט צום פּאָפּ, אַז

איר, באַטיושקאַ, זאָלט מיט אים פּרובן ריידן—אפשר וועט איר ביי אים גיכער פועלן.

— רופט אים אַריין — האָט געבעטן דער פּאָפּ: רופט אים אַריין אַהער—וועל איך זעען, וואָס דאָס איז פאַר אַ זשיד.

צו מיר אין „מאַסטערסקאַיע" איז אַריין מיין בעל־הביתטע און און האָט מיר געהייסן, איך זאָל תיכף אָנטאָן מיינע יום־טובדיקע קליי־דער. איך האָב שוין געוואוסט, וועגן וואָס דאָ רעדט זיך, און ס'איז מיר בעת־מעשה געוואָרן זייער ביטער אויפן האַרצן. איך האָב אַפילו ביי זיך געוואוסט, אַז קיין זאַך וועט ניט העלפן—אַ ייד מוז איך בלייבן. אָבער דערביי האָב איך געשפּירט, אַז מיר שטייט פאַר אַ שווערע צייט, אַז צופיל פּרובט מיר גאָט אויס, און ווער ווייסט, צי וועל איך האָבן גענוג כוח בייצושטיין קעגן אַזעלכע נסיונות. פון איין זייט טוט מאַרפּע אַלץ וואָס זי קאָן, כדי צו פועלן ביי מיר איך זאָל זיך וואָס פריער שמדן זי זאָגט מיר צו הרים־וגבעות, אַלע גליקן: געלט און ערד, און הייזער, און דער עיקר—זי האָט דאָך מיר אַזוי ליב! שווער געווען אַלע טאָג צו געבן מאַרפען אַן אָרענטלאַכע תשובה, אָבער וואָס האָב איך געזאָלט טאָן, אַז כ'האָב קיין אַנדער ברירה ניט געהאַט און כ'האָב געמוזט נאַרן איר מיט אַלערליי אויסגעטראַכטע תירוצים. און איצט — אַ נייער אומגליק! ווי וועל איך זיך דאָס קאָנען אויסטענען מיט אַ גלח? ער איז דאָך אַ געלערנטער, אַ געבילדעטער מענטש, און איך—אַ ייִנגל, וואָס האָט נאָך אַפילו דעם גאַנצן חומש ניט אויסגעלערנט, און דאָס ביסל, וואָס כ'האָב אַמאָל געוואוסט—האָב איך שוין אויך לאַנג פאַרגעסן. אָבער כ'קאָן עפּעס העלפן, וואָס? אַז דער בעל־הבית מיט דער בעל־הביתטע הייסן גיין—מוז מען גיין!

כ'האָב זיך אַרומגעוואַשן, אויסגעפּוצט אין די נייע שטיוול, אָנגע־טאָן די רויטע בלוזע און בין אַריין אין צימער, וואו עס זיינען געזעסן די געסט. באַלד ביים טיר האָב איך זיך נידעריק־נידעריק אַ נויג געטאָן און כ'בין געבליבן שטיין מיט אַראָפּגעלאָזענע אויגן.

אַלע געסט האָבן זיך אויף מיר איינגעקוקט און מ'האָט מיך גע־בעטן זעצן זיך צום טיש.

— נעם אַ גלעזל בראָנפן און באַגריס דיין בעל־הבית — ער איז

דאָך הײנט אַ אימעניניק!—האָט דער פּאָפּ צו מיר גערעדט. אָט איז אָן אָנגעגאָסענער קעלישאָק—נעם און טרינק אויס!

— באַטיושקאַ, האָב איך געענטפערט—איך קאָן באַגריסן מײן בעל-הבית אָן בראַנפן אויך. צו שטאַרקע משקאות בין איך גאָר ניט געװײנט, און אַ ײנגל, װי איך—צו װאָס טויג פאַר מיר בראַנפן? אָט, אַז גאָט װעט געבן און איך װעל ענדיקן מײן טערמין אין דער „מאַסטערסקאַיע" און איך װעל װערן אַ בעל-מלאכה—דאַמאָלסט...

דער פּאָפּ האָט זיך גוט אײנגעקוקט אין מיר און האָט מיך אויס-געפרעגט װעגן אַלע קלײניקײטן: פונװאַנען איך בין, װאָס טוט מײן טאַטע, װען האָט מען מיך אָפּגעגעבן פאַר אַ רעקרוט און װי אַזוי בין איך אַרײנגעפאַלן אין מאָסקװע. איך האָב אויף אַלץ געגעבן קלאָרע תשובות, און דער גלח איז, קאָנטיק, געװעזן זײער צופרידן מיט מיר.

— איך זע—האָט דער פּאָפּ צו מיר געזאָגט מיט אַ גוטן שמײכל אויפן פנים—אַז דײן מזל האָט דיך געבראַכט אין מאָסקװע צוליב דײן אײגענעם גליק. אַװדאי אַזוי—מ'זעט דאָס באַשײנפערלאַך: גאָט האָט דיך געבראַכט אַהער, כדי דו זאָלסט זײן גליקלאַך. אָבער גליקלאַך קאָנסטו װערן, אויב דו װעסט דאָס אַלײן מיט די אײגענע הענט ניט אָפּשטויסן, פאַרשטײסט? נאָך הײנט קאָנסטו באַקומען דאָס גליק, אָבער דו דאַרפסט דאָס אַלײן װעלן, פאַרשטײסט?

— באַטיושקאַ, האָב איך געזאָגט—װער װיל דאָס ניט זײן גליק-לאַך? אַלע זוכן דאָך דעם גליק! לערנט מיר אויס, באַטיושקאַ, און ער-קלערט מיר, װי אַזוי איך קאָן באַקומען דעם גליק.

— דו האָסט אַ מאָל געלערנט תורה? — האָט דער גלח מיר גע-פרעגט: געלערנט, האַ?

— כ'האָב געלערנט.

— װײסטו, אַז אין דער תורה שטײט, אַז ײדן זײנען אַמאָל גע-װעזן אַן אויסדערװײלט פאָלק — גאָט האָט זײ אויסדערװײלט פון אַלע פעלקער. דערנאָך איז גאָט געװאָרן אין כעס אויף דאָס ײדישע פאָלק און האָט זײ צעשפּרײט און צעזײט איבער דער גאַנצער װעלט: יעדער פאָלק האָט אַן אײגענע לאַנד, און דאָס ײדישע פאָלק האָט ערגעץ קײן אָרט ניט און קײן מנוחה ניט. פאַרשטײסט? איז מײן עצה: זאָג זיך אָפּ פון דײן פאָלק, נעם אָן אונזער פּראַװאָסלאַװנעם גלויבן און זײ מקיים

אַלץ, וואָס אונזער אמונה הייסט. ערשטנס, וועסטו זיין גליקלאַך אויף דער וועלט, און אויף יענער וועלט וועסטו אַריין גלייך אין גן־עדן, וואָרים ווער ס׳גלויבט ניט אין קריסטוסן — יענער קאָן ניט האָבן קיין עולם־הבא... אָט אין וואָס דיין גליק באַשטייט! דו דאַרפסט מער ניט זאָגן: יאָ, און דו ביסט שוין גליקלאַך, פון היינט אָן ביסטו שוין גליקלאַך!

מיט גרויס כבוד האָבן אַלע געסט אויסגעהערט די רעדע פון גלח, און ווען ער האָט געענדיקט ריידן—האָט מען אומגעדולדיק געוואַרט צו הערן, וואָס איך וועל ענטפערן. די ערשטע ווילע בין איך אָבער אַזוי צעטומלט געוואָרן, אַז איך האָב גאָרנישט געקאָנט צוטראַכטן, וואָס אַזוינס זאָל איך ענטפערן דעם גלח. דערצו האָב איך מורא געהאַט צו ריידן, טאָמער וועל איך אָנרירן דעם כבוד פון דער פראַוואָסלאַווגער רעליגיע, און... ווער ווייס — איך קאָן נאָך אַריינברענגען אין כעס מיין בעל-הבית, מיין בעל־הביתטע, דעם גלח און די איבעריקע געסט. וואָס טוט מען דאָ? ווי דרייט מען זיך עפּעס אַרויס פון דער שווערער לאַגע? און דאָ זיצן אַלע און וואַרטן מיט דער גרעסטער אומגעדולדיקייט. איך האָב אַ ריב געטאָן מיטן האַנט מיין שטערן און האָב אָנגעהויבן ריידן צום גלח.

אַ היפּשע ווילע האָב איך זיך אַלץ מיישב געווען, וואָס איך זאָל ענטפערן דעם גלח. מיר איז אַפילו בעת־מעשה אַריינגעפאַלן אַ מחשבה: אפשר זאָל איך גאָר שווייגן? אפשר קאָן איך נאָך דורכפאַלן מיט אַ וואָרט און איך וועל קאַליע מאַכן מיין גאַנצע לאַגע? ביז איצט האָב איך כאָטש ניט געהאַט קיין עגמת־נפש פון מיין בעל־הבית און פון מיין בעל־הבית־טע, און טאָמער וועל איך אָבער זאָגן עפּעס אָן איבעריקן וואָרט דעם פּאָפּ—קאָן איך נאָך אַריינברענגען אין כעס דעם גאַנצן עולם, און דאַ־מאָלסט וועט מען זיך אָנהייבן אָן מיר נוקם זיין און מיר וועט דאָ ווערן אַזוי שלעכט, אַז כ׳וועל קיין אָרט ניט האָבן, וואו אַהינצוטאָן זיך. פון צווייטן זייט אָבער האָב איך אין דער ווילע געשפּירט, אַז איך דאַרף זיך האַלטן פעסט, אַז איך טאָר ניט פאַרשעמען מיין פאָלק און מיין אמונה, וואָרים אויב איך וועל אַרויסווייזן מיין שוואַכקייט — וועט דאַן אפשר נאָך ערגער זיין. יעדערער וועט האָבן די העזה מיר איינ־צוריידן, כ׳זאָל זיך שמדן, און ווער-ווייס, צי וועל איך דאַמאָלסט קאָנען

ביישטיין דעם ניסיון? בין איך אַזוי געשטאַנען און געטראַכט און געמאַ־טערט זיך, און אַלע האָבן אויף מיר אומגעדולדיק געקוקט און געוואַרט.

— וואָס שווייגסטו? — האָט דער פּאָפּ אויף מיר שטרענג אַ קוק גע־טאָן: איך וויל דיר גליקלאַך מאַכן אויף ביידע וועלטן, און דו ביסט אַזוי פאַרטראַכט.

מיין בעל-הבית האָט פאַרשטאַנען אַז כ׳האָב זיך דאָ שטאַרק פאַר־לאָרן, אַז איך געפין זיך זייער אין אַ שלעכטן מצב. ער האָט זיך אַני־דערגעשטעלט, האָט מיר אַ גלעט געטאָן איבערן פלייצע און האָט גע־זאָגט: דער באַטיושקע פרעגט דאָך דיר עפּעס — פאַרוואָס ענטפערסטו גאָרניט? האָב קיין מורא ניט, מיראָשאַ: קיינער וועט דיר חלילה קיין שלעכטס ניט טאָן.

איך האָב זיך דערמאָנט אַ ביסל אויסגעגלייכט, האָב אויפגעהויבן דעם קאָפּ, און קוקנדיק דעם פּאָפּ גלייך אין די אויגן, האָב איך גערעדט הויך אויפן קול און מיט גרויס באַגייסטערונג.

— באַטיושקאַ — האָב איך געזאָגט: דאָס, וואָס אונזער גאָט איז אין כעס געוואָרן אויף זיין אויסדערוויילט פאָלק און ער האָט צעזייט און צעשפּרייט די יידן איבער דער גאַנצער וועלט — דאָס איז מסתמא זיין גערעכטער משפּט. דער אַלמעכטיקער גאָט, וואָס איז דער הערשער פון דער גאַנצער וועלט — האָט זיינע אויסדערוויילטע קינדער צעשפּרייט איבער זיין וועלט. גאָט איז גערעכט און זיין משפּט איז גערעכט — וואָס קען אַ בשר־ודם וועגן דעם זאָגן און וואָס קען ער אויסטראַכטן? דאָס, וואָס איר זאָגט מיר צו עשירות אויף דער וועלט — ווי קאָנט איר מיר דאָס צוזאָגן, אַז אַלץ ווענדט זיך פון גאָט? איר האָט דאָך געוויס גע־לערנט אין דער העכסטער אַקאַדעמיע, באַטיושקאַ, און אַוודאַי מוזט איר קענען לשון־קודש — דאַרפט איר דאָך וויסן, וואָס דאָרטן שטייט געשריבן. אין דער תורה שטייט, אַז גאָט האָט אַזוי געזאָגט: „לי הכסף ולי הזהב" — ביי מיר איז די זילבער און ביי מיר איז די גאָלד. אויב אַזוי — הייַנט ווי קען שוין אַ מענטש פאַרזיכערן, אַז ער וועט דעם צי יענעם מאַכן רייך? ס׳קען דאָך ניט זיין, באַטיושקאַ. כ׳וואָלט אפשר טאַקע וועלן זיין אַ רייכער, אָבער אַז רייכקייט איז נאָר ביי גאָט אין די הענט, און וואָס קען אַ מענטש העלפן? דערצו וועל איך זאָגן, באַטיושקאַ... איר וועט מיר מוחל זיין, באַטיושקאַ, נאָר מיר קומט אויס, אַז איר האַלט עפּעס

גאָר אַליין ניט שטאַרק פון אייער רעליגיע. עפּעס צו וואָלוול איז די רעליגיע אין אייערע אויגן. וואָרים אויב אייער אמונה וואָלט אייך אַליין געוועזן טייער, טאָ ווי אַזוי קומט דאָס, אַז יעדער יידן שטופּט איר אַלץ, ער זאָל זי צונעמען און ער זאָל זי אָפּקויפן? אַזוי טוט נאָר אַ פּראָסטער קרעמער, וועלכער שטעלט אָפּ יעדן און לייגט פאַר אַלעמען זיין סחורה פון קראָם. פאַר אייך, באַטיושקאַ, וואָלט געפּאַסט גאָר אַנדערש פירן זיך. איר האָט גאָר געדאַרפט בעסער אַלעמען זאָגן און מיט יעדערן איינחזרן די הייליקע ווערטער „ואהבת לרעך כמוך“—דו זאָלסט ליב האָבן דיין חבר, ווי זיך אַליין, אָט טאַקע אַזוי ווי עס טוט מיין בעל-הבית איוואַן וואַסיליטש, אָדער, ווי עס טוט אָט דער אָרנטלאַכער סוחר גאָספּאָדין וויעטראָוו. מיין בעל-הבית טוט מיט מיר אַלע טאָג גרויסע חסדים און קוקט גאָר ניט, צי בין איך אַ ייד, צי בין איך אַ קריסט, צי וועל איך זיך יאָ שמדן, צי וועל איך זיך ניט שמדן. אים איז אַלץ איינס, אַבי איך פיר זיך אויף אָרנטלאַך און טו מיין אַרבעט פלייסיק. דאָס אייגענע טוט דער געערטער סוחר גאָספּאָדין וויעטראָוו: דער אויבערשטער האָט אים געבענטשט מיט ערד און מיט וואַלד, מיט גאָלד און מיט זילבער, צעטיילט ער זיין גאַנצן פאַר מעגן פאַר אָרימעלייט, פאַר קראַנקע און שוואַכע. אָט אַזוי דאַרף טאַקע זיין!

— בראַוואָ! בראַוואָ! — האָבן אַלע אויסגעשריען, ווען איך האָב געענדיקט ריידן: בראַוואָ!

מיר איז אין דער ווײַלע געוואָרן זייער גוט און זייער שלעכט. ס'האָט מיר הנאה געטאָן, וואָס כ'האָב אַזוי גוט און אַזוי דרייסט געענטפערט, וואָס אַלע זיינען געבליבן צופרידן מיט מיר, איבערהויפּט מיין בעל-הבית מיט דער בעל-הביתטע. איך האָב אָבער באַמערקט, אַז דער באַטיושקאַ איז מיט איינמאָל געוואָרן רויט, ווי אַן אָנגעצונדענער, און מיר האָט זיך געדוכט, אַז אָט-אָט הייבט ער זיך אויף פון אָרט און וואַרפט זיך אויף מיר מיט זיינע קולאַקעס. כ'האָב אייגנטלאַך ניט אַזוי מורא געהאַט פאַר קלעפּ—וואָס איז אַ קלאַפּ? ס'טוט אַ ווײַלע וויי און ס'גייט איבער! — כ'האָב זיך אָבער געשראָקן, אַז דער פּאָפּ זאָל ניט טראָגן אויף מיר קיין שנאה, וואָרים אַלע קוקן דאָ נאָר אויף דעם באַ-

טיושקאַ, און טאָמער וועט ער וועלן — וועט פאַר מיר שוין דאָ קיין אָרט ניט בלייבן.

דער באַטיושקאַ האָט מיר אָבער גאָרנישט געטאָן. ער איז נאָך אַ קליינע ווײַלע געזעסן אויף זיין אָרט, און ער האָט זיך אויפגעהויבן אַוועקצוגיין.

— באַטיושקאַ, האָט זיך מיין בעל־הבית אַנידערגעשטעלט און געוואָלט אים אָפּהאַלטן: באַטיושקאַ, וואָס איילט איר זיך? זיצט נאָך אַ ווײַלע, באַטיושקאַ?

— ניין, ניין—האָט דער פּאָפּ געמאַכט מיט ביידע הענט און גע־זוכט די היטל: כ'האָב קיין צייט ניט. כ'מוז גיין צו אַ שווערן חולה זאָגן מיט אים ווידוי... כ'מוז גיין—כ'קאָן דאָ מער ניט בלייבן.

אַלע האָבן זיך אויפגעהויבן, כּדי צו נעמען פון אים אַ ברכה. דער באַטיושקאַ האָט אַלעמען געבענטשט, אויסער מיך—ער האָט אַפילו אין מיין זייט ניט אַ קוק געטאָן. דער באַטיושקאַ האָט זיך אָפּגעזעגנט און איז אַוועק, זעט אויס, זייער אַ צעטראָגענער און אַ פאַרכעסטער.

— אוי, דו ביסט אַ „מאַלאַדיעץ!" — האָט מיין בעל־הבית געזאָגט צו מיר אַ צופרידענער: דאָס איז אַ יידל! אַ, האָסטו גערעדט מיט אונ־זער פּאָפּ!

ווען ס'האָט זיך געענדיקט די סעודה, האָבן אַלע געסט אָנגעהויבן ביסלאַכווייז פונאַנדערגיין זיך. אויך דער רייכער סוחר וויעטראָוו האָט זיך אַנידערגעשטעלט אויף אַוועקצוגיין, און ווען ער איז שוין געווען אָנגעטאָן, האָט ער אַרויסגענומען פון טייסטער אַ דריי־רובלדיקע, האָט מיר פריינדלאַך אַ פּאַטש געטאָן איבערן פּלייצע און האָט געזאָגט: דו ביסט אַ כוואַט אַ יידל, אָבער גאָר אַ כוואַט... נאַ דיר אַ מתּנה און... האַלט זיך פאַר דיין אייגענער אמונה!

— אַדאַנק אייך, גאָספּאַדין קופּיעץ, האָב איך געענטפערט און האָב זיך פאַר אים אַ בויג געטאָן.

אומזיסט האָב איך זיך געשראָקן אַריינצולאָזן זיך אין אַ שמועס מיטן פּאָפּ. איך האָב געמיינט, אַז מיין תּשובה, וואָס איך האָב געדאַרפט געבן דעם באַטיושקאַ, וועט אוודאי אויפרעגן קעגן מיר דעם גאַנצן עולם און איבערהויפּט מיין בעל־הבית. אינדעראמתן אָבער האָט זיך אויס־געלאָזן פּונקט דער היפּוך: מיין בעל־הבית איז געווען אַזוי צופרידן

מיט מיין ענטפער, אז ער האָט זיך גאָר אָנגעהויבן גרויסהאַלטן, וואָס ער האָט אַזאַ בעל־מלאָכה ביי זיך אין מאַסטערסקאַיע, און סיי ער אַליין, סיי די בעל־הביתטע האָבן מיר אָנגעהויבן אָפּגעבן כבוד און זיי האָבן מיך טייער געהאַלטן, ווי אַן אייגן קינד.

ס׳איז מיר אָבער ניט באַשערט געווען לאַנג צו בלייבן אין דער־דאָזיקער „מאַסטערסקאַיע", וואו ס׳איז מיר אַזוי גוט געווען און פונוואַנען מיר האָט זיך אַזוי ניט געוואָלט אַוועקגיין. איינגיכן איז מיין בעל־הבית פּלוצלונג קראַנק געוואָרן אויף אַ שווערער מחלה, און נאָכדעם, ווי ער איז געלעגן אויפן קראַנקן־בעט 6 וואָכן—איז ער געשטאָרבן. ער איז דאָך מיר אייגנטלאַך געווען אַ פרעמדער, אַ י וו אַ ן וו אַ ס י ל י ט ש און דערצו איז ער דאָך געווען אַ קריסט — וואָס האָט ער צו מיר פאַר אַ שייכות? נאָר זיין טויט האָט אַרויסגערופן ביי מיר אַ שטאַרקן טרויער — כ׳האָב אים באַוויינט, ווי אַן אייגענעם פאָטער. גלייך נאָך זיין קבורה האָב איך דערשפּירט ווי איך וואָלט עפּעס פאַריתומט געוואָרן, און דאָס האַרץ האָט מיר געזאָגט, אַז איצט וועלן זיך אָנהייבן פאַר מיר ערגערע צייטן.

און אַזוי איז טאַקע געווען. די אלמנה האָט באַלד פאַרקויפט איר גאַנצע בעל־הבתישקייט, האָט פאַרמאַכט די „מאַסטערסקאַיע", און צוזאַמען מיט דער דינסט, מיט מ אַ ר פ ע ן — האָט זי זיך אַריבערגעקליבן וואוינען צום עלטערן זון. די אַרבעטער פון דער מאַסטערסקאַיע זיינען זיך פונאַנדערגעגאַנגען און פונאַנדערגעפאָרן אין פאַרשיידענע זייטן: ווער צו אַן אַנדער בעל־הבית, ווער צו זיך אין דאָרף, און איך האָב זיך געמוזט אומקערן צוריק אין קאָמאַנדע. מיר האָט זיך אַפילו זייער ניט געוואָלט ווידער ווערן אַ סאָלדאַט, אָבער ס׳האָט זיך דאָך ניט געווענדט אָן מיר און כ׳האָב קיין אַנדער ברירה ניט געהאַט.

באַלד דעם ערשטן טאָג האָט מיך באַקוקט אַ דאָקטאָר, וועלכער האָט געפונען, אַז איך בין געזונט אויף אַלע אברים און אַז פון מיר קאָן אַרויסקומען דער בעסטער סאָלדאַט. און אינדערעמתן בין איך טאַקע געווען אַ העלדישער ייִנגל. די גוטע קעסט פון מיין מאָסקווער בעל־הבית האָט טאַקע געהאַט אויף מיר אַ גוטע פעולה: איך בין געוואָרן דיק און גראָב מיט אַ געזונטער ברוסט, מיט שטאַרקע מוסקלען, און כ׳האָב אויסגעזען ווי אַן אמתער גבר. אַוודאי האָב איך דערפון קיין צער ניט

געהאַט, וואָרים ווער וויל דאָס ניט זיין געזונט ? נאָר ס׳איז מיר באַלד
באַשערט געווען צו האָבן דערפון עגמת=נפש: צוליב מיין שטאַרקן און
פעסטן גוף—האָט מיך די נאַטשאַלסטווע באַשטימט אין דער אַ ר ט י ל ע=
ר י ע. מיר האָט אָבער די מעשה שטאַרק פאַרדראָסן: ווי קום איך, אָ
מלמדס אַ זון, צו ווערן אַן אַרטילעריסט, וואָס דאַרף אַרומגיין אַרום אַ
פערד, וואָס דאַרף רייטן אויפן פערד, רייניקן אים—ווי קום איך צו אַ
פערד ? אָבער וואָס טוט מען ? ווי אַזוי ראַטעוועט מען זיך אַרויס פון
דער צרה ? די ערשטע זאַך האָב איך זיך דערמאָנט אָן גאָט, וועלכער
האָט אַלע יידן און מיר אויך אַ סך מאָל אַרויסגעהאָלפן אין אַ
שלעכטער צייט. כ׳האָב מיט כוונה אָפּגעזאָגט צוואַנציק קאַפּיטלאַך תהילים,
כ׳האָב אויסגעגאָסן מיין גאַנצע האַרץ פאַרן רבונו=של=עולם, און מיר איז
לייכטער געוואָרן, וואָרים כ׳בין געווען זיכער, אַז עפּעס וועט טרעפן אַ
נס און כ׳וועל זיך אַרויסדרייען פון צו זיין אַן אַרטילעריסט. דערביי
האָב איך געוואוסט, אַז דער אויבערשטער העלפט נאָר דאַמאָלסט, ווען
מ׳טוט עפּעס אַליין: זיצן מיט פאַרלייגטע הענט און וואַרטן אויף אַ נס—
איז עפּעס אויך קיין תכלית ניט. כ׳האָב באַלד אַרויסגענומען דעם טיי=
סטער פון בוזים-קעשענע, אָפּגעציילט אַ רובל געלט און האָב ניט לאַנג
וואַרטנדיק דערלאַנגט דעם שרייבער פון פּאָלק. און מיינט איר, אַז
ס׳האָט ניט געהאָלפן ? טאַקע דעמזעלבן טאָג האָט דער שרייבער מיך
אויסגעמעקט פון דער אַרטעלעריע און איך האָב באַקומען אַ באַשטימונג
אין דער 17=טער דיוויזיע פון פּעכאָטע אין ס אַ ר אַ ט אָ וו.

אין אַ פּאָר טעג אַרום, ווען ס׳האָט זיך אָנגעקליבן אַ גאַנצע קאָ=
מאַנדע רעקרוטן, האָט מען אונז אָפּגעשיקט קיין נ י ז ש נ י=נ אָ וו ג אָ ר אָ ד,
ווייל פון דאָרטן איז געווען אַ וואַסער=מאַרשרוט ביז ס אַ ר אַ ט אָ וו. אין
ניזשני=נאָווגאָראָד האָבן מיר זיך אָפּגעשטעלט וואַרטן אויף דעם ערשטן
פּאַראַכאָד. דאָרטן האָב איך זיך געטראָפן מיט נאָך אַ יידישן סאָלדאַט,
וועלכער האָט נאָך מער פאַר מיר ניט געוואָלט בלייבן אַן אייביקער
רעקרוט, ווייט פון אייגענע און פריינד, ווייט פון יידן און ווייט פון
דער אייגענער היים. מיר זיינען תיכףביידע שטאַרק באַפריינדט גע=
וואָרן און האָבן זייער אַ סך גערעדט וועגן די אַלע צרות, וואָס איז אויס=
געקומען איבערצוטראָגן צייט מ׳האָט אונז ג ע כ אַ פּ ט און מיט גוואַלד
פאַרטריבן אין ווייטע פרעמדע ערטער. פאַרן אָפּפאָרן זיינען מיר ביידע

אַוועק אין שטאָט איינקויפן עסנוואַרג פאַר אונז אויפן וועג, און דאָרטן האָבן מיר זיך דערוואוסט, אַז היינט איז ערב-פסח.

ס'איז פריער אויך ניט געוועזן איבעריגס פריילאַך אויפן האַרצן, נאָר ווען מיר האָבן זיך דערוואוסט, אַז מאָרגן איז פסח — איז אונז ביידן מיט איין מאָל באַפאַלן אַזאַ מרה-שחורה, אַז מיר האָבן זיך באַלד צעוויינט אויפן מיטן גאַס. איך האָב זיך גענומען דערמאָנען, אַז מאָרגן אינאָוונט וועט מיין טאַטע זיצן, ווי אַ מלך, ביים סדר, ער וועט טראָגן אַ ווייסן קיטל, וועט זאָגן הויך אויפן קול די הגדה, לעבן אים — זיצט די מאַמע מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ און ווישט די פאַרוויינטע אויגן — מסתמא טראַכט זי איצטער וועגן מיר, וועגן איר זון, וועלכן מ'האָט ביי איר מיט גוואַלד אַרויסגעריסן אין אַ פרייטאָגדיקן זומער-טאָג. פאַר מיינע אויגן זיינען בעת-מעשה געשטאַנען אַלע מיינע קליינע ברידערלאַך און שוועסטערלאַך, וועלכע כ'האָב איבערגעלאָזן אין דער היים — אַז איך געדענק זיי שוין כמעט גאָרניט! כ'האָב שוין גאָר אַפילו פאַרגעסן ווי זיי זעען אויס... דער ווייטאָק אין האַרצן איז געוואַקסן ביי מיר מיט יעדער רגע, און כ'האָב געשפּירט, אַז אָט-אָט וועל איך זיך צעכליפּען אויפן קול. ניט קיין בעסערע זכרונות האָט, זעט אויס, געהאַט אין דער ווילע מיין נייער חבר, און ביידע זיינען מיר געגאַנגען לאַנגזאַם איבער די גאַסן און האָבן געשוויגן אַזוי ווי שטומע.

פלוצלונג איז אונז אָנגעקומען אַנטקעגן אַ הייכער אַ ברייטער רוסישער סוחר, אָנגעטאָן אין אַן עכט-רוסישן מלבוש מיט גרויסע לאַנגע שטיוול, מיט אונטערגעשניטענע האָר אויפן רוסישן שטייגער, און האָט אונז נייגעריק געפרעגט:

— פונוואַנען זייט איר, סאָלדאַטן? וואו פאָרט איר און צו וועלכער נאַציע געהערט איר?

קאָנטיק, אַז דערדאָזיקער רוסישער סוחר האָט אויף אונזערע פנימער דערקענט, אַז מיר זיינען יידן, און ער האָט אַ פרעג געטאָן:

— זייט איר געשמדטע אָדער ניט?

מיר זיינען ביידע ווי צעטומלט געוואָרן און האָבן ניט געוואוסט וואָס צו ענטפערן, וואָרים בעת-מעשה האָבן מיר זיך ניט געקאָנט אָפּגעבן קיין חשבון, ווי איז בעסער: צי מיר זיינען געשמדטע אָדער ניין.

בונדעסטוועגן האָב איך קיין ליגן ניט געוואָלט זאָגן און האָב געענט-פערט:

— ניין, מיר האָבן זיך ניט געשמדט... מיר האָבן ניט געוואָלט זיך שמדן. מיר ווילן זיין יידן.

— האָט איר זיך ניט געשמדט?—האָט זיך דער רוסישער סוחר געוואונדערט קוקנדיק אויף אונז: ס'גלויבט זיך עפּעס גאָרניט—זיין קאַנ-טאָניסטן און בלייבן יידן! און וואוהין גייט איר דאָס איצט?

— מיר גייען—האָב איך געענטפערט — קויפן ברויט אויפן וועג; מ'האָט אונז אַרויסגעגעבן ברויט נאָר אויף צוויי טעג, און ס'וועט אונז געוויס אויסקלעקן ביז מיר וועלן דערפאָרן קיין סאַראַטאָוו.

— אָבער איר ווייסט גאָרניט, אַז מאָרגן ביינאַכט איז דער יידי-שער פסח?—האָט דער סוחר געפרעגט: מאָרגן איז דאָך פסח, און איר קויפט איין חמץ...

איך און מיין חבר האָבן זיך שטאַרק פאַרשעמט; אונז ביידן האָט בעת-מעשה ווי געטאָן דאָס האַרץ, וואָס מיר קאָנען ניט אָפּהיטן דעם פסח לויטן יידישן דין.

— אָבער וואָס קאָנען מיר העלפן? האָב איך זיך אַזוי ווי פאַר-ענטפערט פאַרן רוסישן סוחר: מיר זיינען דאָך ניט קיין פרייע מענטשן... סאָלדאַטן זיינען מיר דאָך—ניטאָ קיין ברירה, גאָספּאָדין קופּיעץ!

דער רוסישער סוחר האָט אַ קליין ווײַלע געטראַכט און האָט געזאָגט:

— איר, סאָלדאַטיקלאַך, קערט זיך אום צוריק אויפן פּאַראַכאָד — אַ שאָדן אויסצוגעבן אייערע אָרימע גראָשנס, און אין אַ שעה אַרום וועל איך אייך צושיקן אָדער כ'וועל אייך אַליין ברענגען אַלץ וואָס איר דאַרפט האָבן מיט זיך אויפן וועג; גייט אַייך, סאָלדאַטיקלאַך, געזונטער-הייט און זייט רואיק—כ'וועל אייך שוין באַזאָרגן מיט אַלץ.

דער סוחר האָט אַרויסגענומען אַ קליין ביכעלע פון קעשענע, האָט פאַרשריבן אונזערע נעמען, האָט זיך געזעצט אויף אַ קאַרעטקע און איז אַוועקגעפאָרן.

איך מיט מיין חבר זיינען געבליבן שטיין אויפן מיטן גאַס ווי צעטומלטע. וואָס קאָן דאָס באַדייטן? וואָס איז דאָס פאַר אַ מענטש און וואָס מיינט ער צו טאָן מיט אונז? וואָרים סיי איך, סיי מיין חבר האָבן

ניט געוואָלט און ניט געקאָנט גלויבן, אַז ער האָט דאָס געמיינט מיט אַן אמת; דער סוחר — וואָס איז ער מיט אונז? פונוואַנען נעמט זיך דאָס אַזאַ גוטסקייט? ביי אונז איז פריער געבליבן, אַז ער מוז גאָר זיין אַ משוגענער—אָט האָט ער געפלאַפלט סתם אין דער וועלט אַריין. ס'איז אָבער פון זיין ריידן ניט קאָנטיק געוועזן, אַז ער זאָל זיין ניט ביים קלאָרן זינען—ער האָט גערעדט און געפרעגט אַלץ צו דער זאַך, אַלץ מיט אַ שכל—וואָס קאָן דאָס פאָרט זיין? מסתמא האָט ער פון אונז גלאַט געמאַכט חוזק;—ער האָט דערזען צוויי יידלאַך—האָט זיך אים פאַרוואָלט אַ ביסל פריילאַך מאַכן זיך. פונדעסטוועגן זיינעז מיר ניט געוועזן זיכער: ווער ווייס—אפשר האָט ער פאָרט געמיינט מיט אַן אמת?

— קום—האָב איך געזאָגט מיין חבר—קום צום פאַראַכאָד, און לאָמיר וואַרטן: מיר וועלן זעען?

קומענדיק צום שיף איז מיר פלוצלונג איינגעפאַלן אַ מאָדנער גע־דאַנק:

— דו ווייסט—האָב איך דערציילט מיין באַהאַלטענע מחשבה דעם צווייטן סאָלדאַט: דו ווייסט, וואָס איך טראַכט? מיר דוכט זיך, אַז גאָט האָט דערזען אונזער פיין, אַז ער האָט דערהערט אונזער איינגעהאַל־טענעם וויי־געשריי, און ער האָט צו אונז געשיקט אליהו הנביא אין דער געשטאַלט פון אַ פאַרשטעלטן רוסישן סוחר. ניט אַנדערש, אַז דער אויבערשטער האָט דערזען אונזערע טרערן, וואָס מיר האָבן ביידע פאַרגאָסן, ווייל מיר קאָנען ניט אָפּהיטן דעם פסח, און ער טוט מיט אונז אַ חסד—דער אויבערשטער ווייזט אונז אַ נס! אָט וועלן מיר באַלד זעען — האָב איך פריילאַך אויסגעשריען: אויב ער וועט אונז צושיקן פּסחדיקע שפּייז—איז דאָס געוויס אליהו הנביא!

מיר האָבן אַזוי געוואַרט אַ שעה, צוויי שעה און דריי שעה - קיי־נער איז ניטאָ. אָבער די האָפענונג האָבן מיר נאָך ניט אינגאַנצן פאַר־לאָרן: ער קאָן נאָך אפשר אַמאָל צושיקן! פלוצלונג דערזעען מיר, ווי ס'לויפט אַרום מיט אַ פאַפּיר אין האַנט דער אונטעראָפיצער און שרייט אויפן קול:

— ווער איז דאָ מאיר מערימזאָן, הא?

— איך!

— און ווער איז מיכל זאַקס?

— איך! — האָט אויסגעשריען מיין חבר.

— גייט צום אויבער־נאַטשאַלניק! האָט דער אונטעראָפיצער אַ קאָמאַנדעווע געטאָן.

— אָט האָבן מיר זיך דערוואַרט! — האָב איך אויסגעשריען, און דערביי האָט איך געצי־טערט ווי אַ בלאַט: ווער ווייס—אפשר רופט מען אונז גאָר צוליב אַן אַנדער זאַך? אפשר האָט מען גאָר אויף אונז גע־פונען עפּעס אַ חטא? מיר זיינען אָבער געגאַנגען עטלאַכע טריט און האָבן דערזען אַ קאַרעטקע מיט אַ פורמאַן, וועלכער האָט אַ געשריי גע־טאָן צו אונז פונדערווייטנס:

— דאָס זייט איר — מאיר מערימזאָן און מיכל זאַקס? איך בין דאָס געקומען צו פאָרן נאָך אייך—זעצט זיך אין קאַרעטע!

לכתחילה האָבן מיר מורא געהאַט צו זעצן זיך, אָבער ווען דער נאַטשאַלניק האָט אונז ערלויבט — זיינען מיר ביידע אַריינגעקראָכן אין קאַרעטע און דער פערד האָט באַלד אָנגעהויבן שטאַרק צו לויפן. קוקנ־דיק אויפן פורמאַן האָבן מיר באַלד חושד געווען, אַז דאָס איז עפּעס ניט קיין געבאָרענער בעל־עגלה — אַ שיינער יונג מיט אַ זאַטן פריילאַכן פנים און מיט אַזעלכע גוטע אויגן. אָבער וואו פירט ער אונז? באַלד אָבער האָט זיך די קאַרעטע אָפּגעשטעלט לעבן אַ גרויסן דרייגאָרנדיקן הויז, און אַנטקעגן איז אונז געגאַנגען דערזעלביקער רוסישער סוחר, וואָס האָט מיט אונז גערעדט און צוגעזאָגט שיקן עסנוואַרג.

— גייט, קינדערלאַך, אַפּריער—האָט ער אונז פריינדלאַך געבעטן: גייט, האָט ניט קיין מורא.

מיר האָבן זיך אויפגעהויבן אויף עטלאַכע טרעפּ און ס'האָט זיך געעפנט אַ טיר אין אַ ליכטיקן גרויסן צימער. מען האָט אונז געהייסן אויסטאָן אונזערע שינעלן און מען האָט אונז אַריינגעפירט אין אַ צווייטן צימער. ביידע זיינען מיר געבליבן שטיין אויפן שוועל, מורא־האָבנדיק צו גיין ווייטער, וואָרים דאָרטן איז געווען שענער ווי אין דעם גרעסטן פּאַלאַץ, און ס'האָט זיך אונז בעת־מעשה אויסגעדוכט, אַז מיר זיינען אַריינגעפאַלן אין אַ גן־עדן. וואָס טוט זיך דאָ? וואו זיינען מיר? דערצו האָבן מיר נאָך דערזען, ווי ס'זיצט ביים טיש אַ שיינער ייד פון מיטעלע יאָרן אין אַ לאַנגן סורדוט און ער לערנט מיט צוויי רוסישע קינדער די הגדה. דער ייד האָט באַמערקט, אַז מיר זיינען זייער פאַרוואונ־

דערט און צעטומלט. ער האָט זיך אויפגעהויבן פון אָרט, צוגעגאַנגען נאָענט צו אונז און געזאָגט אויף יידיש:

— שלום=עליכם.

— עליכם-שלום! — האָבן מיר ביידע מיט שמחה געענטפערט: עליכם=שלום!

אַ ווײַלע איז געווען שטיל — קיינער פון אונז האָט אַ וואָרט ניט געזאָגט. איך האָב זיך אָבער לאַנג ניט געקאָנט איינהאַלטן, וואָרים מיר האָט זיך דורכאויס געוואָלט וויסן, וואו בין איך, וואָס טוט זיך דאָ מיט מיר און מיט וועמן רייד איך.

— זייט אַזוי גוט — האָב איך זיך איידל געווענדט צום שיינעם יידן אין לאַנגן סורדוט: זאָגט מיר, איך בעט אײַך, וואו זיינען מיר? וואָס איז דאָס פאַר אַ פאָלק—עפּעס ניט קיין יידן און ניט קיין רוסן...

כ׳האָב געקוקט אויף דעם שיינעם אומבאַקאַנטן יידן און האָב גע-קוועטשט מיט די פּלייצעס: ווער איז ער? אַז ס׳איז עפּעס פּאָרט ניט קיין גאַנצער ייד, און קיין קריסט אויך ניט! זעענדיק, אַז איך קוק אים אָן אַזוי פאַרוואונדערט, האָט דער ייד זיך אויפגעהויבן פון אָרט, און געזאָגט מיט אַ שמייכל:

— איר ווייסט ניט, ווער מיר זיינען? ס׳איז אַ סך צו ריידן וועגן דעם, אָבער ביי היינטיקן טאָג רופן מיר זיך אָן מיטן נאָמען „גרים״. דאָס איז אַזאַ כיתה, אויך יידן, נאָר אַ ביסל אַנדערע.

כ׳האָב אָבער ניט גוט פאַרשטאַנען: וואָס הייסט דאָס? אויב יידן —דאַרף מען זיין יידן ווי עס דאַרף צו זיין: ווי מיין טאַטע, ווי מיין זיידע, ווי מיין אַמאָליקער רבי ראובן דער מלמד. דער אומבאַקאַנטער ייד האָט מיר אָבער באַלד דערציילט, אַז דאָ אין דעם געגנט זיינען פאַראַן אויך אַנדערע כיתות=יידן, וועלכע היטן אָפּ אַלע יידישע מנהגים, הגם די נאַטשאַלסטווע האַלט זיי פאַר אמתע רוסן. און ער אַליין, דער שיינער ייד, וואָס האָט איצט מיט אונז גערעדט—איז געווען אין דער שטאָט דער שוחט און דער חזן און דער מלמד — אפילו שאלות האָט ער געפּסקנט טאַקע ווי אַן אמתער רב.

איך מיט מיין חבר האָבן זיך ביסלאַכווייז באַרויִקט. הגם, דעם אמת זאָגנדיק, האָבן מיר ניט געהאַט קיין שטאַרקע אמונה, אַז דאָס זיי-נען אמתע יידן, וועלכע האַלטן פון כשרע אכילות, וועלכע היטן אַלע

דינים און מנהגים פון דער יידישער רעליגיע. פונדעסטוועגן איז אונז בעת-מעשה געווען גאַנץ גוט. עפּעס האָבן מיר בײדע געפילט, אַז מיר געפינען זיך ניט צווישן פרעמדע, אַז ווער זיי זאָלן ניט זיין—אַלץ זײַנען זיי מיט אונז נעענטערע קרובים, ווי אַנדערע. דער ייד אין שיינעם סורדוט האָט אונז געבעטן אויסטאָן די שינעלן און האָט אונז אַרײַנגעפירט אין אַ צווייטן צימער—אויך אַ גרויסער, אויך אַ ליכטיקער און אַ פּאַרפּוצטער מיט די שענסטע און בעסטע מעבל.

דערווייל זײַנען אָנגעקומען אויך די בעלי-בתּים פון שטוב, און זיי האָבן זיך אַזוי דערפרייט מיט אונז, גלייך ווי ס'וואָלטן צו זיי געקומען אייגענע קינדער ערגעץ פון אַ ווייטן וועג.

— אָט די אורחים — האָט דער בעל-הבית פריילאַך גערעדט צו זיין ווייב — וועלן ביי אונז זיין דעם גאַנצן פּסח: איך האָב זיך דורכגערעדט מיטן מיליטער-נאַטשאַלניק, און ער האָט זיי ערלויבט די גאַנצע וואָך פון פּסח צו פאַרברענגען ביי אונז אין שטוב. גוט, האַ?

— אַוודאַי גוט, האָט די בעל-הביתטע צופרידן געענטפערט: אַוודאַי גוט! און קוקנדיק אויף אונז האָט זי אַלץ איבערגעחזרט אויפן קול: ס'אַר אַ יונגע סאָלדאַטשיקעס! אמתע קינדער! גאַנץ גוט, וואָס דו האָסט זיי געבראַכט!

די בעל-הביתטע האָט זיך אַוועקגעזעצט לעבן אונז אויף אַ שטול און האָט אונז געטרייסט, אַז מיר זאָלן ניט דאַגען, ווייל מיר זײַנען אַרײַנגעפאַלן צווישן אייגענע, און אַז די וואָך וועט אונז קיינזאַך ניט פעלן. זי האָט געפּרובט אויך פרעגן ביי אונז, ווער און פונוואַנען מיר זײַנען, אָבער דער בעל-הבית האָט ניט געלאָזן.

— מאַטער זיי ניט — האָט ער געזאָגט צו דער ווייב: זיי וועלן דאָך ביי אונז פאַברענגען אַ גאַנצע וואָך—וועסטו נאָך צייט האָבן מיט זיי צו ריידן און ביי זיי אַלץ אויספרעגן, און דערווייל, מיין ווייב, זיי זיך מטריח און מאַך עפּעס פאַר די פּאָר סאָלדאַטיקלאַך אַ גוטן מיטאָג: זיי זײַנען דאָך אַוודאַי הונגעריק.

— אָבער וואָס גיט מען זיי עסן? — האָט זי געענטפערט מיט אַ געלעכטער: די חמצדיקע כּלים זײַנען שוין אין שטוב ניטאָ — אין וואָס קאָכט מען?

איך און מיין חבר זײַנען זייער פריילאַך געוואָרן ביי די ווערטער,

וואָרים אויב אַזוי, איז דאָך דאָ אַן אמתע יידישע שטוב און דער פסח יועט דאָ אַוודאי זיין אַ כשרער, ווי ביי אונז אין דער היים.

— דערוויילע קאָך זיי אויס קאַרטאָפּל מיט פיש — דאָס איז דאָך אי פסחדיק, אי חמצדיק — האָט געזאָגט דער בעל־הבית, און איידער וואָס ווען—וואָלט איך געזאָגט, אַז זיי זאָלן גיין, אונזערע אורחים, אין מרחץ אויסוואַשן זיך לכבוד יום־טוב.

און אַזוי איז טאַקע געוועזן. די בעל־הביתטע איז אַוועק קאָכן פאַר אונז קאַרטאָפּל מיט פיש, און מיך מיט מיין חבר האָט מען אַוועק־געפירט אין באָד אַריין. גייענדיק מיט מיין חבר מיכל זאַקס איבערן גאַס, האָבן מיר זיך פון שמחה ניט געקאָנט איינהאַלטן ניט צו וויינען. עפּעס אַ קלייניקייט? אַזויפיל יאָרן ניט געגעסן קיין כשרן מאכל, אַזוי־פיל יאָרן ניט געזעסן ביי אַ יידישן טיש, און מיטאַמאָל—אַזאַ גליק! מיר יועלן פאַרברענגען אַ פסח צווישן יידן, מיר וועלן ניט דאַרפן עסן קיין טריפות...

אַז מיר האָבן זיך אויסגעוואַשן — זיינען מיר תיכף צוריקגעקומען צו אונזער בעל־הבית, און גלייך האָט מען אונז דאָרטן דערלאַנגט פרישע פיש מיט קאַרטאָפּל, און מיר האָבן געגעסן מיט אַזאַ אַפּעטיט, ווי ס'האָט שוין לאַנג־לאַנג ניט געטראָפן.

און ס'איז אונז דאָרטן געוועזן אַזוי גוט, ווי מיר וואָלטן אַריינגע־פאַלן אין אונזער אייגענער היים, צו אונזער טאַטע־מאַמען. אַלע ווילע איז צו אונז צוגעגאַנגען דער בעל־הבית און געפרעגט: אפשר ווילן מיר עפּעס, אפשר דאַרפן מיר עפּעס, אפשר פעלט אונז עפּעס? אויך די בעל־הביתטע איז צו אונז געוועזן גוט, ווי אַ מאַמע, און זי האָט שטענדיק אַלץ געזוכט, מיט וואָס אונז צופרידן צו שטעלן.

פאַרנאַכט האָבן אָנגעהויבן קומען יידן פון פאַרשיידענע סעקטעס, אַזעלכע, וואָס ס'זיינען שוין גאָר ניט ענלאַך אויף יידן: מיט ברייטע פּלייצעס, מיט אונטערגעהאַקטע האָר און רוסישע מלבושים, און גערעדט האָבן זיי אויך אַלץ אויף רוסיש. ס'מאַכט אָבער ניט אויס, אַבי זיי זיינען אַלע געווען פרום און האָבן אָפּגעהיט אפילו די קלענסטע מנהגים פון דער יידישער אמונה. געקומען זיינען זיי אַלע צום שיינעם יידן אין סורדוט — וועלכער איז דאָ געוועזן דער גאַנצער רב און דער גאַנצער דיין—פאַרקויפן זייער חמץ. יעדער פון זיי איז געקומען מיט אַ הילצערנער

לעפל, וועלכע איז געוועזן ארומגעבונדן מיט א טיכל און ס'האָט אַרויס־געשטעקט פון איר אַ געגנזענע פעדער, און אַלע האָבן פאַר „פאַרקויפן דעם חמץ" באַצאָלט מיט אַזעלכע גרויסע מטבעות, אַז אין אונזערע שטעטלאַך פאַרדינט דער רב אַפילו קיין העלפט ניט, אפילו קיין צענט־חלק ניט.

איך מיטן חבר האָבן געקוקט און געטראַכט דערביי: יידן בלייבן יידן—זיי וועלן קיינמאָל ניט פאַרפאַלן ווערן.

אָט איז ענדלאַך אָנגעקומען דער יום־טוב אַליין. ס'איז געוואָרן פסח! פאַראַן אַ סך זאַכן אין לעבן, וואָס איך וועל קיינמאָל ניט פאַר־געסן. ס'איז מיר אויסגעקומען איבערצולעבן אַזעלכע מאָמענטן, וואָס זיי־נען איינגעקריצט געוואָרן אין מיין לייב אויף אויביק, און ווי קאָן מען זיי דאָס פאַרגעסן? אָבער אויך דעמדאָזיקן פסח אין ניזשני־נאָווגאָראָד וועל איך געדענקען ביזן קבר!

די ערשטע זאַך האָט מיך אינטערעסירט, ווי און אויף וואָס פאַר אַן אופן זיינען אָט די דאָזיקע מאָדנע ג ו י י ש ע יידן מקיים די יידישע מצוות און די יידישע מנהגים, און כ'האָב זיך קוים דערוואַרט דעם ערב־פסחדיקן פאַרנאַכט.

די זון האָט זיך ביסלאַכווייז אָנגעהויבן אַראָפּלאָזן אין מעריב־זייט—ביי אונז אין שטעטל, געדענק איך, גייט מען דאַמאָלסט אין שול אַריין, און די גאַנצע קהילה, וואָס ס'געפינט זיך אין ניזשני־נאָווגאָראָד, האָט זיך צוזאַמענגעקליבן צו מיין בעל־הבית אין שטוב. דער שיינער ייד אין סורדוט, וואָס איז דאָ געוועזן סיי דער רב, סיי דער חזן, סיי דער שוחט—האָט זיך געשטעלט ביי אַן עמוד און האָט אָנגעהויבן מיטן זעלביקן ניגון, ווי ביי אונז אין שטעטלשן בית־מדרש: „אשרי יושבי ביתך"... פאַר מיר איז דאָס געוועזן אַזאַ וואונדער, ווי כ'וואָלט פלוצלונג דערזען אַ קריסטלאַכן גלח אין אַ טלית־קטן. ווי קומען דאָס אַזעלכע יידן דערצו? אַז זיי האָבן גאָר אַפילו ניט קיין יידישן אויסזען! אַלע האָבן זיך געשטעלט שמונה־עשרה און האָבן זיך דערביי אַזוי פרום געשאָקלט, אַז מיר האָט זיך אויסגעדוכט אין דער ווילע, אַז די אמתע יידן זיינען זיי גאָר, אַז אין ניזשני־נאָווגאָראָד, וואו מ'זעט ניט קיין יידן אויף דער גאַס און וואו ס'זיינען ניטאָ קיין יידישע שולן, קיין יידישע תלמוד־

תורות—געדענקט מען נאָך וועגן יידישן גאָט אפשר מער, ווי אין די יידישע שטעטלאַך.

נאָך מנחה האָט דער שיינער ייד געזאָגט אַ דרשה. אַפילו אויף רוסיש האָט ער גערעדט, אָבער ס'האָט זיך מיר פונדעסטוועגן געוואָלט בעת־מעשה וויינען. ער האָט גערעדט וועגן דער יידישער אמונה, וועגן דעם יידישן גאָט, וואָס האָט אַרויסגענומען זיין פאָלק פון מצרים און וואָס האָט דאַמאָלסט באַוויזן אַזעלכע גרויסע ניסים, וועגן דעם יידישן פאָלק, וואָס האָט אומעטום אַריבערגעטראָגן די גרעסטע צרות, נגישות, רדיפות, און איז פונדעסטוועגן געבליבן ביי זיין יידישקייט. אַלע האָבן געהאָרכט מיט אַראָפּגעלאָזענע קעפּ, און אַ סך האָבן דערביי געווישט די אויגן. נאָך דער דרשה האָט מען זיך געשטעלט דאַווענען מעריב, און אַלע זיינען געוואָרן פריילאַכער. באַלד נאָכן לעצטן קדיש האָט מען זיך איינער דעם אַנדערן געזאָגט: „גוט־יום־טוב!" און דער עולם איז זיך פונאַנדערגעגאַנגען יעדערער אין זיין היים.

דער בעל־הבית איז צוגעגאַנגען צו מיר און צו מיין חבר, האָט אונז פריינדלאַך גענומען אונטער די הענט און אַוועקגעפירט אונז אין אַ זייטיקן צימער, וואו כ'בין נאָך ביז איצט ניט געוועזן. צי ווייל איך בין שוין לאַנג ניט געוועזן אין אַ בעל־הבתישער הויז, צי דאָ איז טאַקע אַלץ געוועזן אומגעוויינלאַך שיין און רייך—אַבי איך בין געבליבן שטיין ביים שוועל אַ פאַרגאַפטער און האָב עפּעס ניט געהאַט די העזה צו גיין ווייטער. דער צימער, וואו דער בעל־הבית האָט אונז אַריינגעפירט, איז געוועזן גרויס—מיט אַן אויג ניט צו פאַרוואַרפן. אונזער גאַנצע שטוב מיטן פאָרהויז מיטן גאָרטן פון אונזער שטעטל—וואָלטן זיך דאָ אַוודאי באַהאַלטן—וואו איז פאַראַן נאָך אַזאַ צימער אויף דער וועלט? אויפן מיטן זאַל איז געשטאַנען אַ געגרייטער טיש מיט גאָלדענע הענגלייכטער, און די זייטן זיינען געשטאַנען אַזעלכע גרויסע שפּיגלען, אַז איך האָב אין זיי געזען מיין גאַנצן גוף פון אויבן ביז אַראָפּ. ביים טיש איז אויך גע־שטאַנען אַ גרויסער דיוואַן מיט קישנס—דאָס איז פאַרן בעל־הבית אויף אַ הסיבה־בעט, און באַלד טאַקע האָט מען זיך געזעצט צום סדר. דער בעל־הבית האָט פאָרגעלייגט, אַז איך אָדער מיין חבר מיכל זאָקס זאָלן מאַכן קידוש.

— איר זייט מייגע אורחים און אייך קומט דער כבוד פון קידוש=
מאַכן—האָט דער בעל=הבית געזאָגט.
אָבער ניט איך און ניט מיין חבר האָבן זיך גערירט פון אָרט.
ווי קומט דאָס, אַז אין אַזאַ אָרט ביי אַזאַ טיש זאָל מאַכן קידוש אַ סאָל=
דאַט ? דערצו האָב איך נאָך פאַרגעסן צו מאַכן קידוש—שוין אַזוי לאַנג
אַ יידישן וואָרט ניט געהערט און ביי אַ יידישן טיש ניט געזעסן.
דעם ערשטן קידוש האָט געמאַכט דער שיינער ייד—אַברהם שוחט—
אַזוי האָט אים דער בעל=הבית גערופן, און דערנאָך האָט דער בעל=
הבית אַליין אָנגעהויבן מאַכן קידוש. ביז היינטיקן טאָג קאָן איך נאָך
ניט פאַרגעסן דעם קידוש! ער איז אַפילו געווען זייער פרום, אָבער
אַז ער האָט פאָרט ניט געקאָנט קיין עברי! דעם גאַנצן יאָר האָט ער
מסתמא קיין מבין ניט, דער בעל=הבית, און—ווער ווייס — ס׳קאָן זיין,
אַז ניט אַלע מאָל דאַוונט ער גאָר. האָט ער געמאַכט קידוש מיט אַזעל=
כע עברי, אַז איך האָב זיך קוים אייגגעהאַלטן פון געלעכטער. איך אַליין
בין שוין אויך געווען אַ קנאַפער למדן, אָבער אַלץ בעסער פון אים
האָב איך דאָך געקאָנט!
כ׳האָב טאַקע געוואָלט לאַכן, אָבער אין דער אייגענער צייט האָט
זיך מיר איז דער ווילע געוואָלט אויך וויינען: דאָ איז טאַקע גוט און
שיין און ליכטיק, און טייערע מאכלים שטייען אויפן טיש און מיט די
טייערסטע וויינען גיסט מען אָן די כוסות, אָבער כ׳וואָלט דאָס אַלץ
געוואָרפן און כ׳וואָלט איצט אַנטלאָפן בעסער צו מיין אָרימן טאַטן און
צו מיין פאַרדאַגעטער מאַמען אַהין, אין קליינעם שטעטעלע אין איינגע=
פאַלענעם שטיבעלע, וואו ס׳שטייט אויפן טיש איין קליינער לעמפל און
וואו דער טאַטע זיצט אין זיין ווייסן קיטל... דערווייל האָבן די צוויי
זין פון בעל=הבית געפרעגט די פיר=קשיות — אפשר אַ חודש האָבן זיי
געלערנט די הגדה, און ס׳איז מיר אויסגעקומען, ווי צוויי גוישע ייִנג=
לאַך האָט מען אַנידערגעזעצט ביי אַ יידישן סדר און מ׳הייסט זיי פרעגן
די פיר=קשיות... ס׳מאַכט אָבער ניט אויס: איך האָב הנאה געהאַט, וואָס
אַפילו דאָ, אין ביזשני=נאָווגאָראָד, זיינען נאָך פאַראַן יידן, וועלכע גע=
דענקען די יידישע מנהגים און פאַרגעסן ניט, ווען ס׳איז פסח.
נאָך די פיר=קשיות האָבן אַלע אָנגעהויבן זאָגן די הגדה. די מאַנס=
ביל האָבן געזאָגט אינדערהויך און די ווייבער — שטילערהייט. אַנדערע

האָבן געזאָגט אויף רוסיש. אָבער אַלץ איינס, אַבי זיי האָבן געזאָגט מיט גרויס כוונה און האָבן זיך געשאָקלט, ווי די פרימסטע יידן.

— איצט, סאָלדאַטיקלאַך מיינע — האָט געזאָגט דער בעל-הבית, ווען מ'האָט געענדיקט זאָגן די הגדה: איצט וועלן מיר זיך אַ ביסל נעמען צו עולם-הזה—ניט קיין נאַרישקייט, האַ?

— איך האָב געשוויגן און געקוקט אויפן בעל-הבית, וועלכער איז מיט איינמאָל געוואָרן פריילאַך און האָט גערעדט צו אונז ווי אַן אייגענער טאַטע.

— נו, ברידערלאַך, לחיים!

מיר האָבן געטרונקען ווײַן און בראַנפן און געגעסן און ווידער געטרונקען, ביז ס'איז געוואָרן האַלבע נאַכט, און כ'בין געפאַלן שלאָפן.

איצט ווייס איך שוין גוט, וואָס דאָס איז „סעקטאַנטן", אָבער דאַמאָלסט, ווען איך האָב זיך געפונען ביים גוטן, שיינעם יידן אין שטוב, וואו מען האָט מיט אַזאַ פאַראַד אָפּגעריכט דעם פסח — האָב איך נאָר געהאַלטן אין איין חידושן זיך. יידן, וואָס קענען אַ וואָרט יידיש ניט, וואָס די נאַטשאַלסטווע האַלט זיי פאַר קריסטן, און וועלכע זיינען אינ-גאַנצן ענלאַך אויף רוסן — מאַכן פסח און היטן אָפּ אפילו די קלענסטע מנהגים! איבערהויפּט האָבן אויף מיר געמאַכט אַ שטאַרקן רושם די קליי-נע קינדערלאַך פון די דאָרטיקע יידן. אַלע ריידן אויף רוסיש, אַלע זיי-נען אָנגעטאָן אין רוסישע בגדים, און פונדעסטוועגן האָבן זיי געוואוסט, אַז זיי זיינען יידן, אַז זיי דאַרפן לערנען יידיש, זיי דאַרפן קענען דאַוו-נען, זיי דאַרפן מקיים זיין די יידישע מנהגים, און אַז זיי טאָרן זיך חלילה פאַר קיינעם ניט אַרויסריידן וועגן דעם.

דעם צווייטן טאָג יום טוב האָבן זיך צוזאַמענגעקליבן צו מיין בעל-הבית אַ סך אַזעלכע קינדערלאַך, וועלכע האָבן דאָרטן געשפּילט אין ניס, און מערקווירדיק: די קינדער האָבן צווישן זיך שטילערהייט אָפּגערעדט, אַז דער וואָס וועט געווינען — זאָל אָפּגעבן די ניס מיר מיט מיין חבר מיכל זאַקס.

— דאָס זיינען יידישע סאָלדאַטן—האָבן זיך די קינדער דורכאויס געסודעט צווישן זיך—יידן זיינען זיי, און מ'דאַרף זיי געבן מתנות.

אַזוי האָבן מיר פאַרבראַכט דעם גאַנצן יום-טוב אין פריילאַכקייט

און צופרידנקייט. מיר האָבן געגעסן און געטרונקען און אַלץ צווישן יידן, צווישן אייגענע, צווישן אַזעלכע מענטשן, וועלכע האָבן פאַרשטאַנען אונזער צער און האָבן געהאַט פאַר אונז אַ טרייסט-וואָרט. איבערהויפּט האָט אונז פריינדלאַך באַהאַנדלט די בעל-הביתטע, וועלכע פלעגט דורכאויס טענען צו אונז:

— נאָר ניט געדאַגעט, קינדערלאַך — מיר האָבן אַ גרויסן גאָט, וואָס וועט ניט פאַרלאָזן זיינע עלנדע יידישע קינדער. דערביי פלעגט די בעל-הביתטע גאַנץ אָפט זיפצן פון טיפן האַרצן, און ס'איז געווען קאָנטיק, אַז אויך זי און איר מאַן האָבן אויף זייער לעבן אַריבערגעטראָגן אַ היבשע ביסל צרות, איידער זיי האָבן זיך דערשלאָגן צו דעם איצטיקן מעמד. ס'פלעגט אַפילו אַמאָל טרעפן, אַז ס'פאַלט אַראָפּ אַ טרער פון אירע אויגן, און מיר פלעגט בעת-מעשה אָנהייבן אַזוי שטאַרק דריקן מיין האַרץ, ווי כ'וואָלט דערזען מיין אייגענע מאַמען וויינענדיק.

שווער געווען צו וויסן דעם גאַנצן אמת וועגן דערדאָזיקער יידישער משפחה, וואו איך מיט מיין חבר האָבן אַזוי גליקלאַך פאַרבראַכט דעם פסח. ער אַליין, דער בעל-הבית, האָט וועגן זיך אַפילו איין וואָרט ניט גערעדט, פאַרקערט—טאָמער האָט די ווייב אַמאָל אָנגעהייבן עפּעס דערציילן פון זייער פאַרגאַנגענהייט – האָט ער שטענדיק איבערגעריסן דעם שמועס מיט די ווערטער:

— יום-טוב טאָר מען ניט ריידן קיין אומעטיקע זאַכן; ס'איז היינט פסח, און מ'דאַרף זיין פריילאַך...

דער יום-טוב אָבער האָט זיך געענדיקט, און ס'איז געקומען די צייט, ווען מיר האָבן זיך געמוזט צוריק אומקערן אין קאַזאַרמע אַריין. אמת, סיי איך און סיי מיין חבר זיינען שוין געווען גענוג צוגעוויינט צום לעבן פון אַ סאָלדאַט און מיר האָבן זיך שוין פאַר קיינזאַך ניט געשראָקן. אָבער פונדעסטוועגן איז אונז מוצאי-יום-טוב שטאַרק אומעטיק געוואָרן אויפן האַרצן, גלייך, ווי מיר וואָלטן זיך דאַרפן שיידן מיט אייגענע עלטערן. נאָך מער האָט אונז גערירט די גוטסקייט פון אַלע יידישע סעקטאַנטן, וועלכע זיינען זיך אַלע צוזאַמענגעקומען אַהער באַלד נאָך הבדלה מיט פאַרשיידענע מתנות פאַר אונז, יידישע סאָלדאַטן. ווער ס'האָט געבראַכט סחורה אויף העמדער, ווער ס'האָט אונז געבראַכט אויפגענייטע בלוזעס, האַנטיכער, באָזטיכלאַך, און ווער ס'האָט אונז געבראַכט

פאַרנייטע זעקעלאַך מיט עסנוואַרג אויפן וועג. דערצו האָט נאָך דער שיינער ייד, וואָס איז דאָרטן געווען דער שוחט, דער מלמד און דער רב—אוועקגעשטעלט אַ טעלער אויפן טיש, און יעדער האָט אַריינגעוואָרפן פאַר אונז אַ מטבע; דערביי האָט דערדאָזיקער ליבער ייד געהאַלטן פאַר אונז אַ דרשה:

— איר הערט, קינדערלאַך — האָט ער גערעדט און געקוקט אויף מיר מיט מיין חבר: איר הערט, מיינע טייערע יידישע סאָלדאַטיקלאַך, האַלט זיך פעסט פאַר דער יידישער אמונה! איר זאָלט זיך מיט קיינזאַך ניט לאָזן אונטערקויפן און ניט לאָזן פאַרפירן! טאָמער וועט אייך עמי־צער צוזאָגן גרויסע עשירות אָדער גרויסע ט י ט ל ע ן — זאָלט איר אויף דעם ניט קוקן און איר זאָלט זיך ניט אונטערגעבן! דער שטן האָט אין זיין רשות אַ סך מיטלען, ווי אַזוי אַראָפּצופירן אַ יידן פונם גלייכן וועג. איר זאָלט זיך אָבער האַלטן פעסט אָן אייער אמונה, אָן דעם גלויבן פון אייערע עלטערן, אָן דעם גאָט פון אברהם, יצחק ויעקב. האָט איר געהערט, וואָס איך האָב אייך געזאָגט? וואָס ס׳זאָל ניט טרעפן מיט אייך און וואו דער מזל זאָל אייך ניט פאַרטרייבן—זאָלט איר אַלע מאָל גע־דענקען, אַז יידן זייט איר געבאָרן געוואָרן און יידן דאַרפט איר שטאַרבן.

איך האָב זיך בעת־מעשה ניט געקאָנט איינהאַלטן פון טרערן, און כ׳האָב אָנגעהויבן ווישן די אויגן. אויף מיר קוקנדיק האָט זיך אויך מיין חבר פונאַנדערגעוויינט, און דער גאַנצער עולם, וואָס האָט זיך דאַמאָלסט געפונען אין שטוב, האָט זיך באַהאַלטן יעדער אין אַ באַזונדער ווינקל, כדי שטילערהייט אויסצוּוויינען זיך. עפעס מאָדנע האָט מיר דאַמאָלסט אויסגעזען די גאַנצע זאַך. אַלע וויינען, ווי עפעס אַ גרויסער אומגליק וואָלט דאָ געטראָפן אין שטוב, און אין דער אמתן, וואָס? צוויי פרעמדע סאָלדאַטן, וואָס מען האָט אַ גאַנצע וואָך צייט געגעבן עסן און טרינקען, און שלאָפן—פאָרן אַוועק!... דוכט זיך, אַזאַ קלייניקייט און פונדעסטוועגן זיינען אַלע אַזוי צעטראָגן, אַזוי פאַרלאָרן! מילא איך און מיין חבר איז קיין חידוש ניט: אַזוי לאַנג זיינען מיר שוין ניט געווען אין אַ יידישער שטוב, אַזוי לאַנג זיינען מיר שוין ניט געזעסן ביי אַ יידישן טיש, און ס׳האָט זיך אפשר טאַקע ניט געוואָלט גיין צוריק אַהין, וואו מ׳הערט נאָר גראָבע רייד, וואו מען געפינט זיך שטענדיק צווישן פרעמדע און

וואו מען דאַרף טראָגן די „סלוזשבע״ אָן אַ שיעור און אָן אַ ברעג. אָבער זיי אַלע—זיי בלייבן דאָך אויף די ערטער—וואָס זיינען זיי אַזוי צעטראָגן?

באַלד איז טאַקע אַריינגעגאַנגען דער בעל=הבית און האָט כלומרשט מיט כעס אָנגעהויבן שרייען:

— וואָס איז דאָס פאַר אַ טרויער? וואָס מאַכט איר דאָ פאַר אַ יום=כיפור? געזען אַ ביסל! איר וואַרפט דאָך אַן אימה אויף אונזערע טייערע אורחים!

און צו אונז האָט ער געזאָגט: איר, יידישע סאָלדאַטיקלאַך, זייט ניט צעטראָגן—ס'וועט זיין גוט! דערווייל טוט זיך אָן, און איך וועל פאָרן מיט אייך צום מיליטער=נאַטשאַלניק, וואָרים כ'האָב אים צוגעזאָגט, אַז מוצאי יום=טוב וועל איך אייך צושטעלן צוריק אין קאַזאַרמע.

מיר האָבן זיך האַרצלאַך אָפּגעזעגנט מיטן גאַנצן עולם, — און זיינען אַוועקגעפאָרן.

אין קאַזאַרמע האָבן מיר פאַרבראַכט נאָר אייניקע שעה, ווייל דער פאַראַכאָד קיין סאַראַטאָוו האָט געדאַרפט אָפּגיין דעמזעלבן טאָג. אונזער בעל=הבית איז פון אונז ניט אָפּגעטראָטן—ער האָט אונז באַגלייט ביז צום שיף. דאָרטן האָבן מיר זיך מיט אים צוזעגנט ווי מיט אַן אייגענעם פאָטער. איך מיט מיין חבר זיינען אַרויף אויפן פאַראַכאָד; באַלד האָט אַ פייף געטאָן, און מיר זיינען אַוועקגעפאָרן.

אויפן האַרצן איז געווען אומעטיק, ווי שבת נאָך הבדלה. פאַר די אויגן איז נאָך דייטלאַך געשטאַנען דער גרויסער רייך=באַפוצטער זאַל, וואו מיר האָבן אַזוי גוט פאַרבראַכט גאַנצע אַכט טעג; ס'איז נאָך שווער געווען צו פאַרגעסן דעם שיינעם יידן אין סורדוט, די ליבע בעל=הביתטע, וועלכע האָט אַזוי פריינדלאַך אונז געגעבן עסן, טרינקען און אַן אָפּרו. דאָס אַלץ איז נאָך געווען פריש אין זכרון, און ס'האָט געדריקט דאָס האַרץ, ווען מיר האָבן זיך גענומען באַטראַכטן, אַז יעצט וועלן מיר ווידער וואָכן לאַנג און אפשר טאַקע יאָרן לאַנג ניט זען מער קיין יידיש הויז און מיר וועלן ווידער אָן אויפהער געפינען זיך שטענדיק צווישן פאַרגרעבטע פויערים, וועלכע קענען בלויז גוט זידלען זיך און אָפּלאַכן פון אַ יידן.

לאַנגזאַם איז זיך געגאַנגען דער פאַראַכאָד איבערן שטילן וואַסער; די סאָלדאַטן האָבן כסדר געזונגען פאַרשיידענע רוסישע לידלאַך, פון

וועלכע ס'איז נאָך מער געוואָרן אומעטיק. איך מיט מיין חבר האָבן פריער נאָר געקוקט דורך די קליינינקע פענסטערלאַך אויף דעם וואַסער, וועלכער ציט זיך אַזוי לאַנג, אַזוי ברייט און אַזוי טיף; דערנאָך האָבן מיר אַרויסגענומען פון אונזערע קעסטלאַך אונזערע קליינינקע תהילימלאַך און האָבן מיט כוונה אָנגעהויבן זאָגן שטילערהייט. ווען כ'האָב שוין געהאַט אָפּגעזאָגט אַ גאַנצן „יום" תהילים, האָב איך פלוצלונג אויפגעהויבן די אויגן—ערשט איך זע: ניט ווייט פון מיר זיצט אַן איינגעקאָרטשעטער סאָלדאַטיק מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ, ווי ער וואָלט נאָך עמיצן געטרויערט. כ'האָב זיך נאָכאַמאָל איינגעקוקט, און האָב דערזען, אַז דאָס איז אַ יידישער יינגל. אָבער אַזאַ בלייכער, אַזאַ אויסגעמאַטערטער, גלייך ווי ער וואָלט ניט לאַנג אַרויס פון ישיבה. ווי קומט ער אַהער? וואָס איז דאָס פאַר אַ סאָלדאַט? מילא, איך און מיין חבר — זיינען מיר פאַר די לעצטע פאַר יאָר כאָטש געוואָרן יונגען מיט פלייצעס, כמעט, אַז מיר זיינען שוין געוועזן ניט קיין ערגערע סאָלדאַטן ווי די רוסישע פויערים. אָבער אַזאַ יינגל — אַ שרעק צו קוקן אויף אים. איך האָב זיך דורכגערעדט מיט מיין חבר, און ניט לאַנג וואַרטנדיק—האָב איך אַ וואונק געטאָן דעם נייעם פאַרשוין, ער זאָל זיך צורוקן נעענטער צו מיר.

לכתחילה האָב איך געוואָלט אויספרעגן אים, פונוואַנען ער איז, ווי לאַנג איז ער שוין אַ רעקרוט און ווי קומט ער אַהער. אָבער כ'האָב באַלד דערקענט אויף זיין פנים, אַז ער איז הונגעריק — קוים וואָס די נשמה האַלט זיך אין אים. איך און מיכל זאַקס האָבן אויפגעעפנט אונזערע פעקלאַך—מיר האָבן גאָר אַליין ניט געוואוסט, אַז מיר זיינען אַזוי רייך. לאָזט זיך אויס, אַז אונזערע בעלי־בתים האָבן אונז אָנגעלייגט אַזויפיל גוטע זאַכן אויפן וועג, אַז ס'האָט געקענט קלעקן פאַר אַ גאַנצער משפחה אויף אַ וואָך צייט. ס'איז דאָרט געוועזן, ממש, פון כל־טוב! ברויט און מצה, און בולקעס, און פלייש, און הערינג, און פוטער, און קעז, און אַפילו בראַנפן! דער נייער יונגערמאַן האָט שוין, אפנים, לאַנג אַזעלכע מאכלים ניט געזען; ער האָט לכתחילה גאָר ניט געהאַט קיין העזה צורירן זיך צו די אַכילות. אָבער איך האָב אים מיט גוואַלד אָנגעהויבן שפּאַרן אין מויל אַריין, וואָרים ס'איז געווען קלאָר, אַז דער מענטש איז קוים וואָס ער לעבט, אַז ער האָט שוין גאָרניט קיין אויסזען פון אַ מענטשן. ביסלאַכווייז איז דער נייער יידישער רעקרוט אַריין אין חשק:

ער האָט זיך אויפגעהערט שעמען, האָט אָנגעהויבן צו עסן מיט אַפּעטיט אַלץ, וואָס ס׳איז געווען, הגם בשעת־מעשה האָט ער ניט אויפגעהערט צו זיפצן און צו קרעכצען. איך האָב באַלד פאַרשטאַנען, אַז ער איז אויך עפּעס קראַנק, אַז ער האָט יסורים, און אַז אים איז זייער ניט גוט

— ווי אַזוי קומט דאָס, וואָס מ׳האָט אַזאַ ווי דו אָפּגעגעבן פאַר אַ סאָלדאַט ?—האָב איך אים געפרעגט—דוכט זיך, מ׳זעט גלייך, אַז דו ביסט אַ קראַנקער, אַ מאָדנע זאַך!

— איך בין אַמאָל געווען אַ געזונטער — האָט ער זיך אַזוי ווי פאַרענטפערט. בשעת מען האָט מיך געכאַפּט, בין איך געווען געזונט אויף אַלע איברים; קראַנק געוואָרן בין איך דאָס אויפן וועג. כ׳ווייס אַליין ניט, פון וואָס און ווי אַזוי; נאָר עפּעס האָט זיך אָן מיך אַריינגעכאַפּט אַ חולאת, פון וועלכער איך בין געוואָרן אַלץ שוואַכער און שוואַכער... גאַנצע זעקס וואָכן בין איך שוין געלעגן אין אַ שפּיטאָל; אָבער ס׳איז מיר ניט געוואָרן בעסער. דער דאָקטאָר האָט געזאָגט, אַז אין לאַזאַרעט וועל איך סיי־ווי־סיי ניט ווערן געזונט—אָט האָב איך זיך אויסגעשריבן און איך פאָר מיט אַלעמען צוגלייך. כ׳ווייס, אפשר וועט מיר דאָ אויף דער ריינער לופט ווערן בעסער. ווער ווייס, וואו מ׳זוכט די רפואה?

ער איז אַ ווײַלע אַנטשוויגן געוואָרן, און איך מיט מיין חבר האָבן אויף אים געקוקט און געוואונדערט זיך: ווי שיקט מען דאָס אַזאַ געפערלאַכן חולה? ער דאַרף דאָך ליגן אין בעט!

— און עלטערן האָסטו ערגעץ?—האָב איך אים געפרעגט.

— ניין—האָט ער געענטפערט מיט אַן אומעטיקן קול: ניין, כ׳האָב קיינעם ניט; איך בין געבליבן אַן עלנדער יתום, אָן אַ טאַטן און אָן אַ מאַמען נאָך פון די קליינע קינדער־יאָרן אָן. כ׳געדענק גאָר כמעט ניט מיינע עלטערן. איך בין נאָך אַ קלייניקער געווען, ווען זיי זיינען געשטאָרבן.

אַז אונזער נייער חבר האָט אַ ביסל צוגעביסן און איז עטוואָס געקומען צו זיך—האָט ער דערציילט, ווער ער איז, פונוואַנען ער איז ווי אַזוי ער האָט געלעבט, ווי אַזוי ער האָט אַמאָל ניט דערעסן, ניט דערשלאָפן און מיט וואָס פאַר אַ מאַטערניש ער האָט זיך דאָס אויסגעהאָדעוועט.

— פריער האָט ער דערציילט—האָב איך געלערנט ביי אונז אין תלמוד־תורה, אָבער אונזער שטעטלשער רב האָט מיך אמאָל פאַר־הערט, און איך האָב אויף אַלץ אַזוי גוט געענטפערט, אַז דער רב האָט מיך באַלד צוגענומען אין זיין ישיבה. געגעסן האָב איך „טעג" ביי זיבן בעלי־בתים: ביי איינעם—זונטאָג, ביים צווייטן—מאָנטאָג, און פון עסן טעג ווערט מען ניט זאַט. האָסטו נאָך געהאַט דעם „טאָג" ביי אַ פשוטן יידישן בעל־מלאכה—איז נאָך געוועזן נישקשה. דאָרטן פלעגט די בעל־הביתטע דערלאַנגען אַן אָנבייסן פון וואָס גאָט האָט איר געהאָלפן, און בעסער־ערגער—דאָס רוב פלעג איך פון דאָרטן אַוועקגיין ניט הונגעריק. האָט מען אָבער געהאַט אַ טאָג ביי אַ רייכערן יידן — איז דאָס געוועזן אַן אָפּקומעניש. שעהן לאַנג פלעגט מיר אויסקומען שטיין און וואַרטן ביז וואַנען די „רייכע" בעל־הביתטע האָט מיך באַמערקט. דו שטייסט און דו וואַרטסט און דער הונגער וואַקסט און דער פאַרדראָס איז גרויס, ביז וואַנען די קעכין וואַרפט דיר עפּעס צו שטילערהייט, און דו גייסט צו־ריק אין ישיבה—ניט זאַט און ניט הונגעריק, אַזאַ לעבן איז דאָס גע־וועזן... פונדעסטוועגן בין איך געוועזן אַ גרויסער מתמיד. כ'האָב גע־לערנט טאָג און נאַכט, וואָרים כ'האָב געוואָלט, ניט אַנדערש, זיין אַ רב און כ'וואָלט טאַקע אינגיכן געוויס באַקומען סמיכה אויף רבנות; דאָ האָט אָבער פּלוצלונג געטראָפן דער גרויסער אומגליק—מ'האָט מיך גע־כאַפּט און אָפּגעגעבן אין סאָלדאַטן.

איך און מיכל זאַקס זיינען שוין געווינט געוועזן צו אַלערליי צרות,—צו אַלערליי אומגליקן—גענוג האָבן מיר זיך שוין זינט אונזער סלוזשבע אָנגעזען און אָנגעהערט. פונדעסטוועגן האָט דערדאָזיקער ישיבה־בחור אויף אונז אַרויפגעוואָרפן אַ מרה־שחורה. און ס'איז טאַקע געוועזן אַ רחמנות צו קוקן אויף אים. אוודאי איז אויף־יעדן יידישן בחור אַ רחמנות, ווען ער דאַרף דינען אַלס אַ ניקאָלאַיעווער סאָלדאַט, אָבער איך און מיין חבר מיכל צי אַן אַנדערער—זיינען מיר דאָך כאָטש געזונטע! און דאָ זיצט אַ בחור אָן אַ טראָפּן בלוט אין פּנים, אַן אויסגעהונגערטער, אַן אויסגעמאַטערטער, און ער דאַרף זיך קוועלן אין קאַזאַרמע איין יאָר און נאָך אַ יאָר—מען ווייס דען, וויפל יאָר מ'דאַרף דינען?

אָט אַזוי ריידנדיק מיטן ישיבה־בחור, זיינען מיר פּאַמעלאַך צו־געפאָרן צו סאַראַטאָוו. איך און מיכל האָבן אַוועקגעגעבן דעם ישיבה־

בחור א טייל פון אונזער עסנוואַרג; מיר האָבן זיך מיט אים געזעגנט, און זייגען אַראָפּ פון פּאַראַכאָד.

אין סאַראַטאָוו האָט מען אונז אָפּגעפירט אין שטאַב פון דער 17-טער פּעכאָטע-דיוויזיע. דאָרטן האָט מען אונז אויסגערופן לויט די פאַמיליעס, און ווען מ'האָט אויסגערופן מיין פאַמיליע: מערימזאָן! — איז תיכף אַרויס-געלאָפן פון אַ צווייטן זאַל אַ יונגער אָפיצער און האָט אָנגעהויבן נאָכ-פרעגן: ווער איז דאָס מערימזאָן? וואו איז ער? איך האָב זיך אַ צע-שראָקענער אַנידערגעשטעלט אַנטקעגן אים און האָב געענטפערט מעשה סאָלדאַט: איך — איך בין דאָס מערימזאָן, וואַשע בלאַגאָראָדיע!

— און פונוואַנען קומסטו איצטער?

— פון מאָסקווער קאָמאַנדע, וואַשע בלאַגאָראָדיע!

— און וואו ביסטו געוועזן אַ קאַנטאָניסט?

— אין קיעווער באַטאַליאָן, וואַשע בלאַגאָראָדיע!

— האָסטו געקאָנט דאָרטן איינעם אַ גרינבלאַט?

— טאַק טאָטשנאָ, וואַשע בלאַגאָראָדיע!

דער אָפיצער האָט נאָך געוואָלט עפּעס פרעגן ביי מיר און נאָך ריידן מיט מיר. אָבער דאָ האָט מען אים פּלוצלונג אָוועקגערופן, און איך בין געבליבן שטיין אַ פאַרוואונדערטער. וואָס איז דאָס אָקאָרשט פאַר אַן אָפיצער? וואָס איז דאָס פאַר אַזאַ נאָכפרעגעניש אויף גרינ-בלאַטן? נאָר אין דער מינוט איז מיר דורכגעלאָפן אַ געדאַנק: צי איז דאָס אפשר... כ'האָב מורא געהאַט צו טראַכטן ווייטער, נאָר כ'האָב זיך פונדעסטוועגן ניט געקענט באַפרייען פון דער מחשבה, אַז אפשר — דוכט זיך, אַז דער אָפיצער — איז דאָס טאַקע גרינבלאַט, אָדער ריכטיקער גע-זאָגט — קלעזמער, וועלכן מ'האָט געכאַפּט אַמאָל כמעט אין איין טאָג מיט מיר — מיט אים האָב איך דאָך אַמאָל פאַרבראַכט דעם ערשטן שבת, ווען די כאַפּערס האָבן מיר געבראַכט פרייטאָג פאַרנאַכט אין אַ ישובי-שער שטיבל... כ'האָב באַלד געוועלט גיין דערוויסן זיך אַלע איינצל-הייטן, ווי אַזוי און ווען איז דאָס קלעזמער-גרינבלאַט געוואָרן אַן אָפיצער? אָבער ווי קאָן מען דאָס אַזוי גיך דערגיין? איך בין אָבער באַלד געפאַלן אויף אַ שכל: כ'האָב זיך דערמאָנט, אַז דורכדעם שריי-בער פון פאָלק קען מען אַלץ דערגיין. האָב איך אויסגעוואַרט אַ גוטע מינוט, כ'האָב אָוועקגעפירט דעם שרייבער אין אַ טראַקטיר, און האָב

אים געבעטן רחמים, ער זאָל אויסזוכן אין די פּאַפּירן אַלץ, וואָס איז שייך צו דעם אָפּיצער.

און אַזוי איז טאַקע געווען. אין אַ פּאָר שעה אַרום האָב איך שוין אַלץ געוואוסט, און קיין טעות האָב איך ניט געהאַט. דער אָפּיצער איז טאַקע געווען גרינבלאַט, און געשען איז דאָס גאַנץ געוויינלאַך: גרינ=בלאַט האָט זיך געשמדט, ער איז אָנגעקומען אין דער יונקער-שול, איז געוואָרן פריער אַן אַדיוטאַנט אין פּאָלק, דערנאָך האָט ער געקאָמאַנדעוועט אַליין מיט אַ ראָטע, ער האָט זיך אויסגעצייכנט אין דינסט, און מ'האָט אים געמאַכט פאַר אַן אָפּיצער!

איצט שעם איך זיך גאָר אַליין פאַר מיינע דאַמאָלסטדיקע מחשבות, אָבער מ'מוז זאָגן דעם אמת, אַז בעת כ'האָב זיך דערוואוסט, אַז מיין אַמאָליקער חבר גרינבלאַט-קלעזמער איז געוואָרן אַן אָפּיצער — איז מיר מיטאַמאָל געוואָרן אַזוי אומעטיק אויפן האַרצן, אַז עטלאַכע טעג נאָכאַ=נאַנד האָב איך זיך קיין אָרט ניט געקענט געפינען. גרינבלאַט=קלעזמער! —געווען, דוכט זיך, פּונקט אַזאַ ייִנגל ווי איך, און—ווי ווייט מיר זיי=נען איצט איינער פונם אַנדערן! ער איז שוין אַ געבילדעטער מענטש, האָט געענדיקט אַ שול און האָט באַקומען אַזאַ הויכן טשין. אַ קלייניקייט דאָס איז: אַן אָ פּ י צ ע ר! ער איז פאַרזאָרגט אויפן גאַנצן לעבן מיט געלט, מיט כבוד און מיט אַלדאָס גוטס. און איך? אַזויפיל יאָרן גע=וואַלגערט זיך—פריער אין די קאַזאַרמעס, דערנאָך אין פּויערשע דערפער, דערנאָך אין מאָסקווער מאַסטערסקאַיע; אומעטום אַזויפיל געליטן, אומע=טום איבערגעטראָגן אַזויפיל צרות, אַזויפיל פּיין, אומעטום געהאַט אויס=צושטיין די גרעסטע עינויים און באַליידיקונגען; וויפל מאָל האָט מיר דער קלענסטער פויער שופך=דמים געווען? וויפל מאָל האָט מען מיר אָנגעטאָן בזיונות? ווער ס'האָט נאָר חשק געהאַט און ווען ס'איז נאָר פריילאַך געווען אויפן האַרצן! פריער האָב איך זיך חדשים לאַנג גע=וואַלגערט אין דאָרף ערגעץ הינטער אַן אויוון ביי אַ שלעכטער גויע, וועל=כע האָט אַלץ געזוכט צו מאַכן אויף מיר בילבולים. און פון אירע קינ=דער האָב איך זיך ווייניק אויסגעליטן? דאָ פלעגן זיי מיר ציען פאַר די פּיאותן, כאָטש איך האָב שוין לאַנג אַפילו קיין פּיאותן ניט געהאַט, דאָ פלעגן זיי מיר שמירן די מויל מיט חזיר, און פלוצלונג פלעגט זיך זיי סתם פאַרוועלן אַ ביסל לוסטיק מאַכן זיך איבערן זשיד. דערנאָך —

אין מאָסקווע. אמת, שפּעטער איז מיר שוין דאָרט געווען ניט שלעכט, אָבער וויפל איז דאָס מיר אויסגעקומען צו ליידן, איידער כ׳האָב דאָרט באַקומען אַן אָרט צו שלאָפן אויפן וואַרשטאַט? גאַנצע יאָרן זיינען דאָך אַריבער, און דערווייל בין איך געוואַקסן און געעלטערט זיך ביז... אַז כ׳האָב זיך שוין אַזויפיל אויסגעהאָדעוועט, אַזויפיל אויסגעליטן—דאַרף איך איצט ווידער גיין אין קאַזאַרמע! ווידער דאַרף איך דאָס אָנהייבן פון דאָס ניי צו פירן אַ לעבן פון אַ סאָלדאַט, וואָס האָט קיין שום דעה ניט אויף זיך אַליין, וועלכער האָרעוועט און אַרבעט און האָט פאַר זיך אַליין גאָרנישט. און אַלץ צוליב וואָס לייד איך? נאָר צוליב מיין עקשנות! ווען איך בין ניט אַזאַ עקשן, ווען איך בין ניט אַזוי איינגעשפּאַרט — וואָלט שוין לאַנג געקומען אַ סוף צו מיינע צרות. באַלד, ווי מען האָט מיך דעם ערשטן מאָל געפרעגט, צי וויל איך זיך שמדן—פאַרוואָס האָב איך ניט געוואָלט? איך בין דאָך נאָך דאַמאָלסט אַ קליינער יינגל געווען —ס׳איז דאָך אַפילו די עבירה אויך ניט קיין גרויסע, וואָרים, וואָס ווייס אַ קליינער יינגל? מ׳הייסט אים שמדן זיך — פאָלגט ער! שפּעטער האָט מען מיך ווידער געוואָלט אָפּשמדן, און ווידער האָב איך זיך איינגע-שפּאַרט, און דערנאָך... אַזאַ שיינע מיידעלע געווען מאַרפאַ, און געלט האָט זי געהאַט און אַן אייגענע הויז אין דאָרף און אַ גרויסע שטיק פעלד—וואָס וואָלט מיר געפעלט? און דערנאָך — דאָס איז דאָך שוין געוויס געווען אַ גרויסער גליק: דער מאָסקווער סוחר האָט דאָך מיר געוואָלט אָפּשרייבן אַזאַ אייגנס!

איך האָב זיך בעת-מעשה דערמאָנט, ווי דערזועלביקער גרינבלאַט-קלעזמער האָט דאַמאָלסט, נאָך גאָר אַמאָל, ווען מ׳האָט אונז ביידן פאַר-שפּאַרט ביים ישובניק אין פינסטערן הדרל—ווי ער האָט דאַמאָלסט ניט געוואָלט נעמען קיין עסן, ווי ער האָט גאַנצע טעג און נעכט געוויינט... איך בין דאָס דאַמאָלסט געווען דער העלד, דער בר-דעת, וואָס האָט געטרייסט, סיי זיך אַליין אין מיין גרויסן אומגליק, און סיי מיין חבר, טאַקע דעמזעלביקן גרינבלאַט-קלעזמער... און איצט? היינט איז דער שוואַכער גרינבלאַט אַן אָפיצער, און איך בין נאָך אַלץ אַ פּראָ-סטער סאָלדאַט און דאַרף ווידער אומקערן זיך אין דער טרויעריקער קאַזאַרמע!

אַזוינע מחשבות האָבן מיר געדריקט גאַנצע טעג און גאַנצע נעכט,

און כ׳האָב אַלץ געזוכט מיט די אויגן אַרום זיך עפּעס אַ נאָענטן מענטשן, עפּעס אַ גוטן, אַ טרייען פריינד, וועלכער זאָל מיך פאַרשטיין, וועלכער זאָל מיר טרייסטן און זאָל מיך אונטערהאַלטן אין דער שווערער צייט פון יאוש און פאַרצווייפלונג.

אַז ס׳זיינען אָבער אַריבער עטלאַכע טעג, בין איך ביסלאַכווייז ווידער געקומען צו זיך, און אַ מאָדנע זאַך: איך האָב שוין מער גאָר ניט מקנא געווען גרינבלאַטן, פאַרקערט—איך האָב גאָר אויף אים רחמנות געהאַט! איך האָב געמאַכט דעם חשבון פונקט פאַרקערט, און ס׳איז אויסגעקומען, אַז ווידער בין איך טאַקע דער העלד, דער גבור, דער שטאַרקער, און ניט גרינבלאַט. אַ קונץ דאָס איז איבערצוצלמען זיך און באַקומען דערפאַר באַצאָלט? אַ קונץ דאָס איז צו פאַרגעסן דעם אייגענעם גאָט און פאַרקויפן זיך פאַר אַ טאָפּ לינזן? סוף־כל־סוף לעבט דער מענטש ניט אייביק. פון די אַלע גליקן און עשירות און פון די הויכע טיטלען בלייבט דאָך אפילו קיין זכר ניט נאָכן טויט, און די נשמה ווערט באַשמוצט און מ׳דאַרף דאָרטן אויפן הימל אָפּגעבן דין־וחשבון!

טראַכטנדיק אַזוי, איז מיר אַ ביסל שפּעטער, אמת, פריילאַך געוואָרן אויפן האַרצן, און ס׳האָט מיר בעת־מעשה הנאה געטאָן, וואָס כ׳האָב זיך פון קיינעם ניט געלאָזט פאַרפירן. אמת, מיר שטייט נאָך פאָר אַ פולע צו ליידן—ווער ווייס, וואָס מיר וועט נאָך אויסקומען איבערצוטראָגן און איבערצולעבן אין די פאַרשיידענע קאַזאַרמעס? אָבער דערפאַר בין איך דאָך בייגעשטאַנען אַזעלכע שווערע ניסיונות: מ׳האָט מיר פאָרגעלייגט געלט, מ׳האָט מיר פאָרגעלייגט ליבע, מ׳האָט מיר פאָרגעלייגט הויכע טיטלען, און גאָרנישט—כ׳בין פונדעסטוועגן געבליבן ביי דאָס מייניקע: איך בין אַ ייד! כ׳בין נאָך דערווייל אַ זון פון מיין פאָלק ישראל, וועלכעס האָט שוין אויף זיך געהאַט פייער און וואַסער און האָט פונדעסטוועגן זיין גאָט ניט פאַרלאָזן! כ׳בין נאָך אַ קינד פון מיין טאַטן־מאַמען—זיי דאַרפן זיך מיט זייער זון ניט שעמען, און כ׳וועל צוגלייך מיט זיי געפינען מיין קבר אויפן יידישן בית־עולם.

אַז ס׳זיינען אַריבער נאָך עטלאַכע טעג—האָב איך שוין אינגאַנצן אַרויסגעשלאָגן זיך פון זינען גרינבלאַטן מיט זיינע גליקן. וואָס גייט דאָס מיר אָן? יענער האָט זיך געוואָלט שמדן און ווערן אַן אָפיציר—דאָס איז

זיין זאַך. צי וועט ער נאָך זיין גליקלאַך — איז אויך אַ גרויסע שאלה, ווארים ווער ווייס, צי וועט אים ניט פאַרדריסן ווען ס'איז, וואָס ער האָט אומגעביטן זיין אמונה אויף אַ צווייטע, און אַלץ צוליב אַזעלכע זאַכן... דערצו האָב איך גאָר קיין סך צייט ניט געהאַט צו טראַכטן וועגן אים. ס'איז מיר געווען אינטערעסאַנט מיט אים דורכצורעדן זיך, ווארים פאַרט אונזערער אַ יינגל אַמאָל געווען, און היינט — אַן אָפיצער מיט עפּאָלעטן, מיט אַ שווערד ביים זייט — אַלץ ווי ס'דאַרף צו זיין. אָבער גיין מוסר-נפש זיין זיך און זוכן אים און נאָכפרעגן זיך אויף אים — דאָס האָט זיך מיר ניט געוואָלט און ס'האָט מיר טאַקע ניט געפּאַסט, און כ'האָב קיין צייט ניט געהאַט אויך.

אין פאָלק האָט מען מיך באַלד באַשטימט אין „סטרוי", און איך האָב זיך איינגיכן אַזוי צוגעוויינט צום ביקס, אַז די גאַנצע נאַטשאַלסטווע האָט מיך געלויבט און אַלע האָבן געזאָגט, אַז איך בין אַן אויסגעצייכנטער סאָלדאַט. ווייל איך האָב זיך פלייסיק גענומען צו דער סלוזשבע, האָט מען מיך גאָר גיך אָפּגעגעבן אין דער שול פאַר אונטעראָפיצערן. אוודאי האָב איך זיך שטאַרק געפרייט מיט דעם, ווארים אַן אונטעראָפיצער איז אויך ניט קיין קלייניקייט, און איבערהויפּט נאָך, ווען מ'בלייבט ביי יידישקייט. איך האָב זיך שוין פיל מאָל געפּרובט פאָרשטעלן דאָס בילד, ווי איך בין אַן אונטעראָפיצער, פאַר אַוועק צו זיך אין דער אַמאָליקער שטעטל, זוך דאָרט אויס מיין טאַטן-מאַמען, מיין רבין, מיינע אַמאָליקע חברים פון חדר, און סאַר אַ שמחה ס'וואָלט דאָס געווען פאַר מיר און פאַר מיינע עלטערן! זיי וואָלטן מיך דאָרטן אין שטעטל אוודאי קיינער ניט דערקאָנט, און כ'וואָלט דאַרפן ברענגען סימנים, אַז דאָס בין איך זייער זון, זייער תלמיד, זייער חבר...

אַזעלכע אָנגענעמע מחשבות פלעגן מיר קומען אויפן זינען גאַנץ אָפט, כמעט שטענדיק, ווען כ'האָב נאָר געהאַט פרייע צייט, הגם איך האָב גאַנץ גוט געוואוסט, אַז ס'איז נאָך ווייט דערפון — איידער מ'ענדיקט אַזאַ שול, איידער מ'האַלט נאָך אויס די עקזאַמענעס — ס'איז נאָך אַ סך צו וואַרטן, און ווער ווייס נאָך דעם סוף. ווען איך האָב געהאַלטן אין טראַכטן און חלומען וועגן דעם „טשין", וואָס כ'וועל ווען-ס'איז באַקומען — איז דערוויילע אָנגעקומען אַ באַפעל אין פאָלק, אַז ביי יעדן פאָלק זאָל מען עפענען אַ שול צו לערנען זיך פעלדשעריי. יעדער ראָטע

דאַרף שיקן איין סאָלדאַט אין דער פעלדשער-שול, און אויף אַזאַ אופן וועלן זיך שטענדיק לערנען 16 סאָלדאַטן פאַר פעלדשאַרעס.

אוודאי האָבן אַ סך געוואָלט אַריינפאַלן אַהין אין שול און לערנען זיך פאַר אַ פעלדשער, אָבער אַלעמען קאָן מען דאָך אַהין ניט צונעמען, און דאָ ווענדט זיך שוין אינגאַנצן אָן יעדערנס מזל. צום גליק האָט דער דאָקטאָר פון אונזער דיוויזיע אַ ביסל ליב געהאַט יידן און ער האָט פאַראָרדנט די דאָקטוירים פון די פאָלקן, אַז מען זאָל זען צושיקן אין דער פעלדשער-שול וואָס מער יידן. וויבאַלד אַז דער דאָקטאָר פון דיוויזיע האָט אַזאַ רצון—איז פאַרפאַלן. אים מוז מען פאָלגן, און מ'האָט אָנגעהויבן אויסרופן די יידישע סאָלדאַטן, זיי זאָלן זיך גיין עקזאַמענירן אויף אָנצוקומען פאַר פעלדשאַרעס. אָבער אין די ראָטעס זיינען געווען מער, ווי צו איינציקע יידן, און ווי אַזוי קען איך אַריינפאַלן אין די פעלדשאַרעס? ערשטנס, וועט מען דאָך מסתמא נעמען דורכאויס יידן; צווייטנס, זיינען דאָך יידן פאַראַן מער, ווי וואַקאַנסיעס אין דער פעלדשער-שול. בשעת מען האָט אויסגערופן די יידן פון מיין ראָטע, זיינען אַרויס 5 מאַן און איך אַ זעקסטער. ס'איז מיר גאָרניט איינגעפאַלן, אַז דווקא מיך זאָל מען פאַרשרייבן, ווייל איך בין געווען דער יינגסטער צווישן זיי, און פאַרהערט האָט מען מיך דאָך אויך ניט.

ס'זעט אָבער אויס, אַז גאָט האָט געפירט מיט מיר אַלץ מיט חסד, אַז אומעטום און ביי יעדער געלעגנהייט האָט מען אָן מיר ניט פאַרגעסן און איך בין קיינמאָל ניט געבליבן דער לעצטער. באַלד ווי מען האָט מיר פאַרשריבן—האָט מען ביי מיר צוגענומען דעם ביקס און מען האָט מיר אַוועקגעשיקט אין לאַזאַרעט. גייענדיק אין לאַזאַרעט, האָב איך פאַר זיך געטראַכט און געוואונדערט זיך, ווי אַ מענטש ווייס דאָס קיינמאָל ניט, וואָס מיט אים וועט מאָרגן זיין, ווי מען קען דאָס קיינמאָל ניט אויסרעכענען, ווי און וואָס ס'וועט זיין אין אַ יאָר אָדער אין צוויי יאָר אַרום: אַז געטראַכט האָב איך צו בלייבן אַן אייביקער סאָלדאַט מיטן ביקס אין דער האַנט און—פלוצלונג — גאָר אַ פעלדשער! כ'ווייס נאָך אַפילו ניט, וואָס דאָס איז, כ'האָב אַפילו ניט די קלענסטע פאָרשטעלונג וועגן פעלדשעריי. אָבער יעדנפאַלס האָב איך געוואוסט, אַז דאָס איז ניט גלייך צו אַ פראָסטן סאָלדאַט, אַז יעדער סאָלדאַט וואָלט זיך ווינטשן אַהין אַריינצופאַלן.

איך האָב זיך אָבער געשראָקן: מ׳דאַרף דאָך קאָנען שרייבן רוסיש! מ׳דאַרף דאָך קאָנען חשבונען, אַפילו לאַטיין דאַרף דאָך א פעלד־שער קאָנען! און איך—ניט קיין רוסיש, ניט קיין חשבון, און לאַטיין— פונוואַנען זאָל איך דאָס קאָנען? כ׳האָב בעת־מעשה מורא געהאַט, אַז טאָמער וועל איך ניט טויגן—וועט מען מיר באַלד משלח זיין פון דער פעלדשער־שול, נאָר כ׳האָב זיך אַ ביסל געטרייסט מיט דעם, וואָס אין אונזער ראָטע איז קיין גרעסערער למדן פון מיר ניט געווען. די פויערים האָבן דאָך אַוודאי גאָרנישט געקאָנט, און אַפילו די פינף יידישע סאָל־דאַטן זיינען אויך ניט געווען מער געבילדעט פון מיר. דערצו האָב איך זיך געטראַכט: אַז די נאַטשאַלסטווע האָט מיך אויסגעקליבן און פאַרשריבן— מסתמא ווייסן זיי וואָס זיי טוען.

באַלד אויף מאָרגן האָב איך זיך אַרומגעזען, אַז ס׳איז אַזוי קיין תכלית ניט, אַז אויף ניסים טאָר מען זיך ניט פאַרלאָזן, און אַז מען קען ניט שרייבן—דאַרף מען זיך לערנען. אין אונזער לאַזאַרעט בין איך גע־ווען דער איינציקער ייד און דער איינציקער עם־הארץ, וואָרים די אי־בעריקע זיינען געווען פאָליאַקן, לאַטישן, וועלכע האָבן געקאָנט לייענען אַפילו לאַטיין. איך האָב באַלד פאַרשטאַנען, אַז איך טאָר זיך ניט פאַר־לאָזן אויף ניסים, אַז פאַר מיר פאַסט ניט, אַז איך, אַ יידישער סאָלדאַט, זאָל קענען ווייניקער פאַר זיי. איך האָב זיך ניט לאַנג מיישב געווען, בין אַוועק אין שטאָט, געקויפט אַ ביכל אויף רוסיש, אַ ביכל אויף לאַטיין און כ׳האָב זיך גענומען צום לערנען.

ביכלאַך האָב איך געקויפט, אָבער וואָס טוט מען מיט ביכלאַך, אַז איך פאַרשטיי אַ וואָרט ניט? רוסיש האָב איך קיינמאָל אויף מיין לעבן ניט געקאָנט לייענען, וואָרים אין חדר האָט מען דאָס ביי אונז דאַמאָלסט ניט געלערנט, און זעלטן ווער ס׳האָט ביי אונז אין שטעטל געקאָנט אַ ביסל שרייבן. דערצו איז נאָך די קאָפּ מיינע פאַרגרעבט גע־וואָרן זינט איך בין געוואָרן אַ סאָלדאַט. און וואָס איז דער חידוש? אַזוי־פיל יאָרן פאַרנומען זיך מיט רייניקן דעם ביקס, מיט שטיין „קאַראַאול״, מיט ראַמען די קאַזאַרמעס—ווערט מען טאַקע טעמפּ.

איז מיר די ערשטע טעג יעדער אות און יעדע שורה אָנגעקומען ווי קריעת ים־סוף. כ׳האָב פראָסט געדאַרפט אָנהייבן פון אלף־בית און איינחזרן יעדער אות, איך זאָל עס אויף מאָרגן חלילה ניט פאַרגעסן.

האָב איך טאַקע צוגעהאָרעוועט אַ פּאָר וואָכן, אָבער דערנאָך איז שוין דאָס געגאַנגען גרינגער און גרינגער, ביז כ'האָב שוין אָנגעהויבן פריער לייענען און דערנאָך פאַרשטיין. אויפן צווייטן חודש האָב איך שוין לייכט און געשווינדט געלייענט און געשריבן רוסיש, און אפילו אַ ביסל לאַטיין האָב איך אויך געלייענט. אמת, איך בין געווען פלייסיק—ביי מיר איז אפילו איין רגע ניט אַוועק אָן נוצן. באַלד ווי כ'האָב נאָר געהאַט אַ ווייַלע צייט — בין איך שוין געזעסן ביים ביכל אָדער כ'האָב געהאַלטן אַ פאַפיר און געשריבן.

דערצו האָב איך זיך גענומען צו דער אַרבעט אין לאַזאַרעט גופא. איך בין שוין דאַמאָלסט געווען געניט פראַקטיש צו פאַרשטיין, אַז פון הימל פאַלט קיינזאַך ניט אַראָפּ, אַז פון ווינט ווערט קיינזאַך ניט געבאָרן, און טאָמער וויל מען זיך אויסלערנען אַ וועלכע ס'איז מלאכה אָדער חכמה — מוז מען זיך נעמען מיט אַלע קרעפטן. אין לאַזאַרעט האָב איך זיך די ערשטע זאַך אָנגעהייבן צוקוקן צו די אָפּעראַציעס: ווי מען מאַכט די אָפּעראַציע, ווי מען פאַרבינדט די וואונד, ווי מען היילט דאָס דערנאָך, און ווי מען גייט בכלל אַרום אַ קראַנקן. און אַ מאָדנע זאַך: אַלע חולאים, וואָס זיינען געלעגן אין אונזער לאַזאַרעט, זיינען זייער צופרידן געווען מיט מיין אַרבעט, און אַז איך פלעג צוגיין צום בעטל פון אַ קראַנקן, פלעגט דער חולה מיר אָנווינטשן אַלערליי ברכות, און פלעגט זאָגן, אַז איך האָב אַ מזלדיקע האַנט.

און מ'דאַרף זאָגן דעם אמת: איך פלעג טאַקע זייער אָרנטלאַך באַהאַנדלען די קראַנקע. טאָמער האָט זיך געטראָפן אַ שווערער חולה — האָב איך אים געטרייסט, האָב איך אים געהאָלפן זיך זעצן, זיך לייגן, און אפילו אינמיטן נאַכט האָב איך זיך ניט געפוילט אַראָפּצוגיין צום חולה, אַ טאַפּ טאָן ביי אים דעם פולס, פרעגן וואָס פעלט אים און טאָן פון זיינטוועגן אַלץ וואָס מ'דאַרף.

און ניט נאָר די חולאים, אָבער אויך די עלטערע פעלדשאַרעס זיינען געווען זייער צופרידן פון מיר, און אַ ביסל שפּעטער, ווען איך בין שוין אָפּגעוועזן אַ לענגערע צייט אין לאַזאַרעט, האָט מען שוין אפילו אָנגעהויבן איבערלאָזן מיך אַליין אויף „דעזשורסטווע". איר קענט זיך גאָר ניט פאָרשטעלן, ווי גליקלאַך כ'האָב זיך געשפּירט דעם ערשטן מאָל, אַז איך בין געבליבן איינער אַליין דער גאַנצער בעל־הבית פון לאַזאַ־

רעט! איך בין קיינמאָל ניט געווען קיין גרויסער בעל־גאוה און האָב אַפילו ניט געוואוסט, וואָס דאָס איז האַלטן זיך גרויס. נאָר פונדעסט־וועגן, ווען מ׳האָט מיר די ערשטע עטלאַכע מאָל אַליין איבערגעלאָזט אויף דעזשורסטווע—האָב איך זיך אַליין אויסגעדוכט אין די אייגענע אויגן פאַר אַ גאַנצן פּראָפעסאָר, און מיר האָט זיך בעת־מעשה נאָר גע־וואָלט, אַז מיין טאַטע מיט דער מאַמען זאָלן כאָטש פון דער ווייטנס אַ קוק טאָן אויף זייער גראָטענעם זון, וועלכער איז געוואָרן אַ גרויסער רופא, און זאָלן זיי קלייבן נחת...

אינגיכן האָט אויך דער עלטערער דאָקטאָר באַמערקט, אַז איך נעם זיך זייער פלייסיק פאַר דער אַרבעט, און קומענדיק איינמאָל אין לאַזאַרעט, האָט ער מיר צוגערופן און געפרעגט:

— נו, „פּראָפעסאָר”, ווי גייט דאָס דיר?

— גאַנץ גוט!—וואָשע וויסאָקאָבלאַגאָראָדיע—האָב איך געענטפערט.

— פאַרשטייסטו כאָטש, וואָס דאָס איז אַזעלכעס אַנאַטאָמיע?

— טאַק טאָטשנאָ!

פון דאַמאָלסט אָן פלעגט דער דאָקטאָר גאַנץ אָפט ווייזן מיר, ווי מ׳דאַרף אַרומגיין אַרום אַ חולה, ווי מ׳דאַרף אויסמעסטן די היץ, און ער האָט מיר געהייסן, איך זאָל גוט אויסלערנען וועגן דער צוזאַמענשטעלונג פון דעם מענטשלאַכן קערפּער.—דאָס איז אַנאַטאָמיע—האָט ער געזאָגט, און אַ פעלשער דאַרף וויסן וויפל ביינער אַ מענטש האָט, וויפל אָדערן, ווי זיי רופן זיך, ווי זיי בינדן זיך צוזאַמען; ער דאַרף וויסן וועגן דעם, ווי ס׳פליסט ביים מענטשן די בלוט, ווי ס׳אַרבעט דאָס האַרץ — אַ סך פאַראַן וואָס צו וויסן!

איך האָב זיך גענומען צו דער אַרבעט נאָך מיט מער התמדה. ביי מיר איז קיין איינציקע רגע ניט אַריבער אומזיסט. אָדער איך האָב געלערנט אין ביכל, אָדער איך האָב געשריבן אויף אַ פּאַפּיר, אָדער איך האָב זיך אינטערעסירט מיט יעדער קראַנקהייט פון די פאַרשיידענע חולאים ביי אונז אין לאַזאַרעט. איך האָב געטאָן מיין אַרבעט מיט אַזאַ פלייסי־קייט, אַז איך וואָלט אַוודאי אין פאַרלויף פון נאָך עטלאַכע חדשים גוט אויסגעלערנט זיך אַלץ, וואָס ס׳דאַרף וויסן אַ ״לאַזערט־פעלדשער. אָבער ס׳איז באַשערט געווען, איך זאָל איבעררייסן מיין אַרבעט, אמת ניט אויף אַ לאַנגער צייט. פּלוצלונג איז אָנגעקומען אַ טעלעגראַמע אין פּאָלק־

אַז אונזער גאַנצע דיוויזיע צוזאַמען מיטן לאַזאַרעט דאַרף אַריבערגעשיקט ווערן קיין פּוילן, וואָרים דאָרטן זיינען דאַמאָלסט פאָרגעקומען בונטן.

פאָרן אין פּוילן! פון איין זייט בין איך געווען צופרידן—כ'וועל אומבייטן דעם אָרט און וועל אגב זיין אין אונזערע מקומות. נאָר פון דער צווייטער זייט האָט מיר פאַרדראָסן, וואָס איך דאַרף אינמיטן דערינען איבעררייסן מיין אַרבעט, וואָרים ווער ווייס, ווען מ'וועט קומען אויף אַן אָרט און ווען ס'וועט ווידער זיין פּראַקטיקע צו לערנען זיך די פעלדשעריי. באַלד אָבער האָט זיך אויסגעלאָזן, אַז ניט אַלע פעלדשאַרעס נעמט מען, אַז פריער וועט זיין אַן עקזאַמען, און אַז פאָרן וועלן נאָר די, וואָס וועלן אויסהאַלטן גוט דעם עקזאַמען.

אייגנטלאַך וואָלט איך זיך אפשר גאָר דאָס האַרץ ניט אָפּגעגעסן: מילא, וועל איך בלייבן אויף אַן אָרט! ס'איז אָבער געווען אַ סברה, אַז די, וואָס וועלן אַפילו ניט אויסהאַלטן דעם עקזאַמען, וועלן אויך פאָרן, נאָר זיי וועלן דאָרטן אַרבעטן ניט אַלס פעלדשאַרעס, נאָר אַלס באַדינער און משרתים, און דאָס איז מיר ניט אָנגעשטאַנען.

די פעלדשעריי האָב איך אַפילו געקאָנט זייער גוט; כ'האָב פאַרשטאַנען, ווי אַרומצוגיין אַרום אַ חולה, כ'האָב געקענט גוט איבערבינדן אַ וואונד, כ'האָב לייכט איבערגעלייענט אַ רעצעפּט און האָב אַפילו געוואוסט אַ ביסל אַנאַטאָמיע אויך. געשראָקן האָב איך זיך גאָר פאַר אַן אַנדער זאַך: טאָמער פרעגט מען ביי מיר די רוסישע גראַמאַטיקע! אַ מאָדנע זאַך: קיין זאַך איז מיר ניט אַזוי שווער געווען אויסצולערנען זיך, ווי די רוסישע גראַמאַטיקע! כ'פלעג אַלע טאָג קוקן אין ביכל, כ'פלעג אַלע טאָג חזרן אויף אויסווייניק די כללים פון דער גראַמאַטיקע, און ס'האָט גאָרנישט געהאָלפן: אויף מאָרגן פלעג איך דאָס אַלץ ווידער פאַרגעסן. וואָס טוט מען דאָ? ס'ווילט זיך אַזוי ניט דורכפאַלן, און אויב מען וועט אויפן עקזאַמען טאַקע פרעגן גראַמאַטיקע—בין איך אַ פאַרפאַלענער מענטש! כ'האָב געטראַכט אַהער, געטראַכט אַהין, און האָב באַשלאָסן ווידער נעמען זיך צום אַלטן מיטל: בעטן ביי גאָט, אַז ער זאָל מיר דורכטראָגן אין דער שווערער מינוט. עפּעס האָב איך דאָך שוין געוואוסט פון פריער, אַז אין שווערע צייטן האָט מיר גאָט אויסגעהאָלפן און כ'האָב אַ גאַנצע נאַכט געזאָגט תהילים און געבעטן ביים רבונו־של־עולם רחמים. און מיינט איר, אַז ס'האָט ניט געהאָלפן? אויף מאָרגן

טאַקע האָט מען מיר עקזאַמענירט און כ׳האָב אויסגעהאַלטן בעסער פון אַלעמען! אַז גאָט וויל, גיט ער אַריין דעם אויבער־דאָקטאָר אַזאַ דעה, ער זאָל ביי מיר פרעגן אַלץ, נאָר קיין גראַמאַטיקע ניט. און וויבאַלד כ׳בין פטור געוואָרן פון דער פאַרפלוכטער גראַמאַטיקע—האָב איך שוין פאַר קיין זאַך קיין מורא ניט געהאַט.

אויף מאָרגן האָט מען אונז אָוועקגעפירט אין מתים־שטיבל, וואָס ביים לאַזאַרעט, כדי מיר זאָלן זיך אויסלערנען פ אַ ל מ ע ס ן קערפּערס. און דאָס איז פאַר מיר געוועזן אַזוי שרעקלאַך, אַז דער גאַנצער גוף האָט מיר געטרייסלט פאַר מורא. פאַר גראַמאַטיקע האָב איך דאָך שטאַרק מורא געהאַט, אָבער פאַר פאַלמעסן מענטשלאַכע קערפּערס האָב איך זיך נאָך מער געשראָקן.

באַוויזן האָט אונז די נייע שטיקל אַרבעט אַן אַלטער פעלדשער, וואָס האָט זיך שוין אויף זיין לעבן אָנגעזען אַלץ אין דער וועלט, און קיין זאַך איז אים שוין ניט געוועזן שרעקלאַך. דערצו איז ער טאַקע, זעט אויס, געוועזן לויט דער נאַטור זייער אַ שלעכטער. און ער האָט געשניטן מענטשישע פלייש מיט דערזעלבער קאַלטקייט און רואיקייט, ווי ער וואָלט געשניטן אַ הערינג. ווען דער אַלטע צורר האָט אָנגעהויבן שניידן מיט אַ שאַרפן מעסער דאָס האַרץ פון אַ טויטן גוף—האָט מיר באַלד אַ קלאַפּ געטאָן אַ שטאַרקע היץ אין קאָפּ, און ס׳איז מיר תיכף געוואָרן אַזוי ניט־גוט, אַז איך בין געוואָרן בלאַס ווי די וואַנט און איך בין געוועזן נאָענט פון חלשות. דאָס האָט באַלד באַמערקט דער אַלטער פעלדשער, און ער איז תיכף אַריין אין אַזאַ כעס, אַז כ׳האָב געמיינט — ער צעטרעט מיר מיט די פיס. אָנשטאָט צו געבן מיר אַ ביסל קאַלטע וואַסער און מיר אָפּחיהן — האָט ער אָנגעהויבן שרייען אויף מיר מיט אַזאַ רציחה, אַז איך בין אַ צעציטערטער געוואָרן. ער האָט אויף מיר געשריען, און די ניט־גוטקייט איז אַלץ שטאַרקער געוואָרן — כ׳האָב געמיינט, אַז איך בלייב דאָרט ליגן אויף אַן אָרט, און איך ווייס ניט, מיט וואָס דאָס וואָלט זיך געענדיקט, ווען ס׳גייט ניט אַריין פּלוצלונג דער דאָקטאָר, וועלכער האָט מיר געגעבן עפּעס אַ שמעק טאָן פון אַ פלעשעלע און האָט מיך אַ ביסל אָפּגעראַטעוועט.

מילאָ דער אַלטער פעלדשער איז אוודאי אַ שלעכטער, אַן אמתער רשע, אָבער איינס צו דאָס אַנדערע האָט דאָס ניט: פאַר אַ סאָלדאַט,

וואָס לערנט זיך פעלדשעריי, פּאַסט ניט צו זיין ווי אַ יידענע, וואָס קען קיין זאַך ניט צוזען. וויבאַלד איך בין אַ פעלדשער—מוז איך קאָנען פאַרטראָגן אַלץ אין דער וועלט, און אַז מ׳דאַרף פּאַלמעסן אַ טויטן קערפּער—העלפט קיין טענות ניט. האָב איך זיך טאַקע גענומען אין די הענט אַריין, און צייט עטלאַכע טעג בין איך געוואָרן גאָר אַן אַנדערער. די ערשטע עטלאַכע טעג האָב איך נאָך אַפּילו געליטן דערפון — אַז איך קען דאָס פּאָרט ניט צוזען! אָבער כ׳האָב אָנגענומען אַלע מיטלען, כּדי איך זאָל זיך ווי ס׳איז צוגעוויינען. איך האָב אַפילו עטלאַכע מאָל פאַרן אַריינגיין אין מתים=שטיבל גענומען אַ גלעזעלע בראַנפן, כּדי איך זאָל ווערן אַ ביסל פעסטער ביי זיך.

אַזוי בין איך געגאַנגען אַ וואָך צייט אויף פּראַקטיקע, ביז איך בין שוין ביי זיך אַליין געוואָרן אַ גאַנצער „כירורג״.

ווען מיר אַלע האָבן שוין גוט געקאָנט די מלאכה פון פּאַלמעסן, האָט אונז דער עלטסטער דאָקטאָר געהייסן גיין אין דער מיליטערישער שניידער=מאַסטערסקאַיע, וואו מען וועט אויף די קליידער צונייען גאַלונעס. דאָס האַרץ האָט אָנגעהויבן ביי מיר שטאַרקער צו קלאַפּן פון שמחה: עפּעס אַ קלייניקייט — איך וועל טראָגן בלישטשעדיקע פּאָגאָנעס! און אַזוי איז דאָס טאַקע געוועזן: אויף מאָרגן האָט מען מיר אָנגעבייט די גאַלונעס, און פּראָסטע סאָלדאַטן האָבן מיר אָפּגעגעבן „ט ש ע ס ט״!

די בלישטשעדיקע גאַלונעס האָבן מיר צוגעגעבן אַזויפיל מוט, אַז איך בין ממש יינגער געוואָרן אויף עטלאַכע יאָר. אַז איך פלעג אַ קוק טאָן אַמאָל אין שפּיגל און דערזען דאָרטן מיינע עפּאָלעטן פון אַן אונטעראָפיצער—פלעגט מיר אַזוי שטאַרק אָנהייבן קלאַפּן דאָס האַרץ, אַז כ׳האָב געמוזט בעת=מעשה מיט אַ כּיוון אָנהייבן טראַכטן וועגן עפּעס אַן אומעטיקע זאַך, כּדי צו פאַרטרייבן אַ ביסל מיינע פריילאַכע געדאַנקען. איבערהויפּט האָט מיך געפרייט און הנאה געטאָן, וואָס דאָס אַלץ, דעם גאַנצן כבוד, האָב איך זיך דערדינט בלייבנדיק אַ ייד; אַז גרינבלאַטקלעזמער האָט טאַקע באַקומען אַ העכערן טשין, אָבער ער האָט דאָך געמוזט אַוועקוואַרפן זיין גאָט, זיין פאָלק, זיין אמונה און אַלץ, וואָס אים איז אַמאָל אַזוי געוועזן טייער און הייליק. און איך — אמת, כ׳האָב געליטן לענגער פון אים, אָבער איך בין דאָך געבליבן געזונט אויף אַלע איברים און טראָג עפּאָלעטן פון אַן אונטעראָפיצער!

אַז איך פלעג אַריינקומען אין פּאַלאַטע פון די קראַנקע — האָבן מיר אַלע חולאים באַגעגנט גאָר עפּעס מיט אַ באַזונדער פריינדלאַכקייט. פריער האָבן מיך די קראַנקע אויך ליב געהאַט, וואָרים כ׳פלעג זיך מיט זיי באַגיין זייער גוט און האַרציק. טאָמער האָט אַמאָל אַ קראַנקער ביי מיר עפּעס געבעטן — האָב איך שטענדיק ערפילט זיין בקשה, און איך פלעג זיך ניט פוילן אָפּצושטיין לעבן זיין בעטל אַן איבעריקע האַלבע שעה, אַבי ער זאָל זיך שפירן בעסער און זאָל ניט פאַרלירן די האָפענונג. ס׳איז אָבער צו מיר ניט געווען אַזאַ צוטרוי—פאָרט אַ פּראָסטער סאָלדאַט צוגלייך מיט אַלעמען! איצט אָבער, אַז איך האָב אָנגעטאָן מיינע עפּאָלעטן און דער עולם סאָלדאַטן פלעגט מיר מוזן באַגריסן און אָפּגעבן „ט ש ע ס ט" — האָבן אַלע אָנגעהויבן קוקן אויף מיר גאָר מיט אַנדערע אויגן, און איך אַליין האָב זיך אויך אָנגעהויבן פילן זיכערער, פעסטער און שטאָלצער.

דערצו האָט דער אויבער-דאָקטאָר אַלע מאָל מיך גערופן, איך זאָל זיין ביי אָפּעראַציעס, וואָס ער מאַכט פּריוואַטע לייט—ניט קיין מיליטער— און דאָרטן פלעג איך שוין אָפטמאָל באַקומען קלענערע און גרעסערע מטבעות פאַר מיין טירחה. אַז ס׳איז אַריבער אַ האַלב יאָר צייט, האָב איך שוין פאַרמאָגט היבשע עטלאַכע רובל, און זייענדיק געזונט און שטאַרק מיט בלישטשעדיקע עפּאָלעטן אויף די בגדים — האָב איך זיך געפילט גליקלאַך.

אַזוי האָב איך אָפּגעלעבט אין מיין לאַזאַרעט גאַנצע צוויי יאָר, און איך בין דאָרט געווען דער גאַנצער בעל-הבית. אויפן דריטן יאָר איז מיר אויסגעקומען צו שיידען זיך מיט מיין לאַזאַרעט, וועלכן כ׳האָב אַזוי ליב באַקומען און וואו כ׳האָב איבערגעלעבט אַזויפיל ליכטיקע טעג. פון אונזער פּאָלק האָט מען קאָמאַנדירט אַ טייל סאָלדאַטן אויף קאַווקאַז, אַזש אין סטאַווראָפּאָל, און איך האָב זיי געדאַרפט באַגלייטן אַלס פעלדשער. לכתחילה האָט זיך מיר אַפילו זייער ניט געוואָלט פאָרן אין אַזאַ ווייטן וועג, וואָרים ס׳האָט זיך מיר פּראָסט ניט געוואָלט שיידן זיך מיט די אַלע, וואָס האָבן מיר שוין ליב באַקומען און וועלכע האָבן מיר אָפּגעגעבן גרויס כבוד. דערנאָך האָב איך ביי זיך באַשלאָסן, אַז ווי ס׳מאַכט זיך דאַרף זיין גוט, אַז פון קיין זאַך טאָר מען זיך ניט אָפּזאָגן, וואָרים

מ׳ווייס קיינמאָל ניט, וואו דער גליק ליגט באַהאַלטן און וואו דיר דאַרף זיין גוט אָדער חלילה שלעכט.

קיין באַנען זיינען נאָך אין יענע יאָרן ניט געווען אויף יענעם וועג, און אַ מהלך פון טויזנטער וויאָרסטן איז אונז אויסגעקומען צו פאָרן מיט פערד. דער וועג איז געווען פאַר מיר גאַנץ אָנגענעם, וואָרים אונזער קאָמפּאַניע איז געווען אַ יונגע, אַ פריילאַכע—אַלע געזונטע, שטאַרקע און לוסטיקע, און ס׳איז געווען זייער אָנגענעם צו בייטן אַלע טאָג דעם אָרט: וואו דו ביזט נעכטן געווען—ביזטו שוין ניט היינט, און וואו דו געפינסט זיך היינט—וועסטו שוין מאָרגן ניט זיין. דערצו זיינען דאַמאָלסט געשטאַנען שיינע וועטערן, די ערטער און דער גאַנצער געגנט, וואו מיר זיינען געפאָרן, זיינען אויך געווזען אויסערגעוויינלאַך שיין, און איך האָב אמת הנאה געהאַט פון דער לאַנגער נסיעה. בשעת מיר האָבן זיך אָפּגעשטעלט אָפּרוען עפּעס אין אַ דאָרף פון אַ קאָזאַקן=באַפעלקערונג, איז מיר נאָך אויסגעקומען צו ראַטעווען אַ מענטשן מיט מיין „דאָקטאָריע“, און דאָס האָט מיר אויך פאַרשאַפט פאַרגעניגן און הנאה.

ס׳איז געווען אַזאַ מעשה: פאַרנאַכט, ווען איך, צוזאַמען מיט נאָך אייניקע העכערע סאָלדאַטן, זיינען געזעסן ביים פענסטער און האָבן צווישן זיך געשמועסט וועגן פאַרשיידענע זאַכן, איז געקומען צו לויפן איינער אַן עלטערער קאָזאַק און אָנגעהויבן בעטן רחמים, אַז איך זאָל גיין אַ קוק טאָן ביי אים אין שטוב אַ שווערן חולה, וועלכער מאַטערט זיך שוין מיט דער גסיסה. פונוואַנען דערדאָזיקער קאָזאַק האָט זיך דערוואוסט, אַז איך בין דאָס דער פעלדשער, ווייס איך ניט, אָבער קלערן אַ סך איז ניט געווען מעגלאַך: דער קאָזאַק איז ניט אָפּגעטראָטן און האָט געבעטן רחמים, איך זאָל אויף אים רחמנות האָבן און גיין באַטראַכטן זיין געפערלאַכן חולה.

ביי זיך האָב איך אַפילו געטראַכט, אַז ס׳איז נעבאַך אַ רחמנות אויפן קאָזאַק און נאָך מער אויף דעם גוסס, וואָרים, וואָס קען העלפן אַזאַ „מומחה“ ווי איך? סך=הכל האָב איך גאָר מיינע למדנות באַקומען נאָר אין אונזער לאַזאַרעט, און מיינע קענטענישן זיינען דאָך אַזעלכע קליינע, אַז קוים, וואָס איך לייען דורך אַ לאַטיינישן רעצעפּט. אָפּזאָגן זיך אָבער איז אויך געווען ניט לייכט, און איך בין אַוועקגעגאַנגען צום חולה. אַז איך בין אַריין אין שטוב, וואו ס׳איז געווען דער קראַנקער,

האָב איך באַלד באַמערקט אַ הויכן לאַנגן מאַנסביל, אויסגעצויגן אין בעט מיט פאַרמאַכטע אויגן, מיט אַ פנים אָן אַ טראָפּן בלוט און קיין סימן פון קיין אָטעם איז ביי אים ניט געווען, טאַקע אַזוי ווי די נשמה האָט זיך שוין לאַנג געשיידט מיטן גוף. כ׳האָב זיך אַנידערגעזעצט לעבן זיין בעט און האָב אים אָנגעהויבן באַטראַכטן. איך זע, אַז דאָס איז אַ שווערער חולה, אַז ער האָט געדאַרפט האָבן אַ גרויסן דאָקטאָר, אפשר אַ פראָפעסאָר, און דאַמאָלסט איז אויך גאָט ווייס, וואָרים ס׳איז דאַכט זיך צו שפּעט: ס׳זיינען שוין ביי אים אויסגעגאַנגען די לעצטע כוחות. וואָס זאָל איך דאָ טאָן? וואָס טראַכט מען עפּעס צו פאַר אים פאַר אַ רפואה? צום גליק האָב איך ביי זיך געהאַט אַ קליינעם ביכעלע, אין וועלכן ס׳זיינען געווען זייער גענויע ערקלערונגען וועגן אַ סך קראַנקהייטן, און מיר איז גאָרנישט געבליבן קיין אַנדער זאַך, סיידן ווענדן זיך נאָך אַן עצה צום ביכעלע. כ׳האָב אַ בלעטער געטאָן אַ הער, אַהין, און איך האָב זיך אָפּגעשטעלט אויף איין בלעטל, וואו ס׳האָט זיך גערעדט וועגן אַזאַ מין קראַנקהייט. איך האָב זיך אויפגעהויבן, האָב נאָך אַמאָל באַטראַכט דעם חולה, און האָב אָנגעשריבן מיט אַ ציטערדיקער האַנט אַ רעצעפּט, דערביי האָב איך פאַראָרדנט, אַז מ׳זאָל דעם קראַנקן מאַכן דריי וואַנעס. מיט אַ טרויעריק געמיט בין איך אַרויסגעגאַנגען פון דאָרטן, וואָרים איך אַליין האָב אויך ניט געגלויבט, אַז כ׳האָב צוגעטראָפן די קראַנקהייט.

צו מיין גרויסן וואונדער אָבער איז אויף מאָרגן געקומען צו לויפן צו מיר דער קאָזאַק און האָט מיר אָנגעהויבן דאַנקען, וואָס איך האָב געראַטעוועט זיין חולה. לאָזט זיך אויס, אַז ער איז ביסלאַכווייז געוואָרן בעסער און בעסער, ביז ער האָט שוין אויפגעעפנט די אויגן און האָט אַפילו אָנגעהויבן אַ ביסעלע צו ריידן.

אַוודאי בין איך געווען צופרידן, וואָס מיין רעצעפּט האָט געווירקט און דער חולה האָט זיך אָנגעהויבן פאַרבעסערן. נאָר כ׳האָב זיך קיינמאָל ניט געקאָנט פאָרשטעלן, אַז מ׳זאָל דערפאַר אָפּגעבן אַזויפיל כבוד און אַז וועגן דעם זאָל זיך דערוויסן מיין העכערע נאַטשאַלסטווע.

אין אַ פאָר טעג אַרום, ווען איך האָב שוין געהאַלטן ביים אָפּפאָרן צוזאַמען מיט דער איבעריקער קאָמאַנדע, בין איך נאָכאַמאָל אַריין געוואָר וווערן מיין פּאַציענט. איך האָב אים שוין געטראָפן זיצנדיק, און אויף זיין פנים איז געווען קאָנטיק, אַז ער איז טאַקע אַזוי ווי געקומען

פון יענער וועלט. ווען די שטוביקע—די קרובים און פריינד—האָבן מיך דערזען, זיינען אַלע אויפגעשטאַנען פון די ערטער, און יעדערער האָט געהאַלטן פאַר זיין חוב אויסצודריקן מיר זיין דאַנקבאַרקייט, וואָס איך האָב מיט מיינע גרויסע דאָקטאָרשע קענטעניש געראַטעוועט דעם מענטשן פון טויט. אויסער דעם האָט מען באַלד אָנגעשטעלט אויפן טיש פון כל־טוב. די קאָזאַקן אין יענעם געגנט האָבן געלעבט זייער רייך—זיי האָבן געהאַט אַ סך ערד, פיל גערטענער און סעדער, און ביי זיי אין שטוב האָט זיך געפונען פון אַלץ אין דער וועלט. מ׳האָט מיך מכבד געווען מיט וויין, מיט וויינטרויבן, מיט אַלערליי פישן, מיט אייער, מיט פוטער, מיט פרוכטן און מיט נאָך אַנדערע „כיבוד". אויסער וואָס מען האָט מיך דאָרטן אויפן אָרט געצוואונגען צו פאַרזוכן פון אַלץ—האָט מען מיר נאָך געגעבן אַ גאַנצע קאָרב מיט פאַרשיידענע גוטע זאַכן מיט זיך אויפן וועג. פאַרן אָפּזעגענען זיך האָט דער אַרומיקער עולם פון דאָס ניי געדאַנקט מיר און געבענטשט, און דער פאַציענט אַליין—אַ בלייכער נאָך, אָבער שוין מיט לעבעדיקע אויגן—איז צוגעגאַנגען צו מיר, האָט זיך פריער פאַרנייגט און דערנאָך—אַ קוש געטאָן מיר אין האַנט.

איבערהויפּט בין איך געווען צופרידן, וואָס אַלע האָבן דאָ געוואוסט, אַז איך בין אַ ייד, און דאָס איז געווען אַ כבוד פאַר מיין פאָלק, וועלכער פאַרמאָגט אַזעלכע גוטע מענטשן. דאָ האָט מען ווידער אַפילו געפּרובט פרעגן ביי מיר, פאַרוואָס איך שמד זיך ניט. „מ׳וואָלט דאָך דיר געמאַכט אפשר פאַר אַ גאַנצן פּראָפעסאָר" — האָט איינער געזאָגט. „אַזאַ קאָפּ—האָט געזאָגט אַ צווייטער—וואָלט געקאָנט ווערן אַ י ע ס א ו ל" (אַזאַ נאַטשאַלניק ביי די קאָזאַקן). ווען איך האָב אָבער געענטפערט, אַז יעדער דאַרף האַלטן טייער זיין אייגענע אמונה, אַז גאָט איז איינער פאַר אַלעמען, און אַלע אמונות זיינען ביים אויבערשטן גלייך טייער—איז דאָס אַלעמען געפעלן געוואָרן, און צווישן זיך האָט זיך דער עולם געסודעט און געטייט אויף מיר מיט די פינגער: „אַ קלוגע קאָפּ! אַ מאָלאָדיעץ!"

אויף דער קאָמאַנדיראָווקע האָב איך פאַרבראַכט ניט לאַנג. בלויז עטלאַכע וואָכן זיינען מיר נאָך אַרומגעפאָרן אין דעמדאָזיקן ווייטן געגנט פון קאַווקאַז, וואו כ׳האָב אָנגעזען פאַרשיידענע מענטשן מיט פאַרשיידענע פנימער און כאַראַקטאָרן; דערנאָך האָבן מיר זיך אומגעקערט צוריק. ווען איך בין געקומען אויף מיין אַלטן אָרט, האָב איך זיך באַלד גע־

מעלדעט צום דאָקטאָר פון דער דיוויזיע און צום פּאָלקאָווניק מיט אַ ראַ־פּאָרט. דער דאָקטאָר האָט מיך אויפגענומען אויסערגעוויינלאַך פריינד־לאַך; שטייענדיק גלייך ווי אַ סטרונע אַנטקעגן אים, האָב איך אויף קיין פאַל ניט געקאָנט פאַרשטיין, פאַר וועלכע מעשים־טובים קומט דאָס מיר אַזאַ גוטער און פריינדלאַכער קבלת־פנים. אייגנטלאַך האָט ער מיר נאָך דערוויילע קיינע שום קאָמפּלימענטן ניט געזאָגט. ער איז בלויז געזעסן אונטערגעשפּאַרט דעם קאָפּ אויף דער רעכטער האַנט און האָט געהאָרכט מיין ראַפּאָרט. אָבער ער האָט כסדר אונטערגעשמייכלט און האָט דורכ־אויס איבערגעחזרט: שרעק זיך ניט, שרעק זיך ניט—דערציייל און רייד „סמעלע!"

אַז איך האָב געענדיקט מיין ראַפּאָרט, האָט זיך דער דאָקטאָר אויפגעהויבן פון אָרט און געזאָגט:

— אַ מאָלאָדיעץ ביסטו, מערימזאָן! אָבער ס'איז פאַראַן אויף דיר אַ זשאַלאָבע...

ווי איך האָב דערהערט אַזעלכע דיבורים, בין איך תיכף געוואָרן בלייך ווי די וואַנט; ס'האָבן מיר אָנגעהויבן טרייסלען די הענט און די פיס. וואָס קאָן דאָס זיין: וואָס פאַר אַן עבירה האָב איך דאָס געקאָנט טאָן? איך האָב אָנגעהויבן דערמאָנען זיך אַלע מיינע מעשים פאַר דער גאַנצער צייט, וואָס איך בין געוועזן אין דער קאָמאַנדיראָווקע, און כ'האָב בשום אופן ניט געקאָנט געדענקען, וואָס פאַר אַ חטא איך האָב געטאָן. אָבער וואָס העלפט דאָס, אַז ס'איז פאַרט פאַראַן אויף מיר עפּעס אַן עבירה! כ'האָב שוין געוואַרט אויף מיין פסק, וואָס דער דיוויזיע־דאָק־טאָר וועט באַלד איבערלייענען, און באַלד טאַקע האָט דער דאָקטאָר אַרויסגענומען עפּעס אַ דאָקומענט פון זיינע פּאַפּירן און האָט געזאָגט:

— פאַר דער זשאַלאָבע קעגן דיר וועסטו באַקומען דעם טשין פון אויבער־פעלדשער; דו פאַרשטייסט, מערימזאָן? דו וועסט ווערן דער „סטאַרשי" פעלדשער!

בשעת־מעשה בין איך פון שמחה אַזוי צעטומלט געוואָרן, אַז איך האָב ממש ניט געוואוסט, וואו איך בין אין דער וועלט. אַ קליינ־קייט דאָס איז?! געוואַרט האָב איך אויף אַ שווערער שטראָף, די סאָלדאַטן פלעגט מען ניט שאַנעווען און פאַר די קלענסטע זאַך האָט מען געמשפּט זייער שטרענג. און אויסגעלאָזן האָט זיך גאָר, אַז איך באַקום אַ העכערן

שׁין! „ס ט אַ ר ש י-פעלדשער"—אַ שפּילכעלע דאָס איז! איך בין געשטאַ־נען אַנטקעגן דאָקטאָר אַ צעטומלטער און האָב ניט געוואוסט, וואָס איך זאָל אויף דעם ענטפערן, ווייל איך האָב ניט געקאָנט משער זיין, פאַר וואָסערע מעשים-טובים קומט מיר אַזאַ טייערע מתנה. דער דאָקטאָר האָט אָבער באַלד ווייטער געזאָגט:

— דו ביסט אַ מאָלאָדיעץ, מערימזאָן, מ'קאָן זיך אויף דיר פאַר־לאָזן. ווי אַזוי האָסטו דאָס דאָרטן אויף קאַווקאַז אויסגעהיילט אַזאַ שווערן חולה? צוליב דיר האָט מען דאָרטן געגעבן אַדאַנק דעם דאָקטאָר פון פּאָלק, און אַהער האָט מען צוגעשיקט אַ דאָקומענט וועגן דיר.

איצט האָב איך שוין פאַרשטאַנען, וואָס דאָ טוט זיך; כ'האָב זיך אָבער געוואונדערט, ווי אַזוי קומט דאָס, אַז מ'זאָל וועגן אַ קליינינקייט געבן צו וויסן אַזש אַהער, און מ'זאָל בכלל וועגן דעם ריידן. אָבער ווי די מעשה זאָל ניט זיין—די נסיעה אויף קאַווקאַז האָט מיר קיין שאָדן ניט געבראַכט. ווען איך זיץ אויף אַן אָרט, וואָלט געוויס אַזוי גיך ניט געקומען אַזאַ גליקלאַכער צופאַל, מ'זאָל וועגן מיר אַזויפיל ריידן און מ'זאָל מיך באַשטימען פאַר אַן אויבער-פעלדשער. ווידער איז מיר גע־קומען אויפן געדאַנק, אַז דער אויבערשטער טוט מיט מיר כסדר נייע חסדים פאַר מיין טריי זיין מ י י ן אמונה און פאַר דעם, וואָס איך לאָז זיך ניט פאַרפירן פון כלערליי הבטחות, וואָס מ'זאָגט מיר צו, ווען איך וועל זיך שמדן.

אָט אַזוי דרייט זיך דאָס די רעדל. איינער ווערט דערהויבן, דער אַנדערער ווערט דערנידערט, און מען ווייס קיינמאָל ניט, פונוואַנען ס'קומט דיר דער גליק און פונוואַנען דער אומגליק.

דער אַלטער פעלדשער פון אונזער לאַזאַרעט, וועלכער האָט אַמאָל אַזוי שטאַרק געשריען אויף מיר, פאַרוואָס איך קאָן ניט קוקן, ווי מ'פאַל־מעסט אַ מענטשן—ער אַליין האָט אָנגעהויבן ווערן ביסלאַכווייז שוואַכער און שוואַכער, ביז ער איז אין אַ קורצער צייט אַרום געשטאָרבן. וואָס ס'קאָן טרעפן: איך, וועלכער האָב ניט געקאָנט שטיין נאָענט און צוזען, ווי מען שניידט אַ מענטשן, און וועלכער האָט באַקומען געזידלט פונם אַלטן פעלדשער—איך בין דאָס איצט געוואָרן דער גאַנצער כירורג ביי אונז אין לאַזאַרעט און מיר איז אַפילו אויסגעקומען צו פאַלמעסן אים אַליין, דעם אַלטן אויבער-פעלדשער.

ס׳פאַרשטייט זיך, אַז איך בין געוואָרן דער גאַנצער בעל־הבית איבערן לאַזאַרעט. איך האָב געהאַט די גאַנצע דעה אין די פּאַלאַטעס פון די חולאים, און אונטער מיין השגחה האָט זיך געפונען אויך די קיך און אַלע איבעריקע בנינים, וואָס זיינען שייך צום לאַזאַרעט. ס׳איז קיין חי־דוש ניט, וואָס אַלע באַדינער האָבן מיר ניט אויפגעהערט צו חנפען, און יעדער האָט געהאַלטן פאַר אַ גרויסן כבוד, אַז איך האָב אַמאָל מיט אים פריינדלאַך גערעדט. אַלע האָבן מיר אָנגעהויבן האַלטן פאַר אַ וויכ־טיקן נאַטשאַלניק, און יעדער האָט געהאַלטן פאַר זיין חוב איינצולאַדן מיך אין געסט צו זיך און זעצן מיך דווקא אויבנאָן. אַזוי פלעג איך אין די פרייע צייט גיין צו איינעם אויף חתונה, צום אַנדערן אויף אי־מענינעס, און אומעטום בין איך געוועזן זייער אַן אָנגעלייגטער אורח, הגם איך בין אַ ייד.

אַזוי זיינען געפלויגן די יאָרן. איך בין שוין געוואָרן ניט קיין יונגער בחורל. גאַנץ אָפט פלעג איך אריינפאַלן אין אַזויגע מחשבות, פון וועלכע ס׳פלעגט ביי מיר דורכגיין אַ שוידער איבערן לייב. ס׳איז גוט צו זיין אַסאָלדאַט אויך—פאַרוואָס ניט? בשעת מען דאַרף דינען—איז געדינט! אָבער ווי ניט גוט דאָס איז, ווען מ׳זעט ניט דעם סוף און מ׳ווייס ניט, אויף וואָס צו וואַרטן, אויף ווען צו וואַרטן און צי מ׳דאַרף בכלל וואַרטן.

אָבער אין יאָר 1874 איז אַרויס דער נייער געזעץ וועגן די רעק־רוטן פון די קאַנטאָניסטן, און ס׳איז געוואָרן קלאָר, אַז גאָר אינגיכן וועט מען מיר אינגאַנצן באַפרייען פון דינסט. דעם אמת געזאָגט, האָב איך בעת־מעשה אַליין ניט געוואוסט, צי זאָל איך זיך פרייען, צי זאָל איך זיך ניט פרייען—אַז איך ווייס ניט, צי ס׳איז פאַר מיר גוט צי שלעכט! פון איין זייט ווילט זיך אוודאי פטור ווערן פון דער ס אָ ל ד אַ ט ש י נ ע און אַרויסלויפן אויף דער פרייער וועלט. פון דער אַנדער זייט אָבער האָב איך גאַנץ גוט געוואוסט, אַז פאַר דער צייט פון מיין „סלוזשבע״ בין איך געוואָרן גאָר אַן אַנדערער; אמת, איך בין געבליבן ביי מיין יידישקייט און האָב מיין אמונה ניט פאַרקויפט, אָבער וואָס פאַר אַ ייד בין איך איצט? אַזויפיל יאָרן אָפּגעלעבט צווישן פויערים, צווישן סאָל־דאַטן, און ווי קום איך איצט צו יידן? אַז איך וועל קומען איצט צו מיי־נע עלטערן אין שטעטל—וועט מיר קיינער ניט דערקענען, וואָרים ס׳איז

מיר דאָך שוין אַפילו שווער געוואָרן צוזאַמענריידן זיך מיט יידן אויף יידיש. היינט בין איך דאָך אַזוי פרעמד געוואָרן פון אַלע יידישע מנהגים, אַז איך וועל צווישן די שטעטלשע יידן אויסזעען ווי אַ משומד.

ס׳איז נאָך אַפילו ניט געווען באַשטימט, ווען מ׳וועט מיך אָפלאָזן אַהיים, אָבער איך האָב געוואָלט וואָס גיכער אָנהייבן צוגרייטן זיך, כדי איך זאָל קענען עפּעס אויפטאָן ביזן סוף פון דער סלוזשבע. די ערשטע זאַך האָב איך ניט געוואָלט אומקערן זיך אַהיים אַן עם־הארץ, וואָרים מיינע עלטערן וועלן געוויס האָבן דערפון צער, און מיר האָט זיך ניט געוואָלט אָפּעסן זיי דאָס האַרץ אויף די עלטערע יאָרן. האָב איך געטראַכט און געטראַכט און ביי מיר איז געבליבן אָנצוהויבן לערנען זיך אַ ביסל יידישקייט ביי דעם שוחט, וואָס האָט געוואוינט אין שטאָט. ס׳איז מיר אַפילו ניט גאָר לייכט געווען אַלע טאָג אָפּגעבן אַזויפיל צייט, כ׳האָב אָבער פּאָרט געוואָלט קומען אַהיים אַ שטיקל למדן, און אַלע טאָג בין איך צו אים געגאַנגען לערנען. לכתחילה האָט דער שוחט מיט מיר איבערגעחזרט אַלץ, וואָס איך האָב אַמאָל געלערנט אין חדר, און דערנאָך האָט ער מיר ערקלערט אַ סך לשון־קודשדיקע ווערטער אויף יידיש.

צום באַדויערן האָב איך לאַנג ניט געקאָנט לערנען זיך ביים שוחט, ווייל אויף זומער האָט מען אונז אַרויסגעשיקט אונטער מאָסקווע אין אַ לאַגער. נאָר דאָרטן בין איך אויך ניט געזעסן ליידיק: כ׳האָב מיט זיך געהאַט אַ פּאָר ספרים אויף יידיש און האָב יעדע פרייע מינוט אויסגענוצט, כדי איינצוחזרן די נייטיקע ווערטער, וואָס יעדער ייד מוז וויסן. ס׳איז אַריבערגעגאַנגען נאָך אַ האַלב יאָר, און אָט איז געקומען דער סוף: מ׳האָט מיך באַפרייט!

סאַר אַ שמחה דאָס וואָלט פאַר מיר געווען, ווען מ׳לאָזט מיך אָפּ אַהיים מיט צען יאָר צוריק, ווען אַלע זכרונות זיינען נאָך געווען ביי מיר אַזוי פריש און ווען מיך האָט דורכאויס געצויגן צו מיין אייגענעם טאַטן־מאַמען. דאַמאָלסט וואָלט איך אַוודאַי געוויינט פון גרויס פרייד און כ׳וואָלט גאָר קיין סך ניט געקלערט: צופוס וואָלט איך אַנטלאָפן אַהיין, אין מיין שטעטל אַריין! היינט אָבער האָבן זיך ביי מיר אָנגעהויבן ספיקות, אפשר זאָל איך גאָר בלייבן ערגעץ אין אַ שפּיטאָל אין די רוסישע שטעט — צו וואָס טויג מיר איצט מיין היים? דערצו איז טאַקע געווען

פאַר מיר אַ פּאַרטיקע שטעלע אין טולע, וואו מען האָט מיך געוואָלט צונעמען אין אַ שפּיטאָל און געבן גאַנץ גרויסע שכירות. ס'האָט שוין קיין סך ניט געפעלט, איך זאָל ווידער בלייבן צווישן די גויים, מיט וועלכע איך האָב זיך שוין אַזוי צוגעוויינט. אָבער כ'האָב פאָרט ניט גע־קאָנט פועלן ביי זיך צו בלייבן ווייטער אין דער פרעמד. ס'האָט מיך ווידער אָנגעהויבן ציען אַהין, וואו כ'בין געבאָרן געוואָרן, וואו כ'בין מיט מיינע חברים געגאַנגען אין חדר, וואו מ'האָט מיך אַמאָל אויפגערופן „מפטיר", און וואו די פאָר גזלנישע יידן—די רשעים אין די יאַרמולקעס—האָבן מיך אַרויסגעכאַפּט פון מיין נעסט און האָבן מיך פאַרוואָרפן אין דער ווייטער ברייטער וועלט.

אַזוי בלייבט דאָס—איך פאָר אַהיים! איך פאָר צו מיינע לעבעדי־קע און טויטע פריינד און באַקענטע, איך פאָר כאָטש נאָך איינמאָל אַ קוק טאָן אויף מיין איינגעבויגענער מאַמען, וועלכע האָט געוויס אַ סך פאַר־גאָסן טרערן אויף מיין אומגליק און וועלכע וואָלט אַוודאי געוואָלט פאַרן טויט אַ קוק טאָן אויף איר זון. פאַרן טויט—זאָג איך, און אפשר איז זי שוין טאַקע לאַנג געשטאָרבן? און מיין טאַטע? אַז איך וויס גאָרנישט!

הייסט דאָס—פאָר איך אַהיים! נאָך אַזויפיל יאָרן פון צרות און פיין, פון אַ סך ליידן און ווייניק פריידן—פאָר איך ווידער אַהין, פונוואַ־נען אַ פאָר שלעכטע יידן האָבן מיך אַמאָל אין אַ זומערדיקן פרייטאָג אַרויסגעכאַפּט און אַוועקגעפירט ווי אַ געבונדענע שעפעלע. כ'האָב איינ־געפּאַקט מיין ביסל חפצים, האָב זיך אָפּגעזעגנט מיט מיינע חברים און בין אַוועקגעפאָרן.

וואָס ווייטער דער צוג איז געגאַנגען, אַלץ נענטער בין איך גע־וואָרן צו די יידישע שטעט און שטעטלאַך, און אַלץ שטאַרקער האָט גע־קלאַפּט דאָס האַרץ. ווען מען וועל איך נאָך געפינען לעבעדיק און ווען מען וועל איך דאַרפן זוכן צווישן די פאַרוואַקסענע קברים אויפן שטעטלשן בית־עולם? ווער ווייס מיך דאָרטן באַגעגענען אין מיין טאַטנס הויז? צי ביידע—דער טאַטע מיט דער מאַמען—צי איינער פון זיי, צי אפשר גאָר קיינער ניט?

אַזוי זיינען אַריבער עטלאַכע טעג, און איך בין צוגעפאָרן ביז קאָוונע. דאָ האָב איך זיך אָפּגעשטעלט אויף אַ פאָר טעג, וואָרים מיר האָט זיך ניט געוואָלט אַריינפאָרן אין מיין שטאָט אָן די נייטיקע זאַכן,

וואָס יעדער ייד מוז האָבן. איך האָב ניט געהאַט קיין אַרבע=כנפות, כ׳האָב ניט געהאַט קיין תפילין, און ווי באַווייזט מען זיך אַזוי צו די עלטערן? האָב איך טאַקע אין קאָוונע אַלץ איינגעהאַנדלט, און מיט אַ רואיקן געוויסן האָב איך זיך געלאָזן פאָרן ווייטער — נענטער צו דער אייגענער היים. זיצנדיק אין וואַגאָן, האָב איך זיך געשפּירט גליקלאַכער, ווי די גאַנצע צייט, וואָס איך האָב פאַרבראַכט דאָרטן אין דער גויאישער וועלט. עפּעס בין איך דאָך איצט מער ניט קיין פאַרקויפטער מענטש, עפּעס געהער איך דאָך צו זיך אַליין און קאָן גיין און פאָרן, וואו איך וויל און צו וועמען איך וויל! און ס׳האָט מיר הנאה געטאָן, וואָס צוליב די נייע תפילין מיטן אַרבע=כנפות, וואָס כ׳האָב איינגעקויפט, בין איך געוואָרן אַזוי ווי נענטער צו דעם יידישן גאָט און צו דעם יידישן פאָלק. היינט די מצוות פון כיבוד-אב=ואם איז עפּעס אַ קלייניקייט? וואָס דאַרף מען האָבן אַ גרעסערע מצווה ווי דערפרייען אַן אַלטן טאַטן און אַן אַלטער מאַמען? אין אַזוינע אָנגענעמע מחשבות בין איך אין וואַגאָן איינגעשלאָפן אַזוי פעסט, אַז כ׳האָב גאָר ניט געהערט, ווי דער צוג האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף דער סטאַנציע פון מיין שטאָט.

אין שטאָט אַריין בין איך אַריינגעפאָרן אינמיטן נאַכט. אויף די גאַסן איז געווען פינסטער און קיין לעבעדיקן מענטשן האָט מען ניט געזען. כ׳האָב אָנגעהויבן אַרומקוקן זיך אויף אַלע זייטן און האָב געמיינט אפשר וועל איך דערקענען אונזער גאַס, אונזער שטוב, אונזער גאָרטן, אפשר... אָבער אַלץ איז מיר דאָ געווען אַזוי פרעמד, ווי כ׳וואָלט דאָ גאָר קיינמאָל אויפן לעבן ניט געווען, און כ׳האָב בשום אופן ניט געוואוסט, וואו זאָל איך דאָ זוכן מיינע עלטערן. כ׳בין אַראָפּגעקראָכן פון וואָגן און האָב אָנגעהויבן אַרומצוגיין צופוס און אַריינצוקוקן אין די פענסטער: אפשר ברענט ערגעץ פייער — וועל איך אַריינגיין זיך נאָכפרעגן. באַלד טאַקע האָב איך פון דערווייטנס באַמערקט אַ פייערל און בין צוגעגאַנגען צום פענסטער. כ׳האָב זיך איינגעקוקט און דערזען, ווי אַ יידישער בעקער שטייט אין טלית=קטן און זעצט בולקעס אין אויוון און אויף אַ בעט זיצט אַן אַלטע יידענע מיט אַ גראָבן קרבן=מנחה און זאָגט עפּעס—תהילים אָדער תחינות—ווער ווייס?

אַ קליין ווילע בין איך אַזוי געשטאַנען אונטערן פענסטער, ביז איך בין אַריין אין שטוב. דערנאָך האָט מיר שוין אַפילו פאַרדראָסן,

וואָרים אַלע האָבן זיך דאָרטן אַזוי דערשראָקן פאַר מיר, אַז זיי זיינען געוואָרן בלייך, ווי מתים. עפּעס אַ קליינִיקייט: אינמיטן נאַכט לאָזט זיך אַריין אַ „נאַטשאַלניק" אין קנעפּלאַך! און דער בעקער מיט דער אַלטער האָבן טאַקע גאָר אַנדערש ניט געטראַכט, אַז דאָס בין איך געקומען אַהער ניט אומזיסט: כ'וועל דאָ מאַכן אַן אָביסק, כ'וועל זיי מסתמא אַרעס־טירן, און גאָס ווייס, וואָס דער סוף וועט זיין מיט זיי! פונדעסטוועגן האָט מיר דער בעקער דערלאַנגט אַ שטול און האָט געזאָגט צו מיר אויף גויאיש:

— זעצט זיך, גאָספּאָדין, זעצט זיך...

זעענדיק, אַז אַלע זיינען דאָ אַזוי דערשראָקן און אַז זיי ציטערן פאַר מורא, האָב איך זיי באַלד באַרואיקט און געזאָגט אויף יידיש:

— איך בין אַ ייד—האָט קיין מורא ניט... איך בין אַ היגער אַ גע־באָרענער, איך בין...

דערהערנדיק אַזעלכע דיבורים, האָט דער בעקער אַנידערגעשטעלט די לאָפּעטע, די אַלטע האָט פאַרמאַכט דעם גראָבן סידור, און זיי האָבן מיט גרויס נייגעריקייט אָנגעהויבן נאָכפרעגן ביי מיר, ווער בין איך, פונוואַנען קום איך, וועמען דאַרף איך? ווען איך האָב זיי אָנגערופן דעם נאָמען פון מיין טאַטן, האָבן זיי ביידע מיטאַמאָל אויסגעשריען: „אַזוי, ביסטו דאָס חיימקע?!" כאָטש זיי זיינען דאָך מיר פרעמדע מענטשן גע־ווען, דאָך האָב איך געזען אויף זייערע פּנימער, אַז זיי האָבן זיך זיי־ער דערפרייט מיט מיר, און די אַלטע האָט באַלד אויסגעשריען אויפן קול:

— נחום, וואָס שטייסטו? טו אָן גיכער די קאַפּאָטע און לויף אָנ־זאָגן זיינע קרובים—דו וועסט דאָך פאַרדינען די גרעסטע מצווה!

איך האָב אָבער ניט געוואָלט בלייבן דאָ וואַרטן, ביז נחום וועט זיך אומקערן, און מיר זיינען אַרויס פון שטוב ביידע צוזאַמען. די אַל־טע יידענע אָבער האָט אַליין אויך געוואָלט פאַרדינען אַ מצווה, און גע־וואוסט האָט זי, אַז פאַרטאָג איז מיין טאַטע אין בית־המדרש — איז זי באַלד אַוועקגעלאָפן האַסטיק און פלינק, ווי אַ קליין מיידעלע.

מיר זיינען דורכגעגאַנגען איין געסל, אַ צווייטע געסל, ביז מיר האָבן זיך פאַרקערעוועט אויפן מאַרק. דאָ האָט זיך נחום מיט דער אַל־

טער אָפּגעשטעלט און האָבן צו מיר שטיל געזאָגט: „שיין, אָט דאָ וואוינט דיין טאַטע!״

אין שטוב צו אונז זיינען מיר אַריין אַלע דריי מיטאַמאָל, און תיכף האָט מיר דאָס האַרץ פאַרדריקט פון פרייד און צער, זעענדיק די גרויסע אָרימקייט פון שטוב, וואו מיינע עלטערן וואוינען. אין דער ווײלע האָב איך זיך גאָר אינגאַנצן פאַרגעסן, וואו איך געפין זיך. איך בין געשטאַנען אינמיטן שטוב ווי אַ צעטומלטער און האָב געשפּירט, ווי גרויסע טראָפּנס טרערן רינען איבער מיין געזיכט. עפּעס ווי דורך אַ שלאָף האָב איך געהערט, ווי דער בעקער און די אַלטע זאָגן מיינע עלטערן „מזל=טוב״, אָנווייזנדיק אויף מיר מיט די פינגער און שרייענדיק: „אָט איז דאָך אייער זון, אָט איז דאָך אייער חיימקע!״

מיינע עלטערן אָבער האָבן בשום אופן ניט געוואָלט גלויבן, און זיי האָבן מיט כעס אָנגעהויבן שרייען אויף נחומען און אויף דער אַלטער:

— וואָס זייט איר געקומען אינמיטן נאַכט חוזק מאַכן פון אונז? וואָס איז דאָס? שעמען דאַרפט איר זיך אין אייער ווייטן האַלז! קומען שיטן יענעם זאַלץ אויף די וואונדן.

— ר׳ יוסף, מערע,—האָט נחום געשריען צו מיין טאַטן מיט דער מאַמען: וואָס טוט זיך דאָ מיט אייך? איר זעט ניט, אַז ס׳איז געקומען צו אייך אייער זון! דאָס איז דאָך אייער חיימקע!

— אונזער זון האָבן מיר שוין לאַנג פאַרלאָרן...—האָט מיין מאַמע געווישט די אויגן: מיר האָבן באַהאַלטן אונזער אומגליק פון לייטן, אָבער מיר האָבן שוין לאַנג געוואוסט, אַז ער איז געוואָרן אַ גוי — ווער ווייס, וואו זיינע ביינער זיינען שוין?

איך בין געשטאַנען און געהאָרכט, ווי מיין מאַמע באַקלאָגט איר זון, וועלכער האָט זיך געשמדט און איז ערגעץ פאַרפאַלן געוואָרן צווישן גוים, דערביי האָט זי אַזוי פאַרבראָכן די הענט, גלייך ווי איך וואָלט שוין לאַנג געלעגן אויפן הייליקן אָרט. כ׳האָב זיך געוואָלט אַריינמישן אין שמועס צווישן איר מיט דער אַלטער בעקערקע, אָבער איך האָב עפּעס בעת=מעשה פון צער און האַרצווייטאָק ניט געקאָנט עפענען דעם מויל, און כ׳בין ווידער געבליבן שטיין מיט אויסגעגלאָצטע אויגן אויפן מיטן שטוב.

— וואָס טוט זיך דאָ?—האָט נחום דער בעקער אָנגעהויבן שרייען,

קוקנדיק אויף מיין מאַמען—וואָס באַוויינט איר און באַקלאָגט אייער זון לעבעדיקערהייט? אייער זון שטייט ביי אייך אין שטוב געזונט אויף אַלע איברים, און זי שטייט און באַוויינט אים! גענוג אַ ביסל! — האָט נחום געמאַכט מיט די הענט: אָט איז דאָך אייער זון, וואָרים פונוואַנען וואָלט ער געוואוסט, ווי מען רופט אייך? באַלד ביים אַריינגיין האָט ער דאָך מיר געפרעגט: וואו וואוינט דאָ מ י י ן ט אַ ט ע יוסף מערימזאָן, יוסף דער מלמד? דאַרפט איר האָבן נאָך אַ בעסערן סימן?

מיין מאַמע אָבער האָט זיך ניט געלאָזט איינריידן און זי האָט אפילו אין מיין זייט ניט געקוקט. זי האָט נאָר פאַרבראָכן די הענט און געטענהט:

— מסתמא האָט דער „ערל" געדינט ערגעץ מיט מיין זון צוזאַמען און ער האָט ביי אים גענומען אונזער אַדרעס. ווייסט איר וואָס, ר' נחום, איך וואָלט אייך געבעטן: איר קאָנט דאָך ריידן מיט אים אויף זיין לשון, טאָ זאָגט אים, זייט אַזוי גוט, ער זאָל זיך גיין געזונטערהייט, פונוואַנען ער איז געקומען און זאָל ער דאָ ניט שטיין איבער אונזערע קעפּ.

ביי די ווערטער האָט זיך מיין טאַטע אויסגעדרייט, גענומען דעם טלית און תפילין און איז אַוועק אין בית־מדרש אַריין דאַוונען, און איך בין נאָך אַלץ געשטאַנען ווי אַ געליימטער אָן לשון. בשעת־מעשה האָב איך אַליין ניט געוואוסט, וואָס מיט מיר איז. עפּעס האָט מיר פאַרדראָסן, וואָס מ'וויל מיך ניט אַריינגעמען אהער אין שטוב, אהער אין מיין טאַטנס שטוב, וואו איך האָב דערזען גאָטס וועלט און האָב פאַרבראַכט מיינע עטלאַכע יונגע יאָרן. ס'האָט מיר באַנג געטאָן, וואָס קיינער ווייס ניט, ווי אָפּצושאַצן ריכטיק די גרויסע יסורים, וואָס איך בין אויסגעשטאַנען צוליב מיין יידישקייט, וואָס דאָ ווייס קיינער ניט, וויפל בלוט און וויפל טרערן ס'האָט מיר געקאָסט, איידער כ'בין געוואָרן אַ שטיקל מענטש, און אַלץ— ווייל כ'האָב ניט געוואָלט פאַרלירן מיין טאַטן־מאַמען, מיין פאָלק און מיין גאָט! פון צווייטן זייט אָבער האָב איך דערווייליע רחמנות געהאַט אויף מיין אָרימער אויסגעמאַטערטער און פאַרעלטערטער מאַמען, וואָס האָט געהאַט אַזויפיל יסורים און האָט אַריבערגעטראָגן אַזויפיל בזיונות צוליב איר זון, וועלכער האָט זיך כלומרשט געשמדט... איך האָב זיך געשמדט! ווי פאַלט דאָס גאָר עמיצן איין? ווי קאָן דאָס גאָר עמיצער זאָגן, אַז איך, חיים מערימזאָן, האָב פאַרקויפט מיין נשמה?! וואָס העלפט

דאָס אָבער, אַז מיין מאַמע און מיין טאַטע זיינען אין דעם אַזוי זיכער, אַז זיי ווילן גאָר אין מיין זייט ניט קוקן—אַז זיי דערקאָנען מיך גאָרניט!

איך האָב אַפילו געוואָלט אַרויספאַלן דער מאַמען אויפן האַלז און פונאַנדערוויינען זיך פון פרייד. וואָס קאָן זיין אַ גרעסערע שמחה פאַר מיר, ווי דאָס, וואָס כ'האָב זי געפונען אַ לעבעדיקע? אַפילו אַן אַלטע איז זי שוין, אַ איינגעבויגענע, אָבער פאָרט אַ לעבעדיקע מאַמע! ס'איז מיר שווער געווען איינצוהאַלטן זיך און ניט אויסברעכן אין אַ געוויין, כ'האָב אָבער פאַרשטאַנען, אַז דאָס וועט אפשר מאַכן אַ שרעקלאַכן רושם אויף דער מאַמען, און פון גליק קאָן זי נאָך, חס־ושלום, קראַנק ווערן. איך בין נאָך אַ ווײַלע געשטאַנען און געקוקט אין אַלע ווינקעלאַך פון אונזער שטוב, ביז איך האָב צוגענומען מיינע בעקלאַך און בין אַוועק אויף אַ אַכסניה.

אַז איך בין געבליבן זיצן אין אַ באַזונדער חדר אויף דער אַכסניה, האָב איך מיר אַ טראַכט געטאָן: אַזויפיל פאַנטאַזירט וועגן דער באַגעגעניש מיט די עלטערן, וועגן דעם שיינעם קבלת־פנים, וואָס זיי וועלן מיר מאַכן, און דאָ—נאַ דיר: מ'דערקאָנט מיך אַפילו ניט! מ'גלויבט גאָר ניט, אַז איך בין איך, אַז איך בין אַ ייד און אַז איך בין דאָ לעבן זיי—אַזוי, נאָענט! טראַכטנדיק אַזוי וועגן מיין ביטערן מזל, וועגן די סך יאָרן, וואָס זיינען אַריבערגעלאָפן, וועגן די פיל צרות, וואָס כ'האָב איבערגעטראָגן, וועגן מיין טאַטן־מאַמען, וואָס ווילן פון מיר ניט וויסן — האָט מען פלוצלונג אָנגעקלאַפט צו מיר אין טיר און ס'איז אַריין אַ עלטערער ייד מיט אַ פאָר לאַנגע פיאות:

— איך בין דער שמש, דער היגער שמש בין איך, און מיך האָט דער רב אונזערער געשיקט בעטן אייך, איר זאָלט קומען צו אים; דער רב וועט אייך שוין זאָגן, אויף וואָס ער דאַרף אייך. וועט איר באַלד קומען?

— אַוודאי וועל איך קומען—האָב איך פריילאַך געענטפערט. באַלד, טאַקע שוין קום איך.

איך האָב פאַרשטאַנען, אַז ביים רב וועט מען דאָס פרובן פעסטשטעלן אַקוראַט ווער איך בין—צי בין איך טאַקע דער, וואָס איך זאָג, און צי האָב איך זיך טאַקע ניט געשמדט. כ'האָב דעריבער גענומען אַלע מיינע פאַפירן און בין אַ צופרידענער אַוועק צום רב.

קיין „שלום־עליכם" האָט דער רב מיר ניט געגעבן. ער האָט מיך נאָר געבעטן זיצן און האָט גלייך אויף אַן אָרט געפרעגט:

— מיט וואָס, מיין זון, קאָנסטו דערווייזן, אַז דו האָסט זיך ניט געשמדט? האָסטו עפּעס ראיות צו ברענגען?

— אוודאי האָב איך ראיות, ווי־זשע־דען? — האָב איך געענט־פערט מיט גדלות, וואָרים איך בין זיך ווייס דאָך דעם אמת, טאָ וואָס זאָל איך מורא האָבן?

קודם־כל האָב איך זיך אַביסל פונאַנדערגעשפּילעוועט און האָב באַוויזן דעם רב, אַז איך טראָג אַן ארבע־כנפות, דערנאָך האָב איך אים באַוויזן מיינע תפילין מיטן סידור און תהילים, דערביי האָב איך מיט ניצחון אויסגעשריען:

— נו, רבי, איצט גלויבט איר שוין, אַז איך בין אַ ייד און אַז איך בין ניט קיין געשמדטער?

דער רב אָבער האָט נאָך אַלץ ניט געגלויבט אינגאַנצן, און ער האָט ביי מיר געבעטן, כ׳זאָל אים אַקאָרשט ווייזן מיין בילעט, וואָס מ׳האָט מיר אַרויסגעגעבן נאָכן דינסט. כ׳האָב זיך ניט געלאָזט בעטן און האָב אים דערלאַנגט מיין בילעט. ערשט דאַן, ווען דער רב האָט זיך איבערצייגט, אַז איך בין נאָך פאָרט אַ גאַנצער, אַ אמתער ייד אָן אַ פּגימה, האָט ער אַרויפגעלייגט זיינע ביידע הענט אויף מיין קאָפּ, האָט מיר געגעבן זיין ברכה און באַלד אַוועקגעשיקט אַ שמש צו מיינע עלטערן, זיי זאָלן תיכף קומען צו אים. ס׳האָט געדויערט סך־הכל עטלאַכע מינוט, און ס׳איז אַריינגעקומען מיין טאַטע און הינטער אים מיין מאַמע.

— איר זאָלט וויסן זיין, ר׳ יוסף — האָט דער רב גערעדט און געקוקט אויף מיין טאַטן — איר זאָלט וויסן זיין, אַז אייער זון איז אַ אמתער ייד, ער איז אַ כשרער ייד, און מ׳קאָן אפילו זאָגן, אַז ער איז אַ צדיק, וואָרים אַ סך צרות און עינויים האָט ער איבערגעטראָגן צוליב אונזער אמונה.

אַז מיין טאַטע מיט דער מאַמען האָבן דערהערט אַזעלכע דיבורים פון רבס מויל, זיינען זיי ביידע מיט איין מאָל געוואָרן בלייך ווי די וואַנט. דער טאַטע האָט געקוקט אויף דער מאַמען, די מאַמע — אויפן טאַטן, און ביידע האָבן זיי פונדערווייטנס געוואָרפן בליקן אויף מיר. ס׳האָט אָבער לאַנג ניט געדויערט: באַלד האָט זיך מיין מאַמע פונאַנ־

דערגעוויינט אויפן קול און האָט זיך מיר אַרויפגעוואָרפן אויפן האַלז מיט די ווערטער:

— מיין טייערער, מיין ליבער זון! טייערער קדיש מיינער! זיי אונז מוחל, וואָס איך און דער טאַטע האָבן דיך אַמאָל אַזוי אָפּגעשטויסן פון זיך! זיי אונז מוחל, וואָס מיר האָבן דיך אַמאָל אַזוי מבייש געווען און האָבן דיר געשיקט אַ רובל אויף אַ שטריקל, דו זאָלסט זיך אויפהענגען! הענגען זאָלן זיך אונזערע שונאים, רבונו־של־עולם! און צו דיר זאָל קיין צרה ניט קומען און דער אויבערשטער זאָל דיך אויסהיטן פון שלעכטס... זיי אונז מוחל, מיין קינד, זיי אונז מוחל!

ביי די ווערטער האָט זיך מיין מאַמע נאָך מער פונאַנדערגעוויינט און אויף איר קוקנדיק, האָט געוויינט מיין טאַטע, און אַפילו דער רב מיטן שמש האָבן געווישט די אויגן.

— ער איז אַ גרויסער בעל־עולם־הבא — האָט געזאָגט דער רב וועגן מיר. ער איז גאָר אַ גרויסער בעל־עולם־הבא אייער זון: די יידיש־קייט קאָסט אים גענוג טייער—אַזוי פאַרשטיי איך, און איך בין גאָרניט מסופק, אַז אייער זון וועט אייך מוחל זיין, ער האָט אייך שוין לאַנג מוחל געווען.

מער האָב איך שוין ניט געקאָנט שוויגן, וואָרים איך האָב געזען, אַז מיינע עלטערן קוקן אויף מיר, ווי זינדיקע, און האָבן ניט געוואוסט, מיט וואָס זיי זאָלן אָפּוואַשן זייער זינד.

— מיינע טייערע עלטערן—האָב איך צו זיי גערעדט מיט אַ ציטער־דיקער שטימע: טייערע מאַמע און טייערער טאַטע—זייט בעסער איר מיר מוחל, וואָרים איך האָב גאָר פון אָנהייב אָן אויף אייך קיין כעס ניט געטראָגן. איך האָב דען, מיינט איר, ניט פאַרשטאַנען, אַז שלעכטע מענטשן האָבן אויף מיר געמאַכט אַ בילבול? מ׳איז געקומען צו אייך און מ׳האָט אייך דערציילט אויף מיר כל־דבר־אסור, אַל־דאָס בייז האָט מען אויף מיר אָנ־גערעדט, און ווי אַזוי האָט איר געקאָנט דערגיין דעם אמת? יע, איך בין טאַקע געבליבן אַ ייד, אָבער ס׳קאָן זיין, אַז דאָס איז ניט מיין איי־גענע גבורה, נאָר מחמת גאָט האָט דערהערט אייערע תפילות, ס׳איז דערגאַנגען צו אים אייער געוויין, און דער אויבערשטער האָט מ׳ר גע־געבן כוח אויסצוהאַלטן אַלע עינויים און ניט אונטערגעבן זיך!

מיין טאַטע איז צו מיר צוגעגאַנגען, האָט מיך אַרומגענומען מיט

ביידע הענט און האָט זיך דערביי פונאַנדערגעכליפּעט מיט אַזאַ יאָמער, אַז אַלע, וואָס האָבן זיך געפונען ביים רב אין שטוב, האָבן געווישט די אויגן און האָבן זיך ניט געקאָנט איינהאַלטן פון טרערן. אַזוי זיינען מיר געשטאַנען ארומגענומען אַ היפּשע ווײַלע, ביז די רביצין האָט אָנגעהויבן זאָגן מיינע עלטערן מוסר:

— וואָס טוט זיך דאָ מיט־אייך, ר׳ יוסף? וואָס איז דאָס פאַר אַ וויינען? וואָס מאַכט איר דאָ פאַר אַ יום־כיפּור? דאַכט זיך פאַרקערט: איר דאַרפט זיך פרייען מיט אייער געפונענעם זון, און איר דאַרפט אים איצט פירן לתּורה, לחופּה ולמעשׂים־טובים.

— אָמן!—האָט אויף דעם מסכּים געווען דער רב.

מיין טאַטע מיט דער מאַמען האָבן אויסגעווישט די אויגן, איך האָב זיך אָפּגעזעגנט מיטן רב, און כ׳בין אַוועק מיט מיינע עלטערן אַהיים אין אונזער קליין אָרים הייזל.

אַריינגייענדיק אין שטוב, האָט מיר די מאַמע דערמאָנט, אַז איך זאָל אין אַ מזלדיקער שעה אַ קוש טאָן די מזוזה. דאָ אין שטוב האָט זיך באַלד אָנגעהויבן די אמתע שׂמחה צוליבן טייערן גאַסט. די מאַמע איז אַוועקגעלאָפן קויפן פון מיינטוועגן כּיבּוד — אַ הערינג, דער טאַטע איז אויך אַוועק מיט אַ פלעשל אין קעשענע צו באַקומען אַ ביסל משקה און צייט עטלאַכע מינוט איז שוין געווען געגרייט דער טיש. דער טאַטע האָט אָנגעגאָסן צוויי גלעזלאַך, און ער האָט מיר געהייסן ניט זיין אומעטיק:

— ביסטו נאָך געבליבן אַ ייד, מאָגסטו שוין זיין פריילאַך — האָט דער טאַטע מיט צופרידנקייט געזאָגט—נעם אַ ביסל בראַנפן, לחיים! לחיים מיין זון!

— לחיים, טאַטע, לחיים מאַמע! איך בין גליקלאַך, וואָס איך האָב אייך געפונען געזונט און וואָס כ׳האָב געהאַט די זכיה אייך אָנצוקוקן. איך דאַנק דעם רבונו־של־עולם, וואָס ער האָט פאַרלענגערט אייערע יאָרן און האָט אונז ווידער צונויפגעבראַכט. לחיים, טאַטע, לחיים מאַמע —מיר זאָלן זיין געזונט!

מיין טאַטע האָט גענומען אַ צווייטע גלעזל בראַנפן און האָט ווי־דער איבערגעחזרט מיט אַ גליקלאַכן פּנים:

— לחיים, מיין טייערער זון, לחיים מיין קדיש! אַ גרויסן זכות

האָב איך ערגיץ אין הימל, וואָס מיין זון האָט ניט געלאָזט זיך איבער-
ריידן, בייטן זיין אמונה! לחיים, מיין כשרער זון, און גאָט זאָל געבן,
מיר זאָלן דיך פירן צו דער חופה מיטן באַשערטן זיווג—אָמן!

ניט רייך אין מאכלים איז געוועזן אונזער טיש, אָבער שוין לאַנג
אַז איך האָב מיט אַזאַ הנאה ניט געגעסן ווי היינט. עפּעס האָט פאַר מיר
געהאַט דער מאַמעס הערינג דעם בעסטן טעם, און זעענדיק אַנטקעגן
זיך מיינע עלטערן, וועלכע זיינען פאַר דער צייט, וואָס איך בין ניט
געוועזן אינדערהיים, געוואָרן אַלט און שוואַך—האָט מיר געפרייט דאָס
האַרץ, און פון שמחה האָב איך אַלע ווײַלע דערשפּירט אַ נייע זודיקע
טרער אויף מיינע באַוואַקסענע באַקן.

באַלד אָבער האָט זיך געענדיקט אונזער מאָלצייט און כ׳האָב זיך
אָנגעהויבן ביסלאַכווייז ארומקוקן, וואו בין איך דאָ אין דער וועלט. דעם
ערשטן טאָג בין איך כמעט פון שטוב ניט אַרויס—ס׳האָט זיך מיר ניט
געוואָלט שיידן מיט מיינע „אַלטע״ אפילו אויף איין רגע. אָבער אויף
מאָרגן בין איך שוין ביסלעכווייז אַרויס. איך בין געגאַנגען אין בית-
מדרש אַריין, אין מאַרק און אַזוי אַ ווײַלע איבער די גאַסן—אָנקוקן די
שטאָט.

אין שטאָט האָט מען זיך באַלד דערוואוסט, אַז איך בין אַ פעלד-
שער, און וויבאַלד אַזוי, בין איך דאָך אַ פאַרדינער, און מ׳קאָן מיר געבן
אַ כלה. האָבן טאַקע אָנגעהויבן גיין צו מיין טאַטן שדכנים און שדכנטעס,
אַז ס׳איז פון זיי ממש פול געוועזן די שטוב. איינער קומט אַריין, סודעט
זיך אַ ווײַלע מיט מיין טאַטן און דאָ קומט אַריין אַ צווייטער און שוש-
קעט זיך מיט מיין מאַמען. איינער אַ שדכן האָט געלויבט זיין סחורה,
אַז ער האָט פאַר מיר אַ כלה איינע אין דער וועלט: זי קאָן נייען און
שטעפן און שרייבן אַ בריוול. הכלל—אַ גערעטעניש איינע אין דער וועלט.
תיכף קומט אַ נייע שדכנטע און מאָלט אָפּ אַ שידוך, אַז אַלע פריערדיקע
טויגן טאַקע אויף כפּרות: אַ כלה מיט געלט און מיט יחוס און מיט
שיינקייט און מיט חכמה—איינע אין אַ מדינה.

מיין מאַמע האָט אָבער אַלץ מורא געהאַט, טאָמער וועט זי מיך
פאַרנאַרן! עפּיס אַ קליינינקייט אַזאַ טייערער זון! און זי האָט געזאָגט:

— אין וועל פון פרעמדע הענט פאַר מיין זון קיין כלה ניט נעמען.
און וועל אַליין פאַר אים געפינען זיין באַשערטע. און אַזוי איז דאָס

טאַקע געווען: די מאַמע האָט זיך אָוועקגעלאָזן זוכן פאַר מיר כלות און זי האָט אַזוי לאַנג געזוכט, ביז זי האָט טאַקע געפונען.

אין אַ שיינעם פרימאָרגן האָט מיין מאַמע מיך אָוועקגעפירט צו איינעם אַ שטאָטישן בעל־הבית, און דאָרטן, לאָזט זיך אויס, איז דאָס געווען מיין באַשערטע. ס׳איז מיר אָבער שטאַרק ניט געפעלן געוואָרן מיין מאַמעס מבינות, וואָרים כ׳האָב באַלד באַמערקט, אַז קיין גרויסע חכמה איז זי געוויס ניט, מיין כלה. קיין מיאוסע איז זי אַפילו ניט גע־ווען, אַ הויכע, אַ דיקע מיט רויטע באַקן און מיט אַ געדיכטן צאָפּ האָר. אָבער אַז איר פּנים איז פּאָרט געווען אַ נאַרישער, און מיר האָט זיך שטאַרק ניט געוואָלט פאַרבינדן זיך מיט אַ נאַר. די עלטערן פון זייער זייט האָבן געפונען, אַז קיין בעסערע כלה איז גאָר אויף דער גאַנצער וועלט ניטאָ, און זיי האָבן מיך אָנגעהויבן צוריידן, איך זאָל מאַכן תנאים, און דערנאָך טאַקע באַלד די חתונה. — צו וואָס לייגט מען אָפּ? — האָט די מאַמע געטענהט: קיין קליינינקער ביסטו שוין דאַנקען גאָט ניט, און מיר זיינען ,שוין אַלטע — לאָמיר כאָטש טאַנצן אויף דיין חתונה, איידער מיר וועלן שטאַרבן!

די מאַמע האָט ניט געמאַכט קיין לאַנגע שהיות און האָט געהייסן אַ שניידער אויפניייען פאַר מיר אַ נייעם קאָסטיום, וואָרים כ׳האָב נאָך אַלץ געטראָגן אויף זיך מיינע סאָלדאַטסקע קליידער, און זי האָט זיך אָנגעהויבן גרייטן צום תנאים.

— לאָזט מיר אַ ביסל אַרומזען זיך, וואו איך בין אין דער וועלט! לאָזט מיר אַפּריער קומען צו זיך — אפשר וועל איך גאָר ניט האָבן דאָ קיין פּראַקטיקע, און וועל ניט קאָנען שפּייזן קיין ווייב? זאָל געדויערן נאָך אַ חודש, נאָך צוויי חדשים, און דאַמאָלסט וועלן מיר זען.

מיין מאַמע אָבער האָט געוועלט, ניט אַנדערש, אַז דער שידוך זאָל ווערן איינס און צוויי. זי האָט פּשוט דערקלערט:

— דאָס האָסט דו צייט — דו ביסט אַ יונגערמאַן. איך אָבער און דיין טאַטע, זאָל געזונט זיין, מיר זיינען שוין אַלטע, און מיר אַליין ווילן דיך פירן צו דער חופּה. צו וואָס איז די אָפּלייגעניש? צו וואָס איז די וואַרטעניש?

מיין מאַמע האָט אָנגעהויבן צו ברענגען די כלה צו אונז אין שטוב אַריין. יעדן מאָל האָט זי איר אַריינגעפירט מיט אַן אַנדער תּירוץ

און מיט אַ אַנדער אויסרייד: דאָס איז די כּלה געגאַנגען פאַרביי, דאָס האָט מען דערזען זי דורכן פענסטער און נאָך אַזעלכע תּירוצים. געמיינט האָט די מאַמע, אַז בשעת איך וועל זי זען, וועט מיר אָנגעמען אַ חשק. אָבער געווען איז גאָר פונקט פאַרקערט: אַז די כּלה פלעגט צו אונז אַריינקומען — פלעגט זיך מיר ווען אַוועקגיין פון שטוב. און איך בין טאַקע אַ סך מאָל אַוועקגעגאַנגען אויך.

סוף־כּל־סוף האָט מיין מאַמע אָנגעהויבן צו פאַרשטיין, אַז מיר געפעלט ניט די כּלה, און זי איז דערפאַר אויף מיר שטאַרק ברוגז געוואָרן.

— סטייטש—האָט זי מיר אַלע טאָג געמוסרט—סטייטש, מיין זון, ווי אַזוי שטופּסטו דאָס אָפּ אַזאַ גליק? אַ מיידל אַ פאַרשוין מיט דריי הונדערט רובל געלט און אַ מיוחסת—ווי פאַלט דאָס דיר גאָר איין צו בראַקירן מיט אַזאַ שידוך?

טאָמער האָט די מאַמע באַמערקט, אַז אירע רייד ווירקן אויף מיר ניט, פלעגט זי כּסדר צוגעבן אין דער שטיל:

— ווי מ'וויל קאָן מען זאָגן, דו ביסט טאַקע אַ פאַרדינער, און אַ גוטער מענטש, און אַ אָרענטלאַכער, אָבער דו דאַרפסט ניט פאַרגעסן, אַז מיט אַ סאָלדאַט וויל ניט יעדערער טאָן אַ שידוך. דאָס איז באָר צוליבן טאַטן דיינעם: ווייל מ'קאָן אים אין שטאָט, און מ'ווייס, ווער מיר זיינען, און מ'האָט פאַרן טאַטן אָפּשיי... אָבער אַזוי דאַרפסטו וויסן, מיין זון, אַז מיט אַ סאָלדאַט איז שווער צו טאָן אַ רעכטן שידוך.

ס'האָט זיך מיר ניט געוואָלט מצער זיין די עלטערן, און דערצו האָב איך טאַקע ניט געקאָנט איבעררעדן מיין מאַמען. טאָמער פלעג איך אַרויסריידן איין וואָרט, פלעגט זי מיר ענטפערן צען — זי קאָן בעסער ריידן פאַר מיר, און בפרט נאָך יידיש. האָב איך זיך אַ ביסל געיִשובֿט: ניט געוואָלט און פאָרט מסכּים געווען: זאָל זיין חתונה־האָבן! מ'האָט געמאַכט תּנאָים, מ'האָט געבראָכן טעפּ, מ'האָט אַיינגעלייגט ביים רבֿ די דריי הונדערט רובל, און איך בין געוואָרן מיט מזל אַ חתן. די מחותּנים האָבן אָנגעהויבן גיין אַלע טאָג איינע צו די אַנדערע אין געסט. שבּת פלעגט מען איינע די אַנדערע מכבּד זיין מיט ליאַק־טיי, און מיך מיט דער כּלה פלעגט מען אויסריכטן הינטערן שטאָט שפּאַצירן.

פון אָנהייב אָן פלעג איך מיט מיין כּלה גיין אָן שום חשק, וואָ־

רים איך האָב עפּעס אין איר קיין שום טעם ניט געהאַט. נאָר וואָס העלפט דאָס—ס׳איז דאָך שוין מיין כלה! איין מאָל, גייענדיק מיט איר אויפן שפּאַציר, האָט זיך מיר פּאַרוואָלט אויספּרובן איר שכל: אַ קשיה אויף אַ מעשה—אפשר האָב איך גאָר אַ טעות? אפשר איז דאָס גאָר ביי מיר אַן איינגערעדטע זאַך? ווער ווייס — אפשר איז זי גראָד ניט קיין נאַר? האָב איך פריער—ווי אַלע מאָל—געשוויגן און דערנאָך האָב איך ביי איר געפרעגט אייניקע פּרטים וועגן איר טאַטן, וועגן זיינע געשעפטן און נאָך אַזעלכע זאַכן. אָבער אָנשטאָט אַ ענטפער האָט מיין כלה אויס־געשאָסן מיט אַ געלעכטער, אַז כ׳האָב געמיינט אָט = אָט וועט זיך צוזאַ־מענלויפן די גאַנצע שטאָט. איך האָב בשום אופן ניט פאַרשטאַנען, וואָס דאָס באַטייט!

— וואָס לאַכט איר? האָב איך זי איידל אַ פרעג געטאָן: פון וואָס איז דאָ צו לאַכן?

אָבער די וואַנט ענטפערט—אַזוי ענטפערט זי, און זי האָט ווידער אויסגעשאָסן מיט אַ געלעכטער, אַז ס׳איז מיר פינסטער געוואָרן אין די אויגן. איך האָב גלייך פאַרשטאַנען, אַז מ׳האָט מיר אריינגעשדכנט אַ גוטע בהמה, אָבער וואָס העלפט דאָס? מ׳האָט שוין געבראָכן די טעפּ, מ׳האָט שוין איינגעלייגט דעם נדן, און דער מאַמען מיינער געפעלט זי אַזוי שטאַרק—ס׳איז פאַרפאַלן!

אין עטלאַכע טעג אַרום האָט דער שניידער אָפּגעטראָגן מיין קאָס־טיום—אַ קאַפּאָטע לאַנג איבער די פּיאַטעס. דערצו האָט מען מיר נאָך אָנגעטאָן אַ שטריימל מיט אַ יאַרמולקע — אַזוי האָט די מאַמע געוואָלט, און איך האָב געמוזט שווייגן. אויסגעזען האָב איך אין דעם קאָסטיום ווי אַ משוגענער, און די מאַמע האָט אויף מיר געקוקט און געקוואָלן. איך אַליין האָב גאָר ניט געוואוסט, אַז מען גרייט זיך שוין צו דער חתונה. אָבער, אַז ס׳איז שוין אַלץ פאַרטיק, און מ׳פירט מיך צו דער חופּה.

איין גאָט ווייס, ווי איך האָב ניט געוואָלט אָנטאָן דעם פינגערל מיין נאַרישער כלה. נאָר איצט איז דען אַ צייט צו טראַכטן, ווען די כלי־זמר שפּילן שוין און דער בדחן זאָגט? מיט פאַרדריקטע ציין האָב איך דורכגעזייט דעם „הרי־את מקודשת״, און ס׳איז שוין נאָך אַלעמען! ווידער האָבן אַ קלאַפּ געטאָן די כלי־זמר, און אָט זיץ איך שוין מיט מיין „אשת־חיל״ אויבנאָן און מיר עסן די גילדערנע יוך...

ווילנער פאַרלאַג פון ב. א. קלעצקין

•••• ווילנע, קליין סטעפּן גאַס 23, ••••

לערן־ביכער צום נייעם שול־יאָהר.

ד. האָכבערג — „די נייע שול“ אילו־סטרירט געב.

ל. ח. יפה — דער שול־חבר פאַרן צווייטן און דריטן שול־יאָהר

ק. שיטאָמירסקי און ד. האָכ־בערג מעטאָדישע אָנווייזונגען צו דער „נייער שול“ בר. . .

ל. בראַוואַרניק און מ. לעווי טאַן — אַריפמעטישע אויפגאַבן פאַרן ערשטן לערן יאָר ב. I פאַר קינדער געב.

באַנד II פאַר לעהרער.

—) עס איז אַרויס פון דרוק (—

די 5־טע אילוסטרירטע אויסגעבעסערטע און דער־גאַנצטע אויפלאַגע דאָס „יידישע וואָרט“ כרעסטאָמאַטיע, באַנד I. II. III.

„קינדער־ביבליאָטעק“ ווילנע.

פּאַרכישופטע בת־מלכה (אילוסטר.)

שלומפּעריל

דאָס מאָוס־שטעלע

דער גליקלאַכער האַנס

פּאַטער און זוהן.

אַ מיידעלע וואָס האָט געראַטעוועט אַ צוג . . . . — 50

ש. פּרוג — דאָס שטייסל. . . פּר. 1 00

בן־עמי — פּייוול דער גרויסער און פּייוול דער קליינער „ 1 00

י. ל. פּרץ — דער קונצנמאַכער. „ — 50

מ. ספּעקטאָר — קינדער. . . „ — 75

דער קאַטער אין שטיוול . . „ — 50

דער פוילער פוקס און די קלוגע הון 75 —

ס׳דרוקט זיך און אין גיכן וועט ערשיינען:

1) פּערעלע וואַסער טראָפּן.

2) די קוקאָווקע.

3) דער פּראָש־קיניג.

4) דער וואָלף און זין ציגעלאַך.

5) דער שטערן קינד — נאָך א. אוילדע.

6) די פאַלענדע שטערן.

ג. רובאַקין „די נסיונות פון אַ יידישן דאָקטאָר באַארבעט פון ש. באַסטאָמסקי

דאָס בוך פון דזשאַנגל

פון ענגליש ל. שאַפּיראָ

געדרוקט אויף אַלעקסאַנדרינער פּאַפּיר. בעונד ד׳ מיט אַן אָריגינעלן פאַרביגן טיטל־בילד, מיט אַ סך אילוסטראַציעס אין טעקסט.

— פּרייז: 22 רובל. —

דערזעלבער בוך איז אַרויסגעגעבן אין 8 איינצעלנע בעזונדערע ביכלאַך

—— עס פּאַרפּאַרטיגט זיך צום דרוק: ר. וויפער, די אוראַלטע געשיכטע און דער מזרח ——

ווילנער פאַרלאַג פון ב. א. קלעצקין
ווילנע, קליין סטעפן-גאַס 23

עס איז אַרויס פון דרוק

בּום און דריידל

אַ פּיעסע פאַר קינדער פון שקליאַר — יידיש מ. עלקין
אַ פּראַכט-אויסגאַבע (אילוסטרירט) טייערע פּאַפּיר

בּלומען

פּאָעזיע פאַר קינדער. אַ זאַמל-ביכל פון לידער „גרינע ביימעלאַך" 1914-15
אַ פּראַכט-אויסגאַבע (אילוסטרירט) טייערע פּאַפּיר

פאַר פרייהייט און רעכט

(היסטאָרישע כראָניק) פון ב. רובאַקין, יידיש ז. רייזען

ירושלים און רוים

היסטאָרישער ראָמאַן פון אוּאַלעס
באַארבעט פון ז. רייזען

מיט באַשטעלונגען זיך ווענדן:

Wydawnictwo Wileńskie B. A. KLECKINA, Wilna.
Mało-Stefańska 23.

ווילנער פאַרלאַג
פון
ב. א. קלעצקין
ווילנע, קליין-סטעפּן גאַס, 23

נייע ביכער פאַר שול און זעלבסטבילדונג.

דער פאַרלאַג „ב. א. קלעצקין“ איז צוגעטראָטן צום אַרויס-
געבן אַ גאַנצע ריי ביכער פאַר שול און זעלבסטבילדונג.

אין דער ערשטער ריי ווערן אַרויסגעלאָזן פאָלגנדע פּאָפּולער-
וויסנשאַפטלעכע און לערנביכער:

1. יידישע געשיכטע — א. אפרתי. 1-טער טייל
2. „ „ -2-טער טייל

(רעקאמענדירט דורך דעם אוקראַינישן יידישן דעמאקראטישן לערער-
פארבאנד און דורך דער צענטראלער שול-ארגאניזאציע אין ווילנע).

3. אַנשויאונגס-געאָמעטריע — מ. שאַליט.

(רעקאָמענדירט דורך דעם אוקראַינישן יידישן דעמאָקראַטישן לערער-
פאַרבאַנד).

4. דער מענטש (לערנבוך פאַר אַנאַטאָמיע)—אַטלאַ שמעיל
אין דער איבערזעצונג פון ד״ר איסעל (בעל-מחשבות).

חוצדעם זיינען פאַרטיק צום דרוק אַ גאַנצע ריי פּאָ-
פּולער-וויסנשאַפטלעכע ביכער פון רוסיש, דייטש,
ענגליש און אַנדערע שפּראַכן, ווי:

פעלקער און לענדער:

אַמעריקע.	מצרים.	אינדיאַנער.
בריטאַניע.	אשור.	עקסימאָסן.
רוסלאַנד.	בבל.	סקאַנדינאַווישע מלוכה.
האָלאַנד.	רוים.	גריכנלאַנד און אַנד.